STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01841

YOSEF ROTNBERG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף ראָטנבערג

יוסף ראָטנבערג

(צו זיין ערשטער יאָרצייט)

פארלאג
י. ל. פרץ
ישראל

1961

JOSEF ROTENBERG
Publishing House I. L. Peretz
31, Allenby str., Tel-Aviv

יוסף ראָטנבערג
(צו זיין ערשטער יאָרצייט)

הוצאת י. ל. פרץ
תל־אביב, רח׳ אלנבי, 31

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1961

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, רח׳ אילת השחר 4, טל. 34294





פון פארלאג

אוועק איז א יאר זינט עס איז פלוצעם פארשניטן געווארן יוסף ראטנבערג פון צווישן די לעבעדיקע. ער איז אוועקגעריסן געווארן אין סאמע פונאנדערבלי פון זיין אקטיווער דינאמישער נאטור. ער האט באוויזן צו זען מיט אייגענע אויגן בלויז די ערשטע רעזולטאטן פון זיין אויפטו — די פראקטישע פירות פון זיין אויסגעחלומטן ווערק, דעם י. ל. פרץ־פארלאג.

זיינע חברים מיטארבעטער האבן עס באטראכט ווי א ספעציעלן חוב לגבי דעם אנדענק פון פארשטארבענעם חבר ווייטער פונאנדער־צובויען דעם פארלאג, ווי עס האט געפלאנט יוסף ראטנבערג, באזונדערס אין זיינע לעצטע טעג, שוין אויפן קראנקן־בעט.

דאס האט געזאלט זיין די פאסיקסטע און ווערדיקסטע מצבה, אין וועלכער עס וועט תמיד שיינען זיין גייסט און זיך מאניפעסטירן זיין אידעע.

צו דער ערשטער יארצייט ברענגט דער פארלאג דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט א באשיידענע שריפט, אין וועלכער עס זענען פארצייכנט די ערשטע איינדרוקן, רעאגירונגען פון פריינד, שריפט־שטעלער און טוער, וואס זענען דערשיטערט געווארן דורך דער ידיעה וועגן דעם פריצייטיקן טויט פון יוסף ראטנבערג.

דער פארלאג איז ממשיך ראטנבערגס אנשטרענג צו פארוואנדלען דעם חלום אין א ווירקלעכקייט, און ס׳איז א טיפער אמת, אז ראטנבערגס געשטאלט שוועבט כסדר פאר די אויגן פון די פארלאג־מיטארבעטער, וועלכע זוכן טרייסט אין דעם המשך פון זיין לעבנס־ווערק, אויב אים אליין איז שוין נישט באשערט געווען צו פאר־ווענדן זיין ענערגיע אין דער ארבעט, אין וועלכער ער האט ארייג־געטאן זיין נשמה און שטרעבונג.

אין דער פאַרליגנדיקער זאַמלונג קומען אַריין כאַראַקטעריסטי־קעס און דערינערונגען פון פריינד, וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צו ראָטנבערג און זיין לעבנס־גאַנג און טעטיקייט.

דאָ געפינען זיך אויך געציילטע אַרטיקלען, וואָס זענען דורך אים געשריבן געוואָרן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, הגם ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן ספּעציעל מיט פּובליציסטישער טעטיקייט. די אַרטיקלען זענען געבראַכט אָן שום ענדערונגען און אויף זיי ליגט דער חותם פון דער צייט, ווען זיי זענען אַרויס פון ראָטנבערגס פעדער.

עס ווערן דאָ געבראַכט אַ צאָל בריוו זיינע. ליידער איז נישט געלונגען צונויפצוזאַמלען מער בריוו וואָס זענען צעשפּרייט אין פאַרשידענע לענדער. אָבער אויך אין דער קליינער צאָל פאַרעפנט־לעכטע קומט בולט צום אויסדרוק ראָטנבערגס טריישאַפט און איבער־געגעבנקייט צו זיין צענטראַלער אידעע, דעם יידישן קולטור־ווערק אין ישראל און די אויפריכטונג פון אַ בריק צווישן יידיש און העברעיש־שאַפן אין ישראל און אין חוץ לארץ. עס שפּירט זיך אין זיי נאָכאַנאַנד דער ציטער פון זיין אחריות־געפיל און דאַנקבאַרקייט צו חברים און פריינד, וואָס האָבן אַזוי אָדער אַנדערש אים מיט־געהאָלפן אין רעאַליזירן זיין ציל.

די באַשיידענע אויסגאַבע אונדזערע איז באַרופן צו פאַרציי־כענען די ערשטע יאָרצייט פון דעם אומפאַרגעסלעכן חבר און פריינד, יוסף ראָטנבערג.

אַפּריל 1961

ווען יוסף ראָטנבערג

י. זרבבל, תל־אביב

יוסף ראָטנבערג און זיין לעבנס־ווערק

ווי וויל איז דער געזעלשאַפט, אויב נאָכן טויט פון אירן אַן אויסדערוויילטן קאָן זי גובר זיין דעם ווייטיק און צער צוליב דער אבידה, און ווערן דערהויבן ביי דער פריידיקער דערינערונג וועגן דער שאַפערישקייט פון אַ לעבן, וואָס זיין השפעה האַלט־אָן ווייטער.

ווי וויל איז די איבערגעבליבענע, וואָס מוזן נישט צינדן קיין שוואַרצע ליכט צוקאָפּנס דעם נפטר און זיצן שבעה אין דריקנ־דיקער אַבלות, נאָר זיי קענען זיך וואַרעמען ביי די פונקען און שטראַלן, וואָס זענען נישט פאַרזונקען מיטן טויט, נאָר מיניען זיך און ווינקען פון אַלע שטעגן, ווו דער בוי־מייסטער האָט געשפרייזט במשך זיין דינאַמישן לעבן.

דער אמת איז דאָך, אַז דער טויט מוז נישט דווקא שרעקן מיט זיין חשכות. יעדעס לעבן ענדיקט זיך אַמאָל. ס׳איז אָבער גוט, אויב דאָס געמיט ווערט דורכגענומען מיט דער לויטערקייט פון דעם אָוועקגעגאַנגענעם און דאָס געפיל זאָגט: כדאי געווען צו לעבן אַזאַ לעבן!

*

אַ פעסט געבויטער, ברייטפּלייציקער, האָט יוסף ראָטנבערג פאַרמאָגט אין זיין פיגור אַן אייגנאַרטיקע פאַרוואַרצלטקייט. אַזאַ איז געווען אויך זיין כאַראַקטער. זיכערקייט אינעם טראָט, קאָנ־צענטרירט אין דער ציל־איינשטעלעניש, קאָנסעקווענטקייט און עקשנות אין דורפירן די אויפגאַבע, אומדערשיטערטער גלויבן אין דעם אמת פון זיין שליחות.

עס האָט זיך געפילט אין זיין עצם מהות אַ שטענדיקע שפּאַנונג,

ווי צו אַן אַרויפּפּלי ערגעץ אין די הויכקייטן, אין ווייטערע ספּערעס. גריילעך אין האַרמאָניע מיט זיין איינגעבוירענעם חוש פאַר ווירק־לעכקייט און מאָס פאַר רעאַליטעט, איז ער תמיד געווען גרייט מיט אויסגעשפּרייטע פליגל צו אַ העזהדיקן פאַרמעסט מיט דעם נישט־רעאַלירן און נישט־געפּרוווטן.

דמיון? חלום? אילוזיע? ניין. אַ סך מער ווי דאָס און, אין תוך, פון גאָר אַן אַנדער מין. רופט עס: וויזיע! אין זיין געזעל־שאַפטלעכקייט איז ראָטנבערג געווען אַ וויזיאָנער, ער האָט געוווּסט דעם ווערט פון קליינקייטן, געהאַט אינטערעס צו טאָגטעגלעכקייט, ווייל ער האָט באַנומען זייער תכלית גריילעך אין זייער טיפערן כינטעז און פּאַטעטישן אויסשטראַל אין אַ ווערק פון היסטאָרישער באַדייטונג.

יוסף ראָטנבערג האָט איינגעאָטעמט פּועלי־ציוניסטישע לופט, און זי איז געווען זיין נאַטירלעכע אַטמאָספער. ער איז דערצויגן געוואָרן אין דער באָראָכאָוו־יוגנט און ער האָט איינגעזאַפּט אין זיין בלוט די וויזיע פון נאַציאָנאַל־סאָציאַלער איבערגעבורט פונעם פאָלק, וואָס דאָס האָט געמיינט פאַר אים: פּערמאַנענטע רעוואָלוציע לגבי דעם כלל, ווי לגבי דעם יחיד. ער איז געווען מאָביליזירט צו גייסטיקער וואַכזאַמקייט און ממשותדיקער, קאָנסטרוקטיווער טאַט, וואָס נאָר דורכדעם קאָן מען שאַפן עטישע ווערטן, איבעראַנדערשן פאַרגליווערטע פּסיכיק, עוקר זיין שאַבלאָן און פאַרלעגענע טראַ־דיציעס, וועבן דאָס געוועב פון המשך, פון טויזנט־יעריקער פאָלקס־יצירה, אַריינפלעכטנדיק אין אים גערעאָטענע דערגרייכונגען פונעם מענטשלעכן זשעני פאַר לאַנגע דורות.

ער האָט געהערט צו דעם ייִנגסטן דור טוער אין דער באַוועגונג. דורכגעמאַכט מיט אייגענעם שפּאַן דעם גאַנג פון געפּייניקטן און געלייטערטן פאָלקס־קאָלעקטיוו. אין זיין היימשטאָט, לאָדזש, איז ער געווען אַלס טעקסטיל־אַרבעטער איינגעגלידערט מיט פלייש און בלוט אינעם אַרבעטער־קלאַס און געאָטעמט די לופט פון פּראָטעסט קעגן איינגעשטעלטן לעבנס־שטייגער, ווו ס׳ווערט דער־

שטיקט דער פרייער געדאַנק, ווו ס'ווערן געפּענטעט ברויזנדיקע כוחות און די פלאַמיקסטע פאַנטאַזיע ווערט געשלעפּט צוריק צו גרויער וואָכעדיקייט. דאָרט האָט ער ווי אַ פּועלי־ציוניסט אויך אָנגעהויבן שטילן זיין דורשט צו וויסן און באַקומען די ערשטע לעקציעס פון געראַנגל. דאָרט האָט ער זיך דורכגעדרונגען מיט דער גליענדיקער אמונה, אַז עס קאָן און עס וועט זיין אַנדערש, בעסער.

זיין אינטערעס צו קולטור־אַרבעט איז נישט געווען קיין צופעליקער — נאָר דער אויסדרוק פון זיין באַגער צו דערהויבנקייט פונעם אַרבעטס־מענטש.

יוסף ראָטנבערג (דער ערשטער פון רעכטס) אין ראַטן־פאַרבאַנד בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה

אַ פּוילישער ייד — האָט ער געמוזט טרינקען דעם ביטערן כוס פון מלחמה און נאַצי־גרויל. אים האָט אָפּגעגליקט אויסצומיידן היטלער־לאַגערן — האָט ער געוואָגלט אין די ברייטע פליינען פון ראַטן־פאַרבאַנד און אין זיין געמיט האָבן געטריפט טראָפּנס

יאוש פון דעם, וואָס האָט אים באַגעגנט אין דער אַרבעטער־מלוכה. ער איז נישט איינגעבראָכן געוואָרן. פאַרקערט. ער האָט זיך געפעסטיקט און פאַראַנקערט נאָך זיכערער אין זיין באַראָכאָוויזם, אַז ס'איז דאָ אַ ראַדיקאַלע לעזונג פאַרן יידישן פּראָבלעם. זיין צוריקקער קיין פּוילן האָט אים אויפגעהייטערט און געעפנט קוואַלן פון נישט פאַרוועגדטער ענערגיע. עס הייבט זיך אָן פאַנאַנדער־שפּילן זיין דינאַמישקייט. ער ווערט דער לעבעדיקער גייסט אינעם לאָדזשער יידישן קאָמיטעט, אין דער אויפגעוויקלטער טעטיקייט פון פּועלי־ציון. אָבער איצט איז דער דגש אויף אַ נייעם פּונקט — ארץ־ישראל: אָרגאַניזירן גרופּן פון הכשרה און גרייטן זיך צו עליה. אינעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון גייט־אָן אַ גערעאַנגעל צווישן „קיבוץ" און „קאָלעקטיוו", צווישן „עליה" און „עמיגראַציע". פאַראַן אַזעלכע אין דער שפּיץ, וואָס האָבן מורא, מען זאָל אונדז, חלילה, נישט פאַרטוישן מיט סתם ציוניסטן, און חושד זיין, אַז מיר רופן בפירוש צו ציוניסטישער עליה, צו חלוציות. זיי ווילן נאָך אַלץ זיין פאַרמאַסקירט און פאַרגרימירן אונדזער רעוואָלוציע מיט גאַנגבאַרע „כשרע" נעמען. יוסף ראָטנבערג געהערט צו די, וועמען עס איז נמאס געוואָרן דער גריים און ער פאָדערט אַן אויפגעדעקט פּנים, קלאָרע פּועלי־ציון־דיבורים. ער העלפט דער עליה פון פּועלי־ציון דורך חלוצישע קיבוצים און ער אַליין שפּאַנט מיט זיי.

זענען געקומען יאָרן פון חבלי־קליטה פאַר דעם דינאַמישן חבר אין דעם לאַנד פון זיינע וויזיעס. אָבער ראָטנבערג דערקענט זיך אויף די אויפגעגאַנגענע שפּראָצונגען און זיין האַרץ איז אָפן פאַר דער רעוואָלוציע, וואָס צו איר האָט ער פאַרקנסט זיין גאַנץ לעבן. זענען אַדורך יאָרן אין זוכעניש, ווי ער וואָלט געוואָלט אויסגעפינען דעם געהעריקן פּלאַצדאַרם פאַר זיין „סטאַרט" און עס האָט אים אָפּגעגליקט. גראַד אין דער באַשיידענער פּרץ־ביבליאָטעק, וועלכע איז אויסגעשטאַנען יאָרן פון שנאה־אַטאַקעס מצד די קנאים פון גדוד מגיני השפה און דערפאַר טאַקע געווען ווי איינגעשרומפּן אין

סדום־בעטל פון געדולדעטן יידיש — גראָד דאָ האָט יוסף ראָטנבערג זיך איינגעפעסטיקט מיטביידע פיס אין דער ארץ־ישראלדיקער ווירקלעכקייט, וועלכע ווערט ערשט פאָרמירט און לאָזט זיך נאָך קנעטן. און ראָטנבערג האָט גענומען אויסקנעטן אַ גרויס ווערק לויט זיין וויזיע און אין פולער האַרמאָניע מיט זיין אומרויקער שאַפערישער נאַטור.

היינט איז עס געוואָרן אַ נאַטירלעכע דערשיינונג און עס פאַלט איין זעלטן ווען עמעצן צו וואונדערן זיך אויף דער ברייט־פּאַר־מאַסטענער אויפנאַמע און פייערלעכן קבלת פנים וואָס יידישע דיכטער און שריפשטעלער קריגן אין ישראל. ווי לאַנג איז עס אָבער, ווען מיר אַליין זענען נשתומם געוואָרן פון דער פיל־טויזנט קעפּיקער גראַנדיעזער מאַניפעסטאַציע פאַרן יידישן וואָרט און קלאַנג, וואָס ראָטנבערג האָט דורכגעפירט מיט הערץ גראָסבאַרד דווקא אין דעם רעפּרעזענטאַטיוון משכן פון העברעישן קונסט־טעאַטער „הבימה״?! ס׳איז געווען העזה, ריזיקאָ, אָבער נאָך מער איז אין דעם געווען איבערצייגונג אין דעם אמת פון ארץ ישראל און זיכערקייט, אַז נאָר אַזוי, אימפּאַזאַנט און ווערדיק, דאַרף יידישע יצירה אויפגע־נומען ווערן אין לאַנד פון יידישן אויסלייז. דערמיט איז געראָטעוועט געוואָרן דער פּרעסטיזש פון דעם באַפרייונגס־ווערק, ווו ס׳מוז אָרגאַניש איינגעהאָפטן ווערן די פּרעכטיקסטע שאַפונג פונעם לאַנג־דורותדיקן גלות — יידיש. דער שפּלדיקער מצב פון יידיש אין ארץ ישראל האָט, לויט ראָטנבערגס אויסטייטש, באַליידיקט אין עיקר די בויער פונעם פאָטערלאַנד, מחמת דערין האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי ווייסן נישט אָפּצושאַצן געהעריק די נאַציאָנאַ־לייזירנדיקע פאַקטאָרן אינעם יידישן מאַסן־לעבן. ווער, אויב נישט דער יידישער זשעני, האָט זיך מאַניפעסטירט אינעם יידישן וואָרט און קלאַנג? וועמענס בענקשאַפט, יסורים, פּיין און שטרעבונגען, אויב נישט פון די יידישע מאַסן, זענען געקומען צו אַזאַ אינטימען אויסדרוק אין דער יידישער שפּראַך, אינעם יידישן פאָלקס־ליד, אינעם יידישן טעאַטער?! צונזער, פרוג, ראָזענפעלד, יהואש און

זייערע יורשים האָבן אין יידיש אויסגעזונגען די שיבת־ציון־טרוימען פון יידישע מאַסן. די יידיש־מאַניפעסטאַציעס, וואָס זענען דורך י. ל. פרץ־ביבליאָטעק איינגעאָרדנט געוואָרן אין די שטעט און דערפער, קיבוצים און מושבים פון ישראל, האָבן גלייכצייטיק דערפילט אַ דאָפּלטע קולטור־געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטיש־דערציערישע שליחות: דערנענטערט די יידישע יצירה צו די בויער פון ישראל און דעם וווּנדערלעכן אויפבוי פונעם היימלאַנד פאַראייניגנט די טרעגער פון יידישער שאַפונג אין גלות.

איז געווען נישט מער, ווי לאָגיש און פּסיכאָלאָגיש, אַז יוסף ראַטנבערג זאָל אַריבערגיין צום ווייטערדיקן און העכערן שטאַפּל אין זיין קולטור־אויפטו — צום אויפשטעלן דעם י. ל. פרץ־פאַרלאַג, וועלכער האָט אָנגעהויבן באַשיידן און פאַרזיכטיק אין יידיש, און אין משך פון אַ גאָר קורצער צייט זיך פונאַנדערגעוואַקסן און באַרימט געוואָרן בכל תפוצות ישראל, ווי אַ צענטראַלער פאַרלאַג פון ישראל פאַר אונדזער שאַפונג אין יידיש און עברית. — ס'וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אין אָט דעם פאַרלאַג ווערט כסדר אין דער גאַרער יידישער וועלט, אַריינגעבראַכט ישראל, דעמאָנסטרירט די חשיבות, וואָס יידיש האָט זיך דערוואָרבן אין דער יידישער מדינה, און יידישע שרייבער באַטראַכטן עס פאַר אַ זכיה, אַז זייערע ווערק דערשיינען דאָ, אין פרץ־פאַרלאַג.

דאָס איז ראַטנבערגס אויפטו. בעת זיין באַזוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע האָט ער זיך איבערצייגט, אַז זיין אַרבעט איז אָנערקענט און ווייטערע הצלחה איז געזיכערט.

אומגעריכט און אומגערעכט איז ער אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונדזערע רייען. ערשט איצט האָט ער, אָנגעלאָדן מיט איניציאַטיוו און אמונה אין זיין ווערק, זיך פאַרמאָסטן צו נייע פּלענער, ערשט איצט איז ער אַרומגענומען געוואָרן מיט צוטרוי און גלויבן פון חברים און פריינד, וואָס עס האָט געפעלט געלעגנהייטן פאַר אויסלעבן זיין גוואַלדיקע שאַפונגס־לוסט און קראַפט. און דווקא איצט איז ער, דער פאַרוואָרצלטער, אויסגעוואָרצלט געוואָרן מיטאַמאָל.

זיין שטענדיקער שמייכל האָט פאַרבאַהאַלטן דעם סוד פון זיין איבעראָנשטרענגונג און איבערמענטשלעכער שפּאַנונג. ער האָט זיך געיאָגט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן און נישט באַוויזן צו רעאַליזירן דאָס געפּלאַנטע ווערק. אומבאַמערקט האָט דער טויט אים נאָכגעיאָגט און פון דעסטוועגן דעריאָגט.

ראָטנבערג האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פּשטות, מיט זיין מענטשלעכקייט און חברישקייט. אין דער תקופה, ווען אידעאַל ווערט אויסגעביטן אויף מינץ און עטישע ווערטן ווערן פאַרשוועכט פון זייערע נעכטיקע אָנהענגער, איז ראָטנבערג אומגעגאַנגען צווישן אונדז אין פולער טריישאַפט צום באַפרייונגס־אידעאַל פון יידישן פאָלק. איז אים באַשערט אפילו אין יונגן עלטער פון זיינע 46 יאָר, אויסצופורעמען אַ ווערק, וואָס לויט זיין אינערלעכן ריטעם און שיינקייט, וועט עס זיך אויסשיילן אין דעם בנין פון אונדזער יידישער קולטור אין יידישן היימלאַנד.

שווער, זייער שווער איז די אבידה. אָבער דעם נפטרס אויפטו איז אַזוי גרויס און אַזוי אָנציענדיק, אַז ער וועט אונדז נישט לאָזן פאַרזינקען אין פרוכטלאָזער אבלות; מיר וועלן זיך אַרומקלאַמערן אַרום זיין לעבנס־ווערק, און מיט ליבע און חברישקייט אויפהיטן און פאַרשטאַרקן אין אים דעם גייסט פון יוסף ראָטנבערג.

אַפּריל 1961

נחום ניר, תל־אביב

יוסף ראָטנבערג

איך האָב זיך באַקענט מיט ראָטנבערגן ערשט אויפן 23טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, אין יאָר 1946. אויפן ערשטן בליק האָט דער שטילער, געלאַסענער ראָטנבערג נישט אַרויסגעוויזן די גרויסע אייגנשאַפטן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. ער האָט זיך נישט געשטופּט בראש התור.

אין יאָר 1948 איז ראָטנבערג געקומען קיין ישראל. דאָ, אין די נייע באַדינגונגען, נישט קענענדיק די שפּראַך, איז ראָטנבערג די ערשטע צייט געבליבן אין הינטערגרונט פון דער באַוועגונג, ווי דאָס האָט געטראָפן מיט אַ סך פירער פון די גלות־לענדער. אָבער ראָטנבערג האָט זיך שנעל אַקלימאַטיזירט, און ווען עס איז אים געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט און די נויטווענדיקע באַדינגונגען פון אַרבעט, האָט ער שנעל פאַרנומען דעם אָרט, צו וועלכן ער איז געווען ראוי לויט זיינע פעיקייטן.

אין משך פון לאַנגע יאָרן האָט אין ארץ־ישראל די לינקע פּועלי־ציון באַוועגונג געפירט אַ קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג פון יידיש. אויף דעם געביט האָט די באַוועגונג געשאַפן דעם יידישן ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־קלוב, בראש פון וועלכן עס איז אין משך פון צוואַנציק יאָר (1928—1948) געשטאַנען דער שרייבער פון די שורות. דער פאַראיין איז באַשטאַנען פון יידישע שרייבער, וועלכע האָבן געלעבט נישט פון שרייבן. זיי זענען כמעט אַלע געווען דורכגעדרונגען מיט דער אידעע פון קאַמף פאַר יידיש, און נישט געזאָרגט פאַר זיך. פּועלי־ציון האָט געשאַפן די ערשטע יידישע ביבליאָטעק, אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ, וועלכע האָט לאַנגע יאָרן פאַרשפּרייט דאָס יידישע בוך אין לאַנד, אָבער געווען באַגרענעצט

אין אירע מעגלעכקייטן. אַדאַנק טרייע איבערגעגעבענע חברים, ווי גערשאָנאָוויטש, אַלסטער, שפּירא און אַנדערע האָט די ביבליאָטעק זיך ביסלעכווייז אַנטוויקלט. אָבער נאָר מיטן אַריינקום פון ראָטנ־בערגן אין דער ביבליאָטעק האָט זי באַקומען שווונג. ער האָט עס געלייגט די יסודות אין דער ביבליאָטעק פאַר דעם פאַרלאַג, וועלכער איז אין משך פון עטלעכע יאָר אויסגעוואַקסן אין איינעם פון די גרעסטע פאַרלאַגן אין לאַנד. דער פאַרלאַג האָט זיך געשטעלט דעם ציל צו פאַרשפּרייטן דאָס יידישע בוך צוזאַמען מיטן העברעישן אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

דאָ, אין דער אַרבעט, האָט ראָטנבערג געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסצווייזן זיינע גרויסע פעיקייטן און אייגנשאַפטן. פול מיט ענער־גיע און שווונג, האָט דער שטילער ראָטנבערג אַנטוויקלט אַ ברייטע אַרבעט. ראָטנבערג האָט נישט געווירקט מיט פּאַטאָס און נישט מיט שיינע רעדעס. ער האָט געהאַט אַן אינערלעכן טיפן גלויבן אין דער אַרבעט, וואָס ער האָט געטאָן, און דאָס האָט געווירקט אויף מענטשן. נישט איין מאָל איז ער געקומען מיט גרויסע פּלענער, וואָס האָבן זיך אונדז אויסגעוויזן ווי אַ שיינע פאַנטאַזיע, אָבער ער האָט געהאַט אויסדויער און ער האָט אַ סך פאַרווירקלעכט. ער האָט געווירקט אויף מענטשן אַ סך מער מיט זיין געלאַסנקייט, ווי מיט געשרייען. און ווען מען פלעגט אַמאָל האָבן צו אים די אָדער יענע טענה, האָט ראָטנבערג געענטפערט בלויז מיט אַ שטילן, געמיט־לעכן שמייכל אויף זיינע ליפּן, און דערמיט צוגענומען דעם געווער ביי זיינע קעגנער.

ווען ראָטנבערג איז אַוועקגעפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין די ענינים פון פאַרלאַג, זענען מיר נישט געווען זיכער, צי וועט ער האָבן דערפאָלג אין דער אַמעריטשקע, וועלכע איז שוין אַזוי געוווינט צו די בעסטע און שענסטע רעדנער אונדזערע.

און עס ווייזט אויס, אַז דער כוח פון דער אידעע און זיין טיפער גלויבן אין איר האָט אויך דאָרט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג, און האָט אָנגעצונדן מענטשן. אַדאַנק אים איז דער פּרץ־פאַרלאַג געוואָרן

זייער פּאָפּולער אין די שטאָטן און דאָס האָט געהאָלפן דעם ווּוקס פונעם פאַרלאַג, וועלכער האָט ביזן טויט פון ראָטנבערג שוין געהאָט אַרויסגעגעבן אַ פּאָר צענדליק יידישע און העברעישע ביכער.

עס איז זייער באַנאַל, ווען מען זאָגט, אַז דער טויט נעמט צו די בעסטע. אָבער אַ מאָל איז עס אמת. און נאָך מער: נישט נאָר די בעסטע, נאָר אויך דווקא די יינגסטע.

פיל גוטע חברים האָבן מיר פאַרלוירן אין די לעצטע צען יאָר, און ראָטנבערג איז צווישן זיי געווען פון די בעסטע און געטרייסטע.

אַפּריל 1961

מ. ערעם, תל־אביב

צו זיין געשטאַלט

אַדורך שוין מער ווי אַ יאָר, זינט עס איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונדזערע רייען איינער פון די טרייסטע און טייערסטע — יוסף ראָטנבערג.

אַוודאי, דער שאַרפער אומדערטרעגלעכער פּיין פון יענעם פינצ־טערן טאָג האָט אָפּגעלאָזט, טאָקע ווייל ער איז געווען אומדער־טרעגלעך. אַנדערש וואָלט מען דאָך בכלל נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם פאַרשטומטן מאַרש פון די אַוועקגעגאַנגענע, וועלכע זענען געווען אַ טייל פון דיין לעבן — אין צער און אין פרייד, אין געדאַנק און אין טאַט. יעדער פון זיי האָט דאָך מיטגענומען דיינע יאָרן, אַ שטיק פון דיין אייגנס, וואָס איז געווען אַזוי איבערגעפלאָכטן מיט אים, מיט אומצערייסבאַרע פעדים פון חברשאַפט און שותפות.

יאָ, מיטגענומען פון דיר, אָבער אויך איבערגעלאָזט זיינס אין דיין האַרץ און געדאַנק, איינגעקריצט ביז דיין לעצטן טאָג. און איינגעקריצט נישט ווי אַ שטומע מצבה אין זכרון, נאָר ווי אַ צוגעגעבענע טרייבקראַפט אין לעבן, ווי נאָך אַ ריכטליניע אין דיין גאַנג.

*

געלאַסן, איינגעהאַלטן אין רייד, כמעט פאַרשלאָסן אין זיך, מיט אַ קוים איראָנישן שמייכל, מיט אַ קלוגן בליק, וואָס קוקט דיר גלייך אַריין אין די אויגן — אַזוי האָט אויסגעזען יוסף ראָטנבערג ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט אים. אָבער מען האָט כלל נישט געדאַרפט „אויפעסן מיט אים אַ פוד זאַלץ", כדי צו דער־קענען אים אַזוי ווי ער איז אין דער אמתן: אַנגעלאָדן מיט אַ פאַרבאָרגענעם פייער פון חלומות, פון „איינפאַלן", פון אידעען, וואָס האָבן אים נישט אָפּגעלאָזן; פול מיט גלויבן אין דעם כוח אין

ממשותדיקייט פון אַ געדאַנק און אין דער מעגלעכקייט צו פאַרווירק־ לעכן עס אין לעבן; און ועל כולם, טיפע, איך וואָלט געזאָגט, שעמעוודיקע מאַסקירטע איידלקייט אין דער באַציונג צום חבר.

דעריבער איז עס געווען פשוט אַ פאַרגעניגן צו טרעפן זיך און שמועסן מיט ראַטנבערגן. קודם כל איז געווען לייכט מיט ראַטנבערגן. לייכט צוליב זיין פּיקחות, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען דעמאָנסטראַטיוו, באַגלייט מיט דעם וואָס מען רופט „אויסערלעכער עפעקט". ס'איז געווען יענע גוטמוטיקע „יידישע פּיקחות", וואָס באַטעמט יעדן געשפּרעך, יעדן צוזאַמענטרעף מיט אַ קאַפּעלע זאַלץ איראָניע, פונקט צום מאָס און געשמאַק. ס'איז געווען אַ פּיקחות, וואָס איז דער פולער היפוך פון יענער „קלוגשאַפט", באַשפּריצט מיט בייזקייט, מיט שטעכיקייט, מיט פאַרריסנקייט. וואָס יוסף האָט פיינט געהאַט תכלית שנאה איז דאָס איבערנעמען זיך מיט ציניזם, דאָס שפּייען קלעק אויף אַלץ און אַלעמען, דאָס וועלן אַרויסהייבן זיך, אַרויסווייזן זיך, ווי אַ „פלאַנעט פאַר זיך". ביי יוספן איז חברישקייט געווען אַן אָרגאַנישע אייגנשאַפט, וואָס האָט פשוט אַרויסגעשטראַלט פון זיין גאַנצן וועזן.

*

יוסף איז געווען אַ גרויסער בעל־בטחון. ער האָט טיף גע־ גלייבט אין דעם כוח פון אַ געדאַנק און אין זיין אייגענעם כוח געבן דעם געדאַנק בלוט און פלייש. און אַזוי גרויס און איבער־ צייגנדיק איז געווען זיין בטחון, אַז דו פלעגסט פאַרכאַפּט ווערן, גלייך אָנגעשטעקט ווערן און ווערן געררן אַ שותף צו ראַטנבערגס „משוגעת". די שוועריקייטן פלעגן אויסזען קליין, די פּערספּעקטיוון גרויס. און ס'מאַכט נישט אויס, וואָס דאָס לעבן פלעגט נישט איין מאָל געבן אַ שנעל איבערן נאָז. פאַר ראַטנבערגן איז עס בלויז געווען אַ סטימול צו פאַרמעסטן זיך מיט שוועריקייטן און איינ־ ברעכן זיי. יוסף האָט פאַרמאָגט יענעם געבענטשטן אָפּטימיזם, וואָס באַצייכנט אַ ריכטיקן קעמפער און געזעלשאַפטלעכן טוער. נישט איין מאָל פלעגסטו זיך פרעגן פאַרוואונדערט: פון וואַנען

שעפּט דער מענטש אַזויפיל זיכערקייט אין זיין עקשנותדיקן „אָנזעצן זיך" אויף אַן ענין, ביז צו רעאַליזירן אים? געוויס איז עס צו פאַרדאַנקען זיין דינאַמיזם, ווי אַן אינדיווידועלע אייגנשאַפט. אָבער נישט נאָר דאָס אַליין. די פּאָליטישע, פּאַרטייאישע שול וואָס ער איז אַדורך, פון דער באַראַכאָוו־יוגנט ביז צו דעם אויבערשטן ראַנג ביי „פּועלי־ציון", האָט אים באַוואָפנט מיט כוח פון אויסדויער, פון זעען ווייט און ברייט דערשיינונגען אין זייער אַנטוויקלונג. ער האָט עס אַריבערגעטראָגן אויף זיין אויפטו ביים שאַפן דעם פּרץ־פאַרלאַג, פונקט ווי ער האָט געמאָסטן מיט אַ ווייטער מעטע די פּאָליטישע ווירקלעכקייט.

יוסף איז געווען אַ מענטש פון שווונג, פון איניציאַטיוו, און דעריבער זענען די „איינפאַלן" זיינע, די „פאַנטאַזיעס" געווען העכסט רעאַליסטיש. ער האָט זיך ממש געשפּילט מיט דעם רייץ צו פונאַנ־דערוויקלען פאַרפּלאָנטערטע קנוילן פון „אויסזיכטלאָזע" סיטואַציעס און פּערספּעקטיוון. און געמאַכט האָט ער עס מיט אַ שמייכל, הגם ער האָט געוווּסט ווי שווער עס איז די לאַסט פון פּלאָג און דאגות. געוויס האָט ער געוווּסט דעם ביטערן טעם פון באַגאַנגענע פעלערן און פון מפּלות, אָבער זיין בטחון איז געווען אומהיילבאַר, פונקט ווי זיין עקשנות אויסצופירן, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען. ער האָט פאַרמאָגט די מערקווירדיקע שלימות, וואָס וואַרפט זיך נישט אין די אויגן, אָבער נעמט דיך איין מיט זיין איבערצייגונגס־קראַפט.

*

איך ווייס נישט ווי אַנדערע, אָבער איך האָב תמיד געהאַט דעם באַרויקנדיקן געפיל, אַז יוסף ראָטנבערג איז אַ זיכערער אָנשפּאַר, וואָס דו קענסט זיך מיט אים טיילן און שעפּן פון אים מוט און דערמונטערונג אין ספקות און זאָרג. און ווי אָפט דער־מאָנסטו זיך, אין דעם גרויסן הו־האַ פון אונדזער לעבן, מיט אַזאַ שאַרפן, נאָגנדיקן פיין, דאָס פלאַמיקע האַרץ, וואָס איז אַזוי פּלוצעם אכזריותדיק אויסגעלאָשן געוואָרן.

אַפּריל 1961

חיים פינקעלשטיין, בוענאָס איירעס

די אויגן האָבן גערעדט...

מיט יוסף ראַטנבערגן האָב איך זיך באַקענט אין ישראל, קורץ נאָך זיין אָנקומען פון פוילן. גלייך ביי דער ערשטער באַגעגעניש אין תל־אביב, אין באַראַכאַוו־הויז, אויף ברענער 14, האָט געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט דער מאָדנער, נישט געוויינלעכער בליק אין זיינע אויגן. דער ערשטער איינדרוק מיינער איז געווען, אַז דאָס רעדן פון אים ארויס דער פיין און טרויער פון די ביטערע מלחמה־יאָרן, וועלכע ער האָט דורכגעמאַכט אין נאָכאַנאַנדיקן וואָגל און וואַנדער איבער די וועגן פון רוסלאַנד. דעם זעלבן איינדרוק האָב איך געהאַט אויך שפּעטער, בעת די ווייטערדיקע באַגעגענישן אונדזערע. און וואָס מער איך האָב אים דערקענט, אַלץ מער האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דער ערשטער איינדרוק האָט מיך נישט פאַרפירט. די איבערלעבונגען זיינע בעת דער מלחמה האָבן זיך איינגענעסט זייער טיף אין זיין נשמה און זיי האָבן אַרויסגעקוקט דורך די אויגן זיינע מיטן גאַנצן צער און טרויער.

יוסף ראַטנבערג האָט באַלאַנגט צו די מענטשן, וואָס נעמען אויף געשעענישן זייער פילבאַר און טיף. די איבערלעבונגען ביי אַט דעם מין מענטשן קריצן זיך איין אינעם געמיט זייערן אַזוי שאַרף, אַז אַפילו די צייט איז נישט בכוח זיי אָפּצומעקן, אָדער פאַרבלאָסן.

פאַראַן צווישן אַט די מענטשן אַזעלכע, וואָס קאָנען נישט בלייבן אַליין מיט די אייגענע געפילן און מחשבות. זיי מוזן זיך אָפּטאויסלאָדן, אַראָפּרעדן פון האַרצן. און פאַראַן אויך אַנדערע, וואָס מוזן שווייגן און באַהאַלטן די איבערלעבונגען זייערע אין די סאַמע טיפענישן פון אייגענעם געמיט. יוסף ראַטנבערג האָט

באַלאַנגט צו די לעצטע. און וואָס מער ער האָט פאַרשלאָסן זיינע איבערלעבונגען אין זיך, אין זיין אייגענער אינערלעכער וועלט, וואָס ווייניקער ער האָט גערעדט, אַלץ מער האָבן די איבערלעבונגען אַרויסגעקוקט דורך די אויגן זיינע.

דאָס מויל קאָן אָפּט שווייגן, די אויגן אָבער — נישט. זיי דער־ציילן פון גאַנץ פאַרבאָרגענע וועלטן טיף אין דער נשמה און געמיט פונעם מענטשן. יוסף ראָטנבערגס בליק האָט עדות געזאָגט, אַז ער האָט פאַרמאָגט אַן אינערלעכע וועלט. מערסטנס האָט זי זיך באַוויזן די „וועלט" זיינע אין אַ געשטאַלט, איינגעהילט אין טרויער, וואָס האָט דערמאָנט אין די ביטערע יאָרן, וועלכע האָבן זיך ווי זשאַווער אָפּגעזעצט אויף זיין געמיט. פון צייט צו צייט האָט זי זיך אויך באַוויזן אין אַ גוטמוטיקער, פריידיקער געשטאַלט. אָבער דאָס איז שוין געשען פיל זעלטענער, ווייל נאָר פון צייט צו צייט איז פרייד געקומען צו גאַסט אין זיינע אויגן.

*

יוסף ראָטנבערג איז געווען אַ מענטש פון טאַט. ער האָט ליב געהאַט מעשים און ער האָט פאַרערט מענטשן, וואָס האָבן נישט בלויז גערעדט, נאָר שיין געטאָן.

נישט צופעליק איז די פּרץ־ביבליאָטעק, און דער עיקר דער פּרץ־פאַרלאַג, געוואָרן זיין קרוין־ווערק. זינט ראָטנבערג האָט אונ־טערגענומען די פאַרלעגערישע אַרבעט, האָט דער פאַרלאַג געפונען אַ תיקון. און נישט ווינציקער תיקון האָט די אַרבעט פון פּרץ־פאַרלאַג געפונען אין אים. ער האָט געהאַט דעם געבענטשטן טאַלאַנט צו קאָנען מאַכן גרויס אַפילו קליינע זאַכן, און אַוודאי און אַוודאי האָט ער געהאַט שוונג און פאַרנעם פאַר גרויסע זאַכן. ראָטנבערג האָט, דוכט זיך, בכלל נישט געוווסט דעם אונטערשייד צווישן קליין און גרויס. ער האָט יאָ געוווסט וואָס איז ווערטפול, און וואָס — נישט. און אויב אַ זאַך איז ווערטפול, איז זי שוין במילא געווען גרויס אין זיינע אויגן.

וויפל מען זאָל נישט וועלן פאַרשרייבן די רעזולטאַטן פון געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן אויפן חשבון פון די אָביעקטיווע פאַקטאָרן, קאָן מען פון דעסטוועגן אויך נישט פאַרלייקענען און מינדערשעצן די ראָל פון מענטשן, אָפט אפילו פון אַ יחיד, ביים רעאַליזירן די געגעבענע טעטיקייט און אַפילו אויך ביים דעצידירן דעם גורל אירן.

ווייל איז אַן אידעע און אַ באַוועגונג און ווייל איז יעדער מין איניציאַטיוו און טעטיקייט, וואָס האָט אין געגעבענעם מאָמענט די פאַסיקע מענטשן, וועלכע זענען פעיק זיך צו אידענטיפיצירן מיט איר. און ווייל איז דעם מענטשן, וועלכער טרעפט־אָן דעם פאַסיקן באָדן פאַר זיין שעפערישער אַרבעט. אין דעם פאַל פון יוסף ראַטנבערג און דעם פרץ־פאַרלאַג קאָן מען זאָגן, אַז זיי זענען געווען אַן אמתער זיווג.

די אידעע פון פאַרלאַג, און דער עיקר די טאַט זיינע, האָט אין ראַטנבערגן געפונען דעם מענטשן מיט נישט־אויסגעלאָדענעם שעפערישן כוח. און ראַטנבערג האָט אין פאַרלאַג געטראָפן אַ דאַנקבאַר פעלד, ווו ער האָט געקאָנט פונאַנדערשפרייטן די פליגל זיינע. די רעזולטאַטן פון אָט דעם באַשערטן זיווג האָבן אויף זיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן. צענדליקער יידישע און העברעישע ביכער פון פאַרשידענע מחברים האָבן אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט דערזען די ליכטיקע שיין, און דווקא אונטער די הימלען פון ישראל.

דערצו האָט מיטגעווירקט נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט: ראַטנבערגס ליבשאַפט צו ישראל און צו דער יידישער שפּראַך. ראַטנבערג האָט פאַרמאָגט אָט די ליבשאַפט צו ביידן גלייך. ער האָט ליב געהאַט דאָס לאַנד און ער האָט ליב געהאַט די יידישע קולטור. ער האָט געגלייבט, אַז איינס דערגאַנצט דאָס צווייטע און אַז דווקא אין דער האַרמאָנישקייט פון ביידע איז געזיכערט מזל־ברכה פאַר דער יידישער שעפערישקייט.

אין יעדן בוך, וואָס דער פרץ־פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן,

האָט ער געזען אַ וויכטיקן בייטראָג פאַר דער יידישער ליטעראַטור און קולטור בכלל. אָבער נישט ווינציקער האָט ער אין דעם געזען אויך אַ בייטראָג פאַרן לאַנד גופא. ווייל דווקא ישראל, האָט ער געהאַלטן, דאַרף צונויפזאַמלען אַלע שעפערישע ווערטן פון פאָלק. און נישט בלויז זאַמלען זיי דאַרף זי, נאָר אויך סטימולירן און דער־מעגלעכן נייע שעפערישע דערגרייכונגען, אַזוי אין דער באַנייטער שפראַך פון לאַנד — אין עברית, ווי אויך אין יידיש, וואָס איז זינט יאָרהונדערטער געוואָרן אַ נאַציאָנאַל־שעפערישער באַשטאַנד־טייל פון יידישער קולטור.

נאָר ווען מען פאַרמאָגט אַזאַ אידעישן שווונג קאָן מען ריכטיק פאַרשטיין דעם זין פון יעדן מין אַרבעט. אַפילו גאַנץ קליינע אַרבעטן באַקומען אין אָט דעם ליכט אַ גרויסן ווערט. שוין אָפּגע־רעדט, אַז אַזאַ וויכטיקע אַרבעט, ווי אַרויסגעבן יידישע ביכער, באַקומט אין דער דאָזיקער שיין אַן עכט נאַציאָנאַלע באַדייטונג.

יוסף ראָטנבערג האָט וועגן פרץ־פאַרלאַג געטרוימט און גערעדט אין דאָזיקן גייסט. סיי פריוואַט און סיי עפנטלעך האָט ער אַלע מאָל אונטערגעשטראָכן די באַזונדערע ווערטפולקייט פון דער פאַרלעגערישער טעטיקייט, מחמת ער האָט געזען אין פאַרלאַג נאָך אַ וויכטיקן רינג אין דער קייט פון דער נאַציאָנאַלער יידישער קול־טור־שעפערישקייט.

*

דאָס לעצטע מאָל האָב איך זיך באַגעגנט מיט ראָטנבערגן אין ניו־יאָרק און טאָראָנטאָ, בעת מיין צוריקרייזע פון ישראל. ער איז דעמאָלט געווען אין צפון־אַמעריקע אין שליחות פון פרץ־פאַרלאַג, און ווי חברים האָבן דערציילט, האָט ער דאָרט דורכגעפירט אַ גרויסע און גוטע אַרבעט.

אויפן קבלת־פנים, וואָס דער יידישער קולטור־קאָנגרעס, צוזאַמען מיט די יידישע שרייבער און קולטור־טוער, האָבן איינ־געאָרדנט פאַר אונדז ביידן אין ניו־יאָרק, האָט ראָטנבערג גערעדט

וועגן פאַרלאַג. ווי זיין שטייגער, האָט ער גערעדט פשוט, קורץ און זאַכלעך. און דער תמצית איז געווען אַזאַ:

...דווקא אין ישראל ווערט געשאַפן אַ היים פאַרן יידישן וואָרט און יידישער ליטעראַטור. דווקא אין ישראל מערן זיך היינט יידישע לייענער און דאָס יידישע בוך באַקומט אַ תיקון אינעם יידישן לאַנד. דורך יידיש שפּרייט אויס ישראל אַ בריק צו דער גאָרער יידישער וועלט, און דאָס יידישע וואָרט, וואָס פאַרבינדט זיך מיט ישראל און מיטן פיבער פון נייעם בויענדיקן לעבן אין לאַנד, באַקומט אַ נייעם אינהאַלט און תיקון. יידיש ווערט אַזוי אַרום אַ שותף אינעם פּראָצעס פון דער נאַציאָנאַלער באַנייונג. אָט דער יידיש, אָנגעלאָדן מיט ישראלדיקן שעפערישן אינהאַלט, וועט קאָנען געדייען און לעבן אומעטום, איבער דער גאָרער וועלט און וועט לעבן אויך אין מדינת ישראל.

ראָטנבערג האָט דאַן גערעדט וועגן די קאָנקרעטע אויפטוען פון פאַרלאַג, וועגן די צענדליקער ביכער, וואָס זענען שוין דער־שינען, און וועגן די פּלענער פאַר דער ווייטערדיקער אַרבעט. און ווי אַלע מאָל האָבן אויך איצט די אויגן גערעדט מער ווי דאָס מויל. די ווערטער זיינע זענען באַגלייט געוואָרן מיט ברענענדיקע בליקן, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז זיי קומען פון דער סאַמע טיף פון דער נשמה.

מען האָט זיך צוגעהערט צו זיין וואָרט. אָבער נאָך מער, דוכט זיך, האָט מען זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס ער האָט געזאָגט. ווייל אויך דאָס מאָל, ווי שטענדיק, האָבן די אויגן זיינע גערעדט מער ווי דאָס מויל.

מאַי 1960

ישראל סטאָלאַרסקי, ניו־יאָרק

יוסף ראָטנבערג איז שוין אויך נישטאָ!

ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג האָט אונדז געטראָפן די ידיעה, אַז יוסף ראָטנבערג איז שוין מער נישטאָ צווישן אונדז. ערשט נישט לאַנג געזען אים אין אַמעריקע, פאַרבראַכט מיט אים, נאָכגעפאָלגט זיין דינאַמישע אַרבעט פאַר דעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג און ביבליאָטעק; באַוואונדערט דעם טאַקטישן און ווירדיקן אופן פון זיינע אויפטריטן פאַר פאַרשידענע יידישיסטישע, נישט־ציוניסטישע קרייזן. ערשט נישט לאַנג פאַרבראַכט מיט אים און מיט וואַנדאַ אין זייער באַשיידענער היים אין קרית־שלום, און פּלוצעם איז ער מער נישטאָ!

עס שטייט פאַר מיינע אויגן אַ קליין, שיין יינגעלע, אַ שילער אין די באָראָכאָוו־שולן אין לאָדזש. געבוירן אין דער ארבעטער־שטאָט, אין דער געגנט פון יידישער אָרעמקייט, אין באַלוט; זיך דערצויגן פון קינדערוויז־אָן אין די רייען פון פּועלי־ציון; אויפגע־וואַקסן אַ פירער ביי דער יוגנט; דורכגעמאַכט דעם מלחמה־קאָשמאַר — און ווידעראַמאָל טעטיק — אין מדינת ישראל.

אין דער אַרבעטער־שטאָט לאָדזש האָט זיך געפונען די שטאַרקסטע אָרגאַניזאַציע פון לינקע פּועלי־ציון אין פוילן. זי איז געווען אַ מאַסן־באַוועגונג אין פוילן זין פון וואָרט: די פּאַרטיי פון יידישער אָרעמקייט און פון יידישן אַרבעטער. די פירער פון דער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע זענען שטענדיק געשטאַנען מיט ביידע פיס אין דעם אַרבעטער־לאַגער, און שוין אין 1905 איז זיי געלונגען צו האָבן פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אונטער זייער ווירקונג. זיי האָבן אַרויסגעגעבן פון זיך ערנסטע פּאָליטישע און גייסטיקע פירער, ווי מוליע עדעלמאַן, אריה האַלענדערסקי, קלמן און יאַניע שולמאַן,

שורעק און סקראָבעק, און אַנדערע. די אָרגאַניזאַציע האָט געפירט אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט אויף אַלע געביטן — פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, קאָאָפּעראַטיוון, געווען די ערשטע צו געבן די איני־ציאַטיוו צו בויען הייזער־קאָאָפּעראַטיוון, פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָט זי פונאַנדערגעבויט אויך אַ גרויסע שול־באַוועגונג.

אָט אין די באַראַכאָוו־שולן האָט זיך דערצויגן דער יונגער יוסף ראָטנבערג. פּאָר מיינע אויגן שטייען זיינע חברים — אַ טייל שוין, ליידער, נישט ביים לעבן — ווי דער העלד פון וואַרשעווער געטאָ, הערש בערלינסקי, בערל קריבוס, און אַ טייל, וואָס זענען היינט טעטיק, ווי אנטיגנוס, יאָמאַ, שמעטאַנע, און אַנדערע. דאָס איז געווען אַ גרופּע אינטעליגענטע יוגנטלעכע אַרבעטער, וואָס האָבן געהאָלפן שאַפן אַ גרויסע „יוגנט“־באַוועגונג אונטער די פענער פון לינקע פּועלי־ציון אין דעם געוועזענעם פוילן. ס׳איז זיי אויסגע־קומען צו פירן אַ פאַרביסענעם קאַמף מיט קעגנער, ווי די קאָמו־ניסטישע און בונדיסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, און פונקט, ווי די עלטערע פּאַרטיי, וואָס האָט זיך אין לאָדזש פאַרמאָסטן אין השפעה מיטן „בונד“, אַזוי האָבן אויך זיי, די יוגנטלעכע „יוגנט“־טוער זיך פאַרמאָסטן מיט זייערע קעגנער, און ס׳איז זיי געלונגען צו שאַפן אַ גרויסע מאַסן־באַוועגונג פון יוגנטלעכע אַרבעטער אין דער גרויסער אַרבעטער־שטאָט לאָדזש.

ראָטנבערג איז געווען דער רויקסטער צווישן דער גרופּע. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שטילן, באַשיידענעם און נישט־אַגרעסיוון פירער. אין דער אמתן אָבער, איז ער געווען אַ זייער אַקטיווע נאַטור, פאַרמאָגט אַ סך אינטעליגענץ, זיך אויסגעצייכנט מיט גוואַלדיקער איבערגעגעבנקייט צו זיין אידעאַל.

צוריקקומענדיק קיין פוילן נאָך דער מלחמה, האָט ער זיך געוואָרפן אין דער אַרבעט ביים געבן הילף די געראַטעוועטע פון חורבן און באַזונדערס האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט אַ סך ליבע

און חברשאַפט צו די חברים, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון ראַטנפאַרבאַנד, און זיי געהאָלפן מיט ראַט און מיט טאַט.

ענדלעך האָט אים אַפּגעגליקט צו פאַרווירקלעכן זיין לעבנס־אידעאַל, און ער איז געקומען אין מדינת ישראל. נאָך אומפּראָ־דוקטיווע זוכענישן איז אים געגעבן געוואָרן אַ געביט פון אַרבעט, וואָס איז אין יענער צייט נישט געווען קיין איבעריק פּאָפּולערער און אָנגעזעענער — אין דער י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק. און ווידער־אַמאָל האָט זיך אַנטפּלעקט און געקומען צום אויסדרוק זיין גרויסער אָרגאַניזאַטאָרישער טאַלאַנט. אין זיין באַשיידנקייט און איבערגעגע־בנקייט צו דער אים אָנפאַרטרויטער אויפגאַבע, האָט ער אויפ־געשטעלט אַ גרויס ווערק, וואָס האָט שנעל באַקומען אַלגעמיינע אָנערקענונג.

בעת זיין באַזוך אין אַמעריקע אין שליחות פון פאַרלאַג י. ל. פּרץ, האָט ער אַרויסגערופן גרויס דרך־ארץ און רעספּעקט צו זיך פון אַלע קרייזן, מיט וועלכע ער איז געקומען אין באַרירונג. ראַטנבערג האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט גראַנדיעזע פּלענער. ער האָט ממש געפיבערט זוכנדיק צו שאַפן אַ פעסטע, זיכערע באַזע פאַר זיין באַליבטער אינסטיטוציע צווישן די יידן אין אַמעריקע.

ליידער האָט אים דער טויט אַוועקגענומען אין זיינע בליענ־דיקסטע יאָרן.

מיין טיפסטער מיטגעפיל צו וואַנדאַ און נחי, צו זיינע חברים און מיטאַרבעטער.

מיר וועלן אים אייביק געדענקען!

1960

שמעון ראָזענבערג, תל־אביב

יוסף ראָטנבערג
(כאַראַקטער־שטריכן)

יוסף ראָטנבערג האָט זיך פאַרצייכנט אין אונדזער געשיכטע אין דריי עטאַפּן:

א. אין דער לאָדזשער יוגנט־אָרגאַניזאַציע ערב דער וועלט־מלחמה; ב. אין נאָכמלחמהדיקן פוילן; ג. אין ישראל.

די דאָזיקע עטאַפּן זענען עקסטרעם פאַרשידן איינער פון צווייטן הן אין באַדינגונגען און רעזשים, און הן אין די אויפגאַבן, וואָס די צייט האָט געשטעלט און געפאָדערט. נישט ווייניקער פאַרשידן זענען געווען די געזעלשאַפטלעכע פונקציעס, וואָס דער פאַרשטאָרבענער האָט אין זיי דערפילט. אָבער ביי יעדן מעמד, סטרוקטור און צייט — נאָרמאַלער און אומנאָרמאַלער — האָט ראָטנבערג געזוכט אין זיין אַרבעט אַ צוועק, אַ ציל, וואָס זאָל זיך אידענטיפיצירן מיט זיין אידעאָלאָגיע און אירע טרעגער.

אין די ערשטע צוויי עטאַפּן האָט ער געהאַט צו טאָן מיט פאַרט־נערס, מיט וועלכע ער האָט געמוזט פאַקטירן אויפן יסוד פון פשרות, אָדער קומען מיט זיי אין דירעקטן קאָנפליקט. דאַרף געזאָגט ווערן למען האמת, אַז אין זייער זעלטענע פאַלן איז ער מיט די קעגנער נישט דערגאַנגען צום עמק־השווה, אָבער שטענדיק האָט ער דאָס געמאַכט מיט מאָס, האָבנדיק דאָס געפיל, אַז זיי האָבן אים אויס־מאַנעווירט און געפאַנגען אין נעץ, אָבער די רעזולטאַטן זענען שטענדיק געווען פאַרקערטע.

אין סתירה צו זיין נאַטור, איז ער אויך געווען פאַרביסן און קאָנסעקווענט אין יענע פאַלן, ווען אים איז אויפגעצוווּנגען געוואָרן אַ קאַמף.

מיט דעם דאָזיקן וועג און מעטאָד איז ער דורכגעגאַנגען צוויי עטאַפּן־תקופות פון קאַמף, געראַנגל און שטורמישע געשעענישן. ער איז זיי דורכגעגאַנגען מיט פולן דערפאָלג.

א. לאָדזש

לאָדזש איז געווען ראַטנבערגס געבורט־שטאָט. דאָ האָט ער אויף אַ מאָדנעם, אומפאַרשטענדלעכן אופן, דערגרייכט פון זיין בירגערלעכער שטוב צו דער באַראַכאָוו־שול, וואָס האָט געפורעמט זיין כאַראַקטער און געלייגט דעם חותם אויף זיין ווייטערדיקן מאַרשרוט.

פון שול וואַקסט ער אויטאָמאַטיש אַריין אין דער פּועלי־ציון יוגנט. אין קעגנזאַץ צו די אָנגענומענע בירגערלעכע „זיטן" אין זיין משפּחה, ווענדט ער זיך צו פיזישער אַרבעט, און דווקא אין דער גרויס־אינדוסטריע. ער ווערט אַ זאַקן־אַרבעטער אין דער פאַבריק פון די עטינגאָנס, איינע פון די געציילטע לאָדזשער גרויסע פאַבריקן, וואָס האָבן געבראָכן דעם הערשנדיקן בויקאָט אויף יידישע אַרבעטס־הענט.

אין דער אָרגאַניזאַציע געהערט ער צו די אַקטיוויסטע און ער מאַכט דורך, אין אַ קורצער צייט, דעם וועג פון אַ קרייז־אינסטרוקטאָר ביזן צ. ק. — יוגנט; פון אַ יונגן אומבאַקאַנטן זעלנער ביזן שפּיץ פון דער צענטראַלער אָנפירונג. ער איז קיינמאָל נישט געווען דער אָפיציעלער פירער פון דער לאָדזשער יוגנט, אָבער שטענדיק איז ער געווען איר אַמבאַסאַדאָר אויף די שווערסטע, שפּירעוודיקסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע פּלאַצוווקעס. אים האָט מען אָנפאַרטרויט די באַגעגענישן און אונטערהאַנדלונגען מיט די קעגנערישע גרופּירונגען פון לינקס און רעכטס; ער איז געווען דער משגיח אויף דער דערציערישער אַרבעט פון „יונגבאַר" און „יוגנט", געשטאַלטיקט די טאַקטיק אין די פּראָפ. יוגנט־סעקציעס, געזעסן אין שטאַב פאַר פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע אַקציעס און געווען דער פאַרבינדלער מיט דער שילער־יוגנט.

אין עלטער פון 22 יאָר ווערט ער, ווי דער שליח פון דער יוגנט, אַ מיטגליד אין לאָדזשער פועלי־ציון קאָמיטעט, וואָס איז גלייכצייטיק דער גרעסטער ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אין פּוילן.

אין דער גרויסער, פאַרצווייגטער לאָדזשער יוגנט־אָרגאַניזאַציע איז ער געווען אַ געשאַצטער טוער און באַליבטער חבר; אין דער פּאַרטיי — אַ פעיקער, יונגער טוער.

ב. צוריק אין דער חרובער היים

אין דער מלחמה־צייט האָט ראָטנבערג מיטגעמאַכט דעם גורל פון יידישע פּליטים: נאָך לאַנגע חדשים נע־ונדעווען אין די גרענעצן פון דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע איז ער פאַרשיקט געוואָרן אין די צפון־געגנטן פון סיביר, שפּעטער האָט ער פאַרבראַכט אין הונגער און דחקות אין מיטל־אַזיע.

בעת איך האָב זיך אומגעקערט פון מאָסקווע קיין פּוילן, אין פעברואַר 1946, האָב איך אים געטראָפן אויף צוויי פאַראַנטוואָרט־

יוסף ראָטנבערג (דער פערטער פון רעכטס) אויף דער באַראַטונג פון די לייטערס פון די פּוילישע אינסטיטוציעס אין אָש (ראַטן־פאַרבאַנד), 1945

לעבּע אמתן: אין פּאַרטיי — אַ מיטגליד פון צ. ק. און פירער פון דער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע; ביי דער שארית־הפליטה — דער פאַרטרעטער פון פאָרזיצער פון לאָדזשער יידישן קאָמיטעט און זיין פּאַקטישער אַמטירנדיקער פאָרזיצער.

ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש דעם 24־טן פעברואַר 1946, האָט ער זיך באַמיט פאַרלויפן דעם וועג, כדי אויסצומיידן אַ ריס אין אונדזערע רייען, און מיר דערקלערט אָט וואָס:

„אונדזער פאַרטייאישע אָנפירונג מיט בערמאַנען אין דער שפּיץ, וועט דיך נישט שטאַרק אימפּאָנירן. אָנשטאָט פּראַקטישע, פּלאַנירטע פּועלי־ציוניסטישע אַרבעט, אין גייסט פון דער צייט און דעם מצב — אויפגעבלאָזענע, פּוסטע, רעוואָלוציאָנערע פראַזעאָלאָגיע. דיין וועג פון קאַמף קעגן דעם דאָזיקן אַנאַכראָניזם וועט פירן צו שפּאַלטונג. לייג איך דיר פאָר, אויפן סמך פון מיין ביסל דערפאַרונג דאָ, אַ צווייטן וועג, לאָמיר פאַרטיילן די אַרבעט אַזוי: איבערלאָזן בערמאַנען זיין אילוזאָרישע פּאַרטיי־פירערשאַפט; זאָל ער זיצן אין סיים, זיך באַשעפטיקן מיט הויך־פּאָליטיק און פירן שמועסן אין די הויכע פענצטער. אויב מיר וועלן אים לאָזן די דאָזיקע טעטיקייט, וועלן מיר אומגעשטערט קאָנען טאָן די פּראַקטישע אַרבעט פון אַרויספירן די שארית־הפליטה פון פּוילן אויף די וועגן פון עליה.

אין דעם דאָזיקן שטילן אָפּמאַך האָבן מיר זיך געהאַלטן ביזן פאַרלאָזן פּוילן.

אין אַ געוויסן טאָג פון מערץ 1946 האָט זיך ראָטנבערג פּלוצעם באַוויזן אין וואַרשע אין מיין ביוראָ. פון זיין פּנים האָב איך אָראָפּגעלייענט, אַז עפּעס וויכטיקס איז געשען.

„הער מיך אויס — האָט ער אָנגעהויבן — איבערמאָרגן קומט קיין לאָדזש די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער פּאַלעסטינע־דעלעגאַציע. לאָמיר אָרגאַניזירן אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע, קום תיכף מיט מיר קיין לאָדזש".

מיר זענען אַוועק קיין לאָדזש, זיך צוזאַמענגערעדט מיט אַלע

ציוניסטישע גרופירונגען, אָפּגעהאַלטן דרינגענדיקע מאַסוווקעס מיט אונדזער פּאַרטיי־אַקטיוו, אָרגאַניזירט בליץ־שנעל די דעמאָנסטראַציע און באַשטימט אירע זאַמל־פּונקטן אין אַ ריי הייף פון צענטער שטאָט. אַ שעה פאַר דער דעמאָנסטראַציע זענען טויזנט יידן געווען קאָנצענטרירט אין עטלעכע ערטער אַרום פּיעטרקאָווער גאַס.

מיר זענען געזעסן ביי דער לעצטער זיצונג פון יידישן קאָמיטעט מיט די קאָמוניסטן און בונדאָוצעס, כדי זיי באַווירקן זיך צו באַטייליקן אין דער דעלעגאַציע. דער וויכוח איז געווען פּרוכטלאָז. דעמאָלט האָבן מיר באַפוילן אין גאַס, אַז די דעמאָנסטראַציע זאָל זיך פאַרמירן. מיר האָבן געשטעלט די קעגנער פאַר אַ געשעענעם פאַקט. אונטערן דרוק פון דער גאַס, האָבן זיך אויך די קאָמוניסטן אַנגעשלאָסן אין דער דעלעגאַציע.

אין שפּיץ פון אַ ריזיקער יידישער דעמאָנסטראַציע, דאָס ערשטע מאָל אינעם נאָכמלחמהדיקן פּוילן, נאָכן חורבן, האָבן מיר מאַרשירט צום גראַנד־האָטעל. די מאַניפעסטאַציע האָט אויפגערודערט דאָס גאַנצע לאַנד. אין גראַנד־האָטעל איז אַרויף די דעלעגאַציע, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן דורך דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער פּאַלעסטינע־קאָמיסיע. מיר האָבן פאַרמולירט אונדזערע פּאָסטולאַטן: אָפענע טויערן קיין ארץ־ישראל, אַ יידישע מדינה.

די איניציאַטיוו פאַר דעם דאָזיקן ערשטקלאַסיקן, וויכטיקן, פּאָליטישן אַקט איז געקומען פון ראַטנבערגן.

דאָס נאָכמלחמהדיקע לאָדזש איז געווען דער גרעסטער צענטער פון דער שארית־הפליטה אין פּוילן. דאָרט זענען געווען טעטיק דער רוב צענטראַלע אינסטאַנצן און אינסטיטוציעס פון די יידישע פּאַרטייען,ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, קולטור־געזעלשאַפטן, קיבוצים און רעדאַקציעס. לאָדזש האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון דעם חרובן יידישן וואַרשע. עס זענען דאָרט געווען: דער פאַראיין פון יידישע שרייבער, דאָס יידישע מלוכה־טעאַטער, פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, יידישע שול־אינסטיטוציעס, יתומים־הייזער, די צענטראַלע

פאַר אויסלייזן יידישע קינדער־יתומים פון גוישע הענט, דער צענטער פון בריחה א. אנד.

אין דעם דאָזיקן יידיש־געזעלשאַפטלעכן קעסל, האָט די אָרגאַניזאַציע פון לינקע פועלי־ציון אונטער דער פירונג פון ראָטנבערגן, פאַרנומען אַ צענטראַל און טיילמאָל דאָמינירנדיק אָרט. ארויפלייגנדיק איר שטעמפּל אויפן כאַראַקטער פון גאַנצן יידישן קיבוץ. מיר האָבן דאָרט פאַרמאָגט איינעם פון די גרעסטע קיבוצים, אַ גרויסע אַרבעטער־קיך; מיר האָבן באַאיינפלוסט די יידישע שול־אינסטיטוציעס, קינדערהיימען און יתומים־הייזער און דאָמינירט אין דער סאָציאַלער הילפס־טעטיקייט. אין די אַלע אַרבעטן איז געווען קענטיק סיי די איניציאַטיוו, סיי די אָרגאַניזירנדיקע און קאָנסטרו־אירנדיקע האַנט פון ראָטנבערגן.

אַדאַנק אונדזערע גרויסע איינפלוסן אויף די אַלע געביטן און ראָטענבערגס ראָל אינעם יידישן קאָמיטעט, איז אַלץ געטאָן געוואָרן כדי אונטערצוהאַלטן די דויערנדיקע פלוקטואַציע צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, און קעגן דעם ווילן און פאָליטיק פון די יידישע קאָמוניסטן, האָבן טויזנטער קינדער, יוגנט און דערוואַק־סענע געשטראָמט פון פּוילן צו די וועגן, וואָס האָבן געפירט קיין ארץ ישראל.

ג. דער דריטער און לעצטער עטאַפּ — ישראל

ראָטנבערגס חבלי־קליטה זענען נישט געווען קיין לייכטע: קודם כל דער ירושלימער אולפן פאַר לערנען העברעיש און דאַן — קנאַפּע צוויי יאָר נע־ונד, אויף פאַרשידענע קוואַרטירן ביי חברים און געדונגענע, ביזן אַריינגיין אין שיכון. שפּעטער — אַ פּאָר יאָרן אַן סטאַבילער באַשעפטיקונג.

בעת ער איז אַריינגעשיקט געוואָרן צו אַרבעטן אין דער פּרץ־ביבליאָטעק, האָט ער דאָרט אָנגעטראָפן אַ באַגרענעצטע ראַם פון טעטיקייט, וואָס האָט אים נישט באַפרידיקט. האָט ער אָנגעהויבן זוכן וועגן ווי אויסצובריינגען דאָרט זיין ענערגיע און איניציאַטיוו.

די ביבליאָטעק־פאַרוואַלטונג האָט דאַן אָנגעהויבן מיט אויס־ברייטערן דעם פאַרקויף און פאַרשפּרייטונג פון יידישן בוך. די פולע אָפּהענגיקייט פונעם אויסלענדישן ביכער־מאַרק האָט סטימו־לירט דעם געדאַנק צו פאַרלעגערישער אַרבעט, וואָס האָט זיך אין פּראָצעס פון אַנטוויקלונג געשטאַלטיקט צו אַן אידעע און ציל: ווערן די שפּראַך־בריק צווישן ישראל און גלות מיט יידישע ביכער אין מקור און איבערזעצונגען פון יידיש אויף העברעיש און פון העברעיש אויף יידיש.

ס׳איז קודם כל ראָטנבערגס פאַרדינסט, וואָס די אינסטיטוציע האָט באַקומען שוווּנג, איז אַרויס פון ענגע ראַמען און זיך אַנט־וויקלט צו אַ פּאָפּולערער און חשובער קולטור־פּאָזיציע אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

נישט געקוקט דערויף, וואָס די אַרבעט פון דער י. ל. פּרץ־אינסטיטוציע איז געפירט געוואָרן אין אויסערגעוויינלעכע שווערע באַדינגונגען און איז געווען באַגלייט מיט טאָג־טעגלעכע דאגות און אָנשטרענגונגען, האָט ראָטנבערג געזען די צוקונפט פול מיט אָפּטימיזם און בטחון. נאָך האָרט פאַר זיין אומגעריכטן טויט זענען ביי אים רייף געוואָרן גרויסע פּלענער וועגן ברייטער קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, וועלכע ער אַליין האָט שוין נישט באַוויזן צו רעאַליזירן.

מאַי, 1960

אַבּוש ווערבע, תל־אביב

דער רעאַלער אָפּטימיסט

ווידער האָט דער אכזריותדיקער טויט אַרויסגעריסן איינעם פון די בעסטע פון אונדזער פּאַרטיי־משפּחה — יוסף ראָטנבערג.

זינט עטלעכע יאָרן ווי עס ווערן פּריצייטיק אָוועקגעריסן פון אונדז, איינער נאָכן אַנדערן, די שענסטע און דערהויבנסטע געשטאַלטן אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, פון די געטרייעסטע אָנפירנדיקע און אַקטיווע חברים פון דעם פּועלי־ציון אַפּשטאַם.

ווילט זיך נישט לאָזן באַהערשן פון אַ מיסטיש געפיל, אָבער נישטאָ מער דער באַליבטער, דער האַרציק־חברישער, פּאָלקס־טימלעכער יוסף ראָטנבערג.

אָקערשט געלעבט, געווען פול מיט פּלענער און איניציאַטיוו, פּלענער פון פּאַרנעם און פאַרמעסט, פּלענער פון שטייגונג, איין פּלאַן דערהויבענער ווי דער צווייטער, איין פּלאַן האָט איבער־געשטיגן דעם צווייטן, געצויגן באַרג אַרויף — אַרויף, און מיטן כוח פון זיין טיפן אינערלעכן גלויבן און איבערצייגונגס־פעיקייט האָט ער מיטגעריסן מיט זיך אַלע אַרום.

ראָטנבערג האָט געשפּרודלט מיט אַ געזונטן און כ'וואָלט געזאָגט —רעאַלן אָפּטימיזם ; ער האָט געשאַפן, געבויט, געלייגט ציגל אויף ציגל צו אַ גרויסן בנין, וועמענס אַרכיטעקט און בויער ער איז אַליין געווען, אויסגעבויט אַ פאַרלאַג פון יידישע און העברעישע ביכער, וואָס האָט זיך שנעל קונה־שם געווען אין דער יידישער וועלט. פולע הענט מיט מזל ברכה האָט ער געהאַט אומעטום ; אויסגענומען אין ישראל און מצליח געווען אין זיין שליחות אין אַמעריקע, זיך און „זיין” פאַרלאַג דערוואָרבן הונדערטער פריינד,

צווישן זיי — די וויכטיקסטע יידישע שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער.

דער סוד פון זיין דערפאָלג איז אָן ספק געלעגן אין זיין אויסער־געוויינלעכן פערזענלעכן שארם און אין זיין אוממיטלבאַרער ווירקונג מיט זיין פאָלקסטימלעכקייט, האַרציק־חברישער און פריינדלעכער בין אדם לחברו־באַציונג צום מענטש, אָן אָנשטעל פון גדלות און בלאָזן פון זיך.

אָקערשט איז דאָס אַלץ געווען און... און ס׳האָט זיך אָפגעשטעלט ס׳האַרץ פון דעם גוטן און גוטמוטיקן 46־יאָריקן יוסף ראַטנבערג.

נישטאָ מער דער באַליבטער פאַרמלחמהדיקער פירער פון דער גרויסער פועלי־ציון יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין לאָדזש; נישטאָ מער איינער פון די וויכטיקסטע פירנדיקע מענטשן פון דער גרויסער פועלי־ציון פאַרטיי אין דעם נאָך־מלחמהדיקן פוילן; נישטאָ מער דער שעפער און פאַרוואַלטער פון י. ל. פרץ־פאַרלאַג אין תל־אביב; נישטאָ מער דער בעל־חלומות, דער בעל־דמיון פון די נאָך נישט אויסגעטראַגענע און פאַר קיינעם נאָך נישט דערציילטע פלענער, וואָס ער האָט מיטגענומען מיט זיך.

אַז אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, וואָס שטייט אין שפיץ פון אַן אינסטיטוציע — איבערהויפּט אַן אינסטיטוציע, וואָס ער האָט אַליין אויפגעשטעלט און בידים געפורעמט בצלם זיין אייגענעם כאַראַקטער און אינערלעכן וועזן — ווערט פלוצעמדיק דורכן טויט פון איר אַרויסגעריסן, נעמט ער מיט זיך מיט זיין אייגנאַרטיקייט, זיין מעטאָד פון אַרבעט, און ווען אפילו דאָס ליידיק געבליבענע אָרט ווערט פאַרטראַטן דורך אַן אַנדערן, פעלט תמיד דאָס כאַראַקטע־ריסטישע פון דעם פריערדיקן.

אין דעם י. ל. פרץ־פאַרלאַג וועט אייביק פעלן ראַטנבערג, זיין חותם און דער „ווי וואָלט ער געהאַנדלט״?

פאַר יוסף ראַטנבערגן איז דער פאַרלאַג נישט געווען סתם אַן אינסטיטוציע, אָדער נאָך אַ פאַרלאַג ביי יידן. ראַטנבערג האָט אין דעם אַריינגעלייגט זיין גאַנצע נשמה און אינהאַלט פון זיין

פועלי־ציון קאָנצעפּציע וועגן יידיש לעבן אין ישראל און אין די תפוצות, און זיין צוגאַנג צו יידישע קולטור־פּראָבלעמען אומעטום. ער האָט געזוכט די נאָענטע פאַרבינדונג צווישן יידיש און העברעיש, דעם סינטעז פון אַמאָל און היינט, פון די תפוצות מיט ישראל, און דעם המשך פון יידיש לעבן און יידישער קולטור אין ברייטסטן זין פון וואָרט.

אַלדאָס פּאָזיטיווע אין יידישן לעבן איז אים געווען טייער, אָבער אַ באַזונדערע נאַטירלעכע ליבשאַפט האָט ער געהאַט צו ישראל, יעדער נייער אויפטו און אויפקום אין דער מדינה האָט אים פאַרשאַפט פרייד.

זעלטן, זעלטן איצט, אין אַ צייט פון אַבסאָלוטן קאַריעריזם, פון נשמה־אויסגעליידיקטקייט, צו געפינען אַ מענטש, וואָס זאָל ווי יוסף ראָטנבערג, האָבן געלעבט אין גאַנצן פאַר דער „זאַך".

ביי זיין גאַנצער שטילער און טיפער מענטשלעכער חכמה, באַפּעפערט מיט אַ דינעם שיכט פון כלומרשטן און אויסערלעכן סקעפּטיציזם, האָט ער פאַרמאָגט אין זיך די „נאַיווע ראָמאַנטיק" פון אַמאָל, פון דעם אַמאָליקן טיפּ פון די ריינע און געלייטערטע אידעאַליסטן, פון די טוער לשמה.

אפשר האָט ער אויסערלעך געמאַכט דעם איינדרוק פון איינעם, וועמען ס'אַרט נישט, וואָס „נעמט זיך פון גאָר נישט איבער", אָבער די, וואָס האָבן אים געקענט נענטער, האָבן געוווּסט, וויפל ראָטנבערג האָט ממש איבערגעקרענקט יעדע זאַך, יעדן מיסדערפאָלג און יעדע עוולה.

און דאָס — נישט דווקא בלויז אין שייכות מיט זיין דירעקטער אַרבעט אין פאַרלאַג, נאָר אפילו אין שייכות מיט אַן עוולה לגבי זיינע פועלי־ציון חברים, וואָס ער האָט אַזוי האַרציק ליב געהאַט.

אַלץ האָט ער געהאַט אויף זיין קאָפּ. אפילו אין לעצטן טאָג זיינעם, בעת איך האָב אים באַזוכט אין שפּיטאָל, האָט ער מיר נאָך איבערגעגעבן אַ צעטעלע מיט פאַרשידענע אָנמערקונגען, וואָס

ס׳איז פאַראַן צו טאָן, ס׳זאָל חלילה גאָרנישט פֿאַרגעסן ווערן, גאָר־נישט פֿאַרנאַכלעסיקט ווערן.

ס׳וועט זיכער נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז ער איז ממש פֿאַרברענט געוואָרן אין דער אַרבעט.

פֿרעסט דער צער, און ווער איז אימשטאַנד ניכטער און אָביעק־טיוו צו שרייבן און עפּעס צוצוטראָגן צו דער געשטאַלט פֿון אַזאַ נאָענטן און טייערן חבר, פֿון אַזאַ אויפֿריכטיקן פֿריינד?

דאָס שענסטע, וואָס מען קאָן טאָן פֿאַר ראָטנבערגס אָנדענק, איז ממשיך זיין, אַנטוויקלען און אַרויסטראָגן אויף נאָך ברייטערע שליאַכן דאָס גרויסע ווערק, וואָס ער האָט אויפֿגעשטעלט, אַזוי ווי ס׳וואָלט געווען מיט אים.

דאָס וואָלט אפֿשר אויך געקאָנט זיין אַ שטיקל טרייסט פֿאַר וואַנדאַ, אויב טרייסט איז בכלל פֿאַראַן.

מאַי 1960

משה גערשאָנאָוויטש, תל־אביב

מיט האַרץ און נשמה

כדי אָפּצושאַצן די טעטיקייט פון אונדזער יונג־פאַרשטאָר־בענעם חבר יוסף ראָטנבערג, איז נייטיק, כאָטש אין אַ פּאָר קורצע ווערטער, צו דערמאָנען דעם מצב פון יידיש אין לאַנד און פון דער פּרץ־ביבליאָטעק, איידער ראָטנבערג האָט אָנגעהויבן מיטאַרבעטן און אָנפירן מיט איר.

די פּרץ־ביבליאָטעק איז געשאַפן געוואָרן דורך פּועלי־ציון חברים מיט בערך 40 יאָר צוריק. ביז נאָכן אויפקום פון דער מדינה איז אונדזער טעטיקייט באַשטאַנען אין פאַרשפּרייטן דאָס יידישע בוך און געבן די מעגלעכקייט אים צו לייענען די טויזנטער יידיש־לייענער, וואָס האָבן זיך צו יענער צייט געפונען אין לאַנד.

אָט די אַרבעט האָט פאַרלאַנגט אַ סך מסירת־נפש און מוט. די הערשנדיקע געזעלשאַפטלעכע קרייזן אינעם ישוב האָבן זיך באַצויגן פיינטלעך צו יידיש, זעענדיק אין אַזאַ אַרבעט אַ קאָנקורענץ, רחמנא ליצלן, פאַר העברעיש, און מ׳האָט אונדז נישט איבעריק געפּיעשטשעט, פאַרקערט...

אין אונדזער קאַמף פאַר די רעכט פאַר יידיש אין ישראל האָט אונדז אינעם ישוב גופא קיינער נישט געהאָלפן — קיין שום אָרגאַ־ניזירטער געזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר — אויסער חברים און פריינד פון אויסלאַנד. אַ גרויסער טייל פון די, וואָס שרייבן עד היום און לייגן איין וועלטן קעגן רדיפות אויף יידיש אין ישראל, האָבן אין יענע צייטן נישט געוואָלט אונדז שטיצן אין אונדזער אַרבעט, ווייל צוליב זייער גרויסער שנאה צו ציוניזם און ארץ־ישראל, האָבן זיי מורא געהאָט, אַז דאָס שטיצן דעם קאַמף פאַר יידיש אין ארץ־

ישראל, קאָן, חלילה, שטאַרקן און פאַרגרעסערן די חשיבות פון דעם ישוב דאָ.

נאָכן אויפקום פון דער מדינה און מיטן אַריינשטראָם פון מאָסן־עולים, וואָס זייער שפּראַך איז געווען יידיש, (זיכער האָט מיטגעווירקט אויך דער פאַקט, וואָס דער גרעסטער טייל פון אונדזער פאָלק, וועלכער האָט זיך אויסגעלעבט אין יידיש איז אומגעקומען), האָט זיך אין לאַנד געענדערט די באַציונג צו יידיש. מען האָט אָנגעהויבן אָפּשאַצן דעם גרויסן נאַציאָנאַלן ווערט פון דורות פאָלקס־שאַפן אין יידיש־לשון; מען האָט גענומען פאַרשטיין, אַז אַזאַ גרויס נאַציאָנאַל פאַרמעגן טאָר נישט פאַרלוירן גיין, נאָר דאַרף אויסגענוצט ווערן סיי לטובת אונדזער מדינה און סיי לגבי אונדזער פאָלק אין די תפוצות.

די פּועלי־ציון צייטונג „נייוועלט“, וועלכער איז געווען דער איינזאַמער יידיש־אינדזל אין לאַנד און איז כסדר אַטאַקירט און אפילו באָמבאַרדירט געוואָרן, איז אַרויס פון זיין פאַריתומטקייט.

ערשט דאַן באַווייזן זיך וואָכן־און טאָג־אויסגאַבן אין יידיש; יידישע שריפטשטעלער, וואָס קומען פון חוץ־לאָרץ, ווערן וואַרעם אויפגענומען. מ׳הערט אויף צו וואַרפן שטיינער אויף יידיש־פאַר־זאַמלונגען. ס׳הייבט אָן פאַרשווינדן אין געוויסע קרייזן די גאַווהדיקע אַנטי־יידיש באַציונג. צו דעם האָט צוגעהאָלפן אויך דאָס, וואָס אַ גרעסערע גרופּע ווערטפולע יידישע שרייבער האָט זיך באַזעצט אין לאַנד.

אונדזער אינסטיטוציע, מיט איר לאַנגיעריקער אַרבעט, האָט זיכער איר בכבודיקן חלק אין דער פאַרגעקומענער ענדערונג לגבי יידיש. ס׳איז קלאָר געווען, אַז אונדזער אַרבעט האָט איצט געדאַרפט געפירט ווערן אויף אַ ברייטערן און קאָנסטרוקטיוון אופן. מיר האָבן נישט געטאָרט איבערלאָזן דאָס פאַרטיידיקן די רעכט פון יידיש אין לאַנד פאַר די מכלומרשטע יידיש־פאַטריאָטן, וואָס זענען מער אויסן געווען אַ בריקע טאָן דער מדינה, ווי די טובה פון יידיש.

אין דער דאָזיקער צייט און אין אָט דער אַטמאָספער הייבט ראָטנבערג אָן זיין הצלחהדיקע טעטיקייט אין דער פּרץ־ביבליאָטעק. צו זיין גרויסן דערפאָלג האָבן אים צוגעהאָלפן צוויי הויפּט־מעלות, וואָס ער האָט פאַרמאָגט: ראשית, ראָטנבערג האָט זיך גלענצנדיק אָריענטירט אין די נייע באַדינגונגען, וואָס זענען צייטיק געוואָרן בעת זיין אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכער און קולטור־טעטיקייט; שנית, ער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן כוח צו קאָנען ווירקן און באַאיינפלוסן מענטשן, מסתמא — צוליב זיין איינגעבוירענעם טאַקט און דרך־ארץ צום צווייטן.

ס׳האָט זעלטן פּאַסירט, אַז ער זאָל נישט באַווירקן די מענטשן, וואָס ער איז געקומען מיט זיי אין באַרירונג ביי פאַרשידענע באַגעגענישן. ראָטנבערגן האָט מען געגלייבט, אין דעם איז געווען זיין כוח. ער האָט נישט גערעדט סתם רייד, מ׳האָט געפילט אויך האַרץ.

זייענדיק אַ מענטש מיט שווונג און פאַנטאַזיע, איז ער גלייכצייטיק געווען געניט ניכטער און רעאַל ביים פאַרווירקלעכן פּלענער, וועלכע האָבן אין ערשטן מאָמענט געקאָנט אויסזען, ווי נישט צום דערגרייכן.

ער איז געווען איבערצייגט אינעם גרויסן נוצן פאַר אונדזער פאָלק, וואָס עס קאָן ברענגען אַ שלום צווישן אונדזערע ביידע שפּראַכן. האָט ער מיט אימפּעט און גלויבן פאַרווירקלעכט די באַשלוסן פון דער פאַרוואַלטונג ביים שאַפן דעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג און דורכגעפירט אַנדערע קולטור־אונטערנעמונגען.

גליקלעכערווייז האָט זיך פאַר אונדזער אינסטיטוציע געשאַפן אַ גלענצנדיקע געלעגנהייט: חבר זרבבל האָט געהאַט פאַרענדיקט שרייבן אַ גרויסן טייל פון זיינע זכרונות — „בלעטער פון אַ לעבן״. די פאַרוואַלטונג פון דער פּרץ־ביבליאָטעק האָט געהאַלטן, אַז סיי דער אינהאַלט פון בוך און סיי דער מחבר זענען אָן ספק דער פּאַסיקסטער און בכבודיקער אָנהייב פאַר אונדזערער אַ פאַרלאַג־טעטיקייט. אַזוי איז טאַקע געשען. מיט אָט דעם בוך איז אויפגע־

קומען אונדזער פֿאַרלאַג און ער האָט גלייך פֿונאַנדערגעוויקלט זיין ברייטע פֿאַרלעגערישע אַרבעט.

דער פֿאַרלאַג, אין וועלכן ראַטנבערג האָט אַריינגעלייגט אַזויפֿיל ענערגיע, איניציאַטיוו און שווונג, איז זיך שנעל פֿונאַנדערגעוואַקסן און איבערגעשטיגן אַלע אונדזערע לכתּחילהדיקע פּלענער. ער וועט בקרוב פֿייערן דאָס דערשיינען פֿון 70־טן בוך. די ביכער זענען דערשינען דער עיקר אין יידיש, אָבער אַ טייל וויכטיקע אויסגאַבן — אויך אין העברעיש, אין הסכּם מיט אונדזער פּרינציפּיעלער איינשטעלונג.

צו אונדזער אַלעמענס צער האָט ראַטנבערג נישט דערלעבט צו דעם נחת פֿון אַט דער פֿייערונג.

די אַרבעט איז פֿאַר אים געווען אַ זייער שווערע. אין יעדן אַרויסגעגעבענעם בוך האָט ער אַריינגעלייגט אַ שטיק פֿון זיין האַרץ און יאָרן פֿון זיין נישט־אויסגעלעבטן לעבן.

10 יאָר האָב איך ראַטנבערגן געקענט פּערזענלעך; אַכט יאָר האָב איך געאַרבעט מיט אים צוזאַמען אין דער י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק. מיר האָבן זיך באַגעגנט כּמעט יעדן טאָג. כ׳האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו זען זיין איבערגעגעבנקייט צו דער אינסטיטוציע. ער איז געווען אַ ליבער מענטש מיט אַ סך האַרץ און אַ טייערער חבר. אפֿילו ווען מען האָט מיט אים נישט מסכּים געווען, איז געווען גוט צו אַרבעטן מיט אים.

אייגנאַרטיק איז געווען זיין באַציונג צום לאַנד. דאָס האָט נישט געמיינט סתּם ליב האָבן דאָס לאַנד. ביי אים איז געווען עפּעס מער און עפּעס אַנדערש, ווי בלויז ליבע. ער האָט געהאַט נחת פֿון יעדן אויפֿטו און זיך געפֿרייט מיט יעדן אויפֿשפּראָץ.

די פֿאַרוואַלטונג פֿון פּרץ־פֿאַרלאַג און ביבליאָטעק וועט ראַטנבערגס טייערן אָנדענק אָפּהיטן דורך דעם, וואָס מיר וועלן די אינסטיטוציע מיט וועלכער ער האָט געלעבט 24 שעה אין מעת לעת, אויסברייטערן און פֿונאַנדערבויען צו אַ גרויסן קולטור־צענטער,

ווו ביידע שפראַכן — יידיש און העברעיש — זאָלן דינען אונדזער פאָלק און מיטווירקן צום ווייטערדיקן אויפשטייג פון אונדזער מדינה.

זאָל דאָס זיין אַ טרייסט (אויב ס'קאָן בכלל זיין אַ טרייסט) פאַר זיין משפחה — אונדזער ליבער וואַנדאַ און דעם טייערן זיבן יעריקן נחי.

אַפּריל 1961

יוסף ראָטנבערג

געקענט האָב איך אים פון דעם נאָכמלחמהדיקן און נאָכחור־בנדיקן לאָדזש, ווו ער איז געווען וויצע־פאָרזיצער פון וואָיע־וואָדישן יידישן קאָמיטעט. אָבער דערקענט האָב איך אים ביי זיין טעטיקייט אין דעם י. ל. פרץ־פאַרלאַג אין תל־אביב.

ווען איך האָב אים דערקענט, איז ער שוין געווען ראשו ורובו, מיט לייב און נשמה, אַריינגעטאָן אין זיין פאַרלאַגס־אַרבעט. אָפיציעל איז ער געווען דער לייטער, אָבער פאַקטיש איז ער געווען דער ספּיריטוס מאָווענס, דאָס הארץ און די נשמה פון פאַרלאַג.

פאַראַן מענטשן, וואָס זייער ווערט איז אין דעם וואָס זיי האָבן געשאַפן. פאַראַן אָבער אַזעלכע, וואָס אַ חוץ דעם איז זייער ווערט אויך, און אפשר גאָר דער עיקר, אין דעם וואָס זיי זענען, אין דעם, וואָס זיי זענען פאַראַן. צו דער זעלטענער קאַטעגאָריע מענטשן האָט געהערט יוסף ראָטנבערג.

אין אַ ביטערער, אַכזריותדיקער צייט האָט זיך יוסף ראָטנבערג געגומען קולטיווירן, פלעגן און רעאַליזירן די בעסטע מידות בין אדם לחבירו. דער בין אדם לחבירו פאָדערט קאָנקרעטע מעשים. און אויף קאָנקרעטע מעשים איז היינט צו טאָג פאַראַן אַזוי ווייניק וואָלאָנטערן, אַזוי ווייניק פריוויליקע. איינער פון די געציילטע איז ער געווען.

ער האָט אַרויסגעפילט דעם שווערן קוועל פון די יידישע שרייבער אין ישראל און איז אויפגעשטאַנען זיי צו העלפן. ער האָט פאַר זיי אויסגעטרוימט און אויסגעניסימט אַ פאַרלאַג אין ישראל. דער קוועל פון דעם יידישן שרייבער איז אים כסדר געשטאַנען

פאַר די אויגן. וואָרעם קאָן דען זיין אַ גרעסערער קוועל פאַר אַ שרייבער, ווי ניט צו האָבן ווו אַרויסצוגעבן זיינס אַ בוך? ער האָט דאָס געפילט. ער האָט מיטגעפילט. און פון דער סימפּאַטיע צום יידישן שרייבער איז אויסגעוואקסן דער י. ל. פּרץ־פאַרלאַג אין ישראל.

ער איז געווען אַ גלויביקער, יוסף ראָטנבערג, ער האָט געגלייבט אין דעם וואָס ער טוט. ער איז געווען אַ טרוימער אָבער ניט קיין פאַנטאַזיאָר. זיין טרוים האָט ער פאַרווירקלעכט טריט ביי טריט, אָבער איינצייטיק מיט שווונג. דאָס וואָס האָט ניט געקאָנט פאַר־ווירקלעכט ווערן, האָט ער גיך דערוויטערט פון זיך, ער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט זיין קיין פאַלשער פּותר פון זיינע אייגענע חלומות.

טרוים און מעשה זענען ביי אים געגאַנגען האַנט ביי האַנט. האָט אַ מחבר זיך געמאַכט צו־גרויסע אילוזיעס, האָט ראָטנבערג זייער דעליקאַט געצוימט זיין ענטוזיאַזם. ער האָט דאָס געטאָן פון גוטסקייט. ער האָט געוואָלט פאַרמיידן דעם מחבר שווערע אַנטוי־שונגען. איז שוין אָבער אַ מחבר געווען צופיל געפאַלן ביי זיך, האָט אים ראָטנבערג דערמוטיקט, אַנגעשטעקט אים מיט זיין אייגענעם גלויבן, אויפגעדעקט פאַר אים זיינע פלענער, אָנגעוויזן אויף דעם וואָס איז נאָך אַלץ מעגלעך אויפצוטאָן.

ער איז געווען קלוג, געהאַט אין זיך איינגעבוירענע פאָלקס־חכמה. און דאָך איז ער געווען תמימותדיק. געווען אויסערגעוויינלעך דעליקאַט אין אַלע זיינע געגנג, און שטאַרק געליטן ווען ער האָט זיך אָנגעטראָפן אויף ברוטאַליטעט, בפרט ווען זי איז געקומען מצד מענטשן, וועלכע גייען אָן פאַר מענטשן פון גייסט.

אין דעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג האָט ער געאַרבעט טאָג און נאַכט. אַלע זיינע מחשבות האָט ער געווידמעט דעם פאַרלאַג. ער האָט זיך ממש פאַרברענט אין דער אַרבעט. זיך אַליין געבראַכט פאַר אַ קרבן עולה פון איר.

יוסף ראַטנבערג איז געווען פול מיט נייע איינפאַלן, מיט שווונג און מיט נייע פּראָיעקטן. און גערעדט האָט ער וועגן דעם אַלעם מיט די פּשוטסטע ווערטער. ער האָט מוראדיק פיינט געהאַט פראַזן. ער האָט בכלל געהערט צו דעם טיפּ מענטש, וואָס פילט און פאַרשטייט אַ סך מער און טיפער ווי ער ברענגט דאָס אַרויס, ווי ער איז עס בכוח אַרויסצוברענגען. דערפאַר האָט מען אַזוי געשאַצט און אָפּגעשאַצט יעדעס זיין וואָרט.

ער איז נישט געווען קיין רעדנער — און דאָך האָבן זיינע קאַרגע ווערטער אַלעמען איבערגעצייגט. ווייל מעשיו ידברו, זיינע מעשים רעדן פאַר אים. אין אַ צייט פון אָפּהענטיקייט, פעסימיזם און אפילו דעפעטיזם אין דער וועלט פון יידישן שאַפן, האָט ער געגרינדעט אַ פאַרלאַג פאַר יידישע ביכער אין ישראל. אַ פאַרלאַג וואָס האָט זיך בליץ שנעל קונה־שם געווען אין דער גאַנצער יידישער וועלט.

ער האָט געוואָגט דאָס, וואָס קיינער האָט נישט געוואָגט, געגלייבט אין דעם, אין וועלכן די גלוביקסטע האָבן געצווייפלט. די סקעפּטיקער האָבן איידל געשמייכלט פון זיינע קאַלקולאַציעס. די פּראַקטישע האָבן פאַרויסגעזאָגט אַ גיכן דורכפאַל. ער האָט צוריק־געשמייכלט אַזוי ווי אין פאַרלעגנהייט און דאָס זייניקע אויסגעפירט.

ווייל ער איז נישט געווען קיין סוחר, נאָר אַ טרוימער, ווייל ער האָט נישט קאַלקולירט מיט מוח, נאָר מיט האַרץ און נשמה, האָט ער באַוויזן צו שאַפן אַ ווערק אויף וועלכן מען האָט זיך נישט נאָר געוווּנדערט, נאָר מען האָט באַוווּנדערט.

יוסף ראַטנבערג האָט געקאָנט אַזוי שיין אַ שמייכל טאָן און אַזוי איידל פאַרשווייגן און אַריבערגיין איבער אַ סך ענינים. ער האָט באַצויבערט מענטשן, וואָס האָבן זיך אויף זיינע איידלקייטן פאַרשטאַנען.

דאָס פאָלק באַצייכנט אַ מענטש מיט אַזעלכע כאַראַקטער־מעלות מיט קורצע ווערטער: — אַ שטיק גאָלד. ער איז באמת געווען

א שטיק גאָלד, אַט דער יוסף ראַטנבערג, וועלכער איז צו אונדזער אַלעמענס גרויסן צער מער נישטאָ.

דערפאַר, ווייל ער האָט פאַרמאָגט אַזויפיל מעלות, האָבן אַרויס־געוויזן אַ גרייטקייט אים צו העלפן נישט נאָר אָפיציעלע פּערזענ־לעכקייטן, נאָר מענטשן נסתרים, פאַרבאָרגענע, צניעותדיקע, מענטשן פון דער שורה, וועגן וועלכע קיינער וועט אפשר קיינמאָל נישט געוואָר ווערן, אָבער אין סך־הכל וועלן זיי פאַרנעמען אַ בכבודיק אָרט.

ביז ראַטנבערגס טויט האָט דער פאַרלאַג אַרויסגעגעבן זעקס־און־פערציק ביכער. זעקס־און־פערציק, לויטן מנין פון זיינע, ראַטנבערגס, יאָרן. אַזויפיל ביכער פאַר אַזאַ קורצער צייט פון דער עקזיסטענץ פון פאַרלאַג, און אַזוי אַכזריותדיק ווייניק יאָרן פאַר אַזאַ שיין מענטשלעך לעבן.

*

מענטשן וואָס האָבן אים געקענט פון זיין היים דערציילן, אַז פון די פריסטע יוגנט־יאָרן האָט ער ליב געהאַט ביכער. אָנגעהויבן האָט ער זיין טעטיקייט אין פאַרמלחמהדיקן לאָדזש, ווי נאָך אַ גאָר יונגער באָראָכאָוויסט, מיט זאַמלען ביכער, וואָס ער פלעגט אַליין טראָגן און צעטיילן צווישן די אַרבעטער, כדי זיי זאָלן די ביכער לייענען.

אַזוי ווי ער האָט אָנגעהויבן זיין פאָליטישע טעטיקייט צווישן די יידישע אַרבעטער מיט ביכער, אַזוי האָט ער, ווען ער איז נאָך דער מלחמה און חורבן געקומען קיין ארץ ישראל, געפונען זיין ריכטיק אָרט ביי קולטור־אַרבעט. פריער אין דער ביבליאָטעקן־נעץ אויפן נאָמען פון י. ל. פרץ אין גאַנצן לאַנד, און דערנאָך אינעם פאַרלאַג.

יוסף ראַטנבערג איז געווען דער לייטער פון דעם פאַרלאַג, אָבער זיינע חברים, זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער האָט ער קיינמאָל נישט געגעבן צו פילן אַז ער איז דער לייטער. ווען אַן אַרבעט האָט

פאַרלאַנגט אַ גאַר גרויסע אָנשטרענגונג, פלעגט ער זאָגן: — מחויב ביסטו דאָס נישט צו טאָן, אָבער ס'וועט זיין זייער שיין פון דיין זייט ווען דו וועסט אונדז צוהעלפן.

מיט זיין פאַרהאַלטן זיך, מיט זיין אופן רעדן, מיט זיין באַשיי־דנקייט, מיט זיין גאַנץ וועזן האָט ער געוועקט צוטרוי צו זיך, געוועקט פריינדשאַפט און ליבע.

ער האָט נישט נאָר געוועקט אַ גוט געפיל צו זיך, נאָר פון אים האָט געשטראַלט מיט גוט געפיל.

ער האָט געקאָנט רעדן מיט מענטשן און צו מענטשן. באַזיצט איינגעבוירענעם טאַקט. ער האָט אויך אין הלכות באַגיין זיך מיט מענטשן אַ סך געלערנט. דעריבער האָבן אים אַלע אַזוי ליב געהאַט. אַלע וואָס זענען געווען נאָענטער און נאָענט צו אים, אַלע חברים וואָס האָבן מיט אים מיטגעאַרבעט און אַלע וואָס זענען געקומען מיט אים אין קאָנטאַקט, שוין נישט רעדנדיק וועגן זיינע פאַריתומטע גאַר נאָענטע.

נאָר די וואָס זענען אַליין קאַליע, מאָראַליש קאַליע, קאָנען האַלטן, אַז די אָנגעהעריקייט צו אַ פּאַרטיי, דאָס אַרויסגעהויבן ווערן אין דער פּאַרטיי־היעראַרכיע, דאָס פאַרנעמען אַ העכערן פּאָסטן, מוז דורכויס דעם מענטש קאַליע מאַכן. יוסף ראָטנבערג איז געווען דער בעסטער באַווייז, אַז אַזוי מוז עס נישט זיין. ער איז געווען די בולטסטע אָפּלייקענונג פון דער דאָזיקער געמיינער פאַר־שפּרייטער מיינונג. וואָס העכער זיין פּאָסטן האָט אים אַרויסגע־הויבן, אַלץ צניעותדיקער איז ער געווען אין זיין גאַנג.

ער איז געווען איינציייטיק פּשוט און קלוג, און תּמימותדיק, שוין צו־תּמימותדיק. ער האָט געוואָלט זען אין דעם יידישן שריי־בער די פאַראייניקונג פון פערזענלעכקייט און שרייבער. און ווייל ער האָט אים אַזוי געוואָלט זען, האָט ער אים אַזוינעם געזען.

ווי אַן איש תּם האָט יוסף ראָטנבערג געזאָגט און געוואָלט הערן אָפן, וואָס מען האָט צו זאָגן. ער האָט נישט פאַרטראָגן קיין אַריינזאָגעכצן. ווי אַ מענטש וואָס האָט אויך געטראָגן די מאַטע־

ריעלע אחריות פאַר דעם ווערק וואָס הייסט: י. ל. פרץ־פאַרלאַג, האָט ער טיילמאָל געמוזט גיין אויף קאָמפּראָמיסן. אָבער אַלע וועלן מודה זיין, אַז ער האָט זיך מיט אַלע כוחות באמת, אַז דער י. ל. פרץ־פאַרלאַג אין ישראל זאָל נישט נאָר זיין דער גרעסטער אין דער יידישער וועלט, (און אַזוינער איז ער געוואָרן), נאָר אויך דער שענסטער און ריינסטער פאַרלאַג.

*

יוסף ראָטנבערג האָט ערשט געהאַלטן אין סאַמע אָנהייב פון זיין ברייטער טעטיקייט. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ סך נייע פּלענער, וואָס טייל פון זיי זענען שוין געווען אויף דער שוועל פון רעאַליזירונג. כאָטש ער האָט געקענט גוט און אויסגעבונדן דעם מעמד פון יידישן שרייבן און פון יידישן בוך אין דער יידישער וועלט, איז ער פון דעסטוועגן געווען פול מיט קאָנסטרוקטיוון אָפּטימיזם. ער האָט געוואָלט און זיך גענומען פאַרבינדן און פאַרקניפּן דאָס יידישע בוך מיטן יידישן מענטש, דעם יידישן שרייבער מיט דער יידישער געזעלשאַפט, דאָס יידישע הארץ, מויל און אויער — מיטן יידישן וואָרט. מיט זיין אויפטו האָט ער געהויבן דעם אָנזען פון יידישן שרייבער און יידישן בוך אין דער גאָרער וועלט.

ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז מען קאָן נישט רעדן וועגן יידישער קאָנטינואַציע, אפילו נישט אין ישראל, ווען מען וויל אַרויסרייסן איינס פון די הויפּט־רינגען, יידישע שפּראַך און יידישע ליטעראַטור, וואָס האָט אַזוי גוט פאַראייניקט יידישע שעפערישקייט אין משך פון דורות. ער האָט געוווּסט, אַז זיין וועג איז אַ שווערער, ווייל דווקא דעם פּשוטן, עלעמענטאַרן אמת איז שווער תופס צו זיין. ער האָט אויך געוואָלט, אויב נישט פאַרברידערן, איז לכל הפּחות פאַרשוועסטערקינדן די יידישע ליטעראַטור מיט דער העברעישער, דורך אַרויסגעבן ביכער איןביידע שפּראַכן, און אויך דורך איבערזעצן ביכער פון יידיש אויף העברעיש און פאַרקערט.

ער האָט נאָך אַזוי אַ סך געוואָלט, נאָך אַזוי אַ סך פּלאַנירט...

דער אכזריותדיקער טויט האָט אים אַוועקגעריסן פון אונדז און פון דער גרויסער אַרבעט. און אַלט איז ער געווען בסך־הכל זעקס־און־פערציק יאָר.

דער חוב פון דעם י. ל. פרץ־פאַרלאַג און פון די חברים פון יוסף ראַטנבערגן, וואָס האָבן מיט אים מיטגעאַרבעט, איז נישט נאָר ווייטער צו פירן די דאָזיקע זיין אָנגעהויבענע אַרבעט, נאָר אויך מקפיד צו זיין, אַז אין דעם פאַרלאַג זאָל בלייבן די נשמה, וועלכע יוסף ראַטנבערג האָט אין אים אַריינגעלייגט און דאָרט איבערגעלאָזט, ווען ער איז אַוועק פון אונדז אויף אייביק...

לאָמיר דאָס אַלע געדענקען. לאָמיר אים אַלע געדענקען!

1960

שפרה ווערבער, תל־אביב

אין דיין לעצטער טרער

פאַר דיינע אויגן־שפּעלטלעך קוים,
ווו געצאַפּלט האָט אַ טרוים,
און געפּלאַצט ווי אַ סטרונע —
צעוויגט זיך אַ שאָטן,
אין שליימיקע מאַכן פאַרשפּונען
און אַ קול פון תהומען
רופט אוים דיין נאָמען.

דער גזר איז געחתמעט.
די חתימה — צעריסענע פאַסמעס.
נאָר אַ בלאָנדזשען פון בליקן,
און עס צוקן די ליפּן:
נישט פאַר דיר איז געגעבן,
דו, קאַסיער פון לעבן,
די צייכנס — דער פינקל פון שטערן.

דער אָטעם פון גוסס קוים־קוים וואָס ער טליעט,
און ווי אַ בלאַט ערב פאַל —
אַ מורמל מיט טרער אויף דער וויע:

מיין גוף,
וואָס אין לויף באַרג-אַרויף
האָט אַליין זיך פאַרצערט —
אָט דעם גוף מיינעם — נעם,
נאָר אותיות — ניטע
האָסט אויף זיי נישט קיין שליטה.

און אַ פייער גייט אויף
אויף וואָלקנס צעגליטע.

אַפּריל 1960

מלך ראַוויטש, מאָנטרעאַל

יוסף ראָטנבערג

נישטאָ נאָך אַזאַ כוח, וואָס באַשאַפט טאַט — ווי גלייבן אין דער זאַך, וואָס מען טוט. און גלייבן — מיינט גלייבן, אַז די זאַך איז נייטיק היינט און האָט אַ צוקונפט מאָרגן.

און אַז מען גלייבט — גלייבט מען אין שטילקייט.

און דער וואָס טוט שטיל — טוט צום מייניסטן.

אָט דאָס זענען געווען די גרויסע מעלות פון יוסף ראָטנבערג. זיין גלויבן, און זיין רו און שטילקייט.

אַזוי האָב איך אים געקענט.

איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער טוט קיינמאָל נישט קיין

פון רעכטס אויף לינקס: מ. ראַוויטש, א. סוצקעווער, יוסף ראָטנבערג

איבעריקן שריט, און דער שריט, וואָס ער טוט יאָ — טוט ער מיט אַ לאַנגער פּאַרטראַכטקייט, אַזוי ווי אַ גוטער שאַך־שפּילער, וואָס איז נישט קיין טשעמפּיאָן, נאָר אַ סאָלידער, שכלדיקער שפּילער.

עטלעכע מאָל איז אויסגעקומען צו זען ראַטנבערגן ביים אָרגאַניזירן אונטערנעמונגען, לעקציעס, אין וועלכע דער שרייבער פון די טרויער־ווערטער האָט אָנטיילגענומען. ראַטנבערג האָט געהאַט אַ טבע צו זאָגן, אַז ער מישט זיך נישט אין דעם אינהאַלט פון אַ געפּלאַנטן רעפעראַט. און דאָך האָט ער אָפט שטילערהייט געגעבן אַן עצה. און מאָדנע — די עצה איז תמיד געווען אַ גוטע, אַז מען האָט זי תיכף אָנגענומען. און מיט דאַנק.

אַזוי איז עס אויך געווען אין זיין אַרבעט ביים פּרץ־ביבליאָטעק־פאַרלאַג, וואָס האָט זיך אין אַ בליץ־שנעל קורצער צייט דערוואָרבן אַ פּירנדיקע פּאָזיציע אין דער יידישער ליטעראַטור. אַלץ צו פאַרדאַנקען דער באַדאַכטקייט און דעם שטילן, אָבער אייזערנעם ווילן פון יוסף ראַטנבערג.

דער בעסטער אופן צו ערן זיין אָנדענק איז: פאָרצוזעצן זיין אַרבעט. דאָס און נאָר דאָס איז אינגאַנצן אין גייסט פון דעם טייערן אַוועקגעגאַנגענעם חבר און אמתן פריינד פון דער יידישער ליטעראַטור און דורך איר — פון די יידישע שרייבער.

אַפּריל 1960

רחל קאָרן, מאָנטרעאַל

*

בעת איך האָב באַגעגנט ראָטנבערגן אין תל־אביב נאָך זיין אַמעריקע־רייזע, איז ער געווען פול מיט באַנייטער ענערגיע און איבערפול מיט נייע פּלענער אין שייכות מיטן י. ל. פּרץ־פאַרלאַג. ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן דעמאָלט, אַז איך זע יוסף ראָטנבערגן צום לעצטן מאָל?

און עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז ווען איך וועל קומען נאָך אַ מאָל אין ישראל, וועל איך נישט טרעפן ראָטנבערגן אויף רחוב אַלנבי 31.

מיט וויפל גלויביקייט און עקשנות האָט ער זיך איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט, וואָס איז אים געווען אַזוי ליב און טייער. שטיל און באַשיידן אין זיין פּריוואַטן לעבן, האָט ער געקאָנט אַרויסווייזן שטאָלענעם ווילן און אומבויגזאַמקייט אויף צו פאַרטיידיקן די פּאָזיציעס פון יידישן קולטור־לעבן, ביי וועלכע ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַזוי געטריי און איבערגעגעבן.

עס איז פאַר אונדז, יידישע שרייבער, אַ גרויסע אבידה יוסף ראָטנבערגס פּריצייטיקער טויט.

כבוד זיין אָנדענק.

1960

שלמה ביקל, ניו־יאָרק

*

... און ראָטנבערג האָט טאַקע נישט אויסגעהאַלטן און פאַר־לוירן דעם קאַמף מיט דער טראַמבאַזע. צר לי עליו. ס'טוט מיר ווי און באַנג נאָך אים. אַ שעפּערישע ענערגיע, און יונג, און אַ ווילער טייערער ייד.

מיט אַ יאָר צוריק, טאַקע דאַכט זיך אין חודש אַפּריל, איז ער געזעסן ביי מיר אין שטוב און מיר האָבן געשמועסט. ער האָט אויף אַלעמען דאָ געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. גוואַלד! ווו איז יושר? אויך דער פאַן טויט דאַרף דאָך האָבן אַביסל „יאַנדעס" אין האַרצן...

1960

אפרים שרייער, בצרון

אַ וואָרט וועגן לעבן פון אַ חבר

וועגן באַשיידענע מענטשן באַדאַרף מען שרייבן אָן מליצות; באַשיידנקייט נייטיקט זיך נישט אין קאַרעקטורן, פאַרענטפערונגען און רעקאָמפּענסאַציעס. אַזאַ באַשיידענער מענטש איז געווען יאָסל ראַטנבערג, אוממיטלבאַר, איינגעהאַלטן מיט ישוב הדעת און אויסדויער.

ראַטנבערג האָט געוווּסט, ווי זיך באַגיין מיט מענטשן, פאַר־שטאַנען צו שעצן די אַלע, וואָס האָבן אים אויסגעוויזן צו זיין אויף אַ באַשטימטער געזעלשאַפטלעכער, אָדער אינטעלעקטועלער מדרגה. ווי אָפט פלעגט ער וועלן אויסהערן מיינונגען, פרעגן זיך ביי אַנדערע, וועגן פראַגן, וועלכע זענען אים געווען לגמרי קלאָר. ער האָט אָבער געזוכט אַ באַשטעטיקונג פאַר זיינע געדאַנקען ביי חברים, בכדי צו זיין זיכערער אין זיינע אייגענע האַנדלונגען.

איך האָב ראַטנבערגן געקענט ווי אַ חבר פון פועלי־ציון, ווי איינעם פון די ווייניק איבערגעבליבענע אַקטיוויסטן און נאָך־מלחמהדיקע טוער אין דער באַוועגונג און אין דער שארית הפליטה. באַקענט האָב איך זיך מיט ראַטנבערגן צום ערשטן מאָל אין דער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע אין יאָר 1946, גלייך נאָך מיין צוריקקער פון ראַטן־פאַרבאַנד. מיר האָבן, ווי איך דערמאָן זיך, דאַן אַרומגערעדט דאָס פּראָבלעם פון שאַפן אַ רעטונגס־נעץ כדי אָפּצוראַטעווען ייִדישע קינדער פון די קלויסטערס.

שפּעטער־צו, שוין דאָ אין לאַנד, האָבן מיר אונדזערע געשפּרעכן, וויכוחים און באַטראַכטונגען דאָס רוב געווידמעט די פּראַגן פון אונדזער אַקלימאַטיזאַציע, די שוועריקייטן און אינערלעכע קריזיסן,

וועלכע מען מאַכט אַדורך צוליב דער קאַלטער באַציונג און רעזער־ווירטקייט צו יעדן איינעם פון אונדז ניי־געקומענע.

ראַטנבערג, מער ווי ווער עס איז פון די חברים, האָט מיט אַ באַזונדערער מילדקייט און געלאַסענעם געמיט אויפגענומען די דערשיינונגען און רעאַגירט אויף זיי. ער האָט דערווייטערט פון זיך און פון אַנדערע יעדע מעגלעכע איבערגעטריבנקייט און חשדנות. ווינציקער ווי ווער עס איז האָט ער באַשולדיקט, אַרויסגערוקט טענות, אָדער באַקלאָגט זיך אויף זיין פערזענלעכער לאַגע.

כ'פלעג אָפט באַוואונדערן אין אים די התפעלות און התלהבות, מיט וועלכע ער פלעגט רעדן וועגן די אויפטוען און דערגרייכונגען פון דער מדינה, אויסמיידנדיק לגמרי צו באַרירן די שאָטנזייטן פונעם פראָצעס פון אונדזער מלוכהשער פאַנאַנדערבויונג.

נישט שטענדיק האָט מען זיך קעגנזייטיק פאַרשטאַנען, פיל פראַגן האָבן אונדז געטיילט אין די אויפפאַסונגען, און מיר האָבן נישט אויסגעמיטן אַמאָל אויך אַ ווערטער־געפעכט. דאָך האָט מען שטענדיק געפילט מצד ראַטנבערגן רעספעקט און באַציונג לגבי אַ צווייטנס מיינונג, ווען ער האָט זי נאָר געהאַלטן פאַר אויפריכטיק.

ס'דערמאָנען זיך עפּיזאָדן, שמועסן, נישט געענדיקטע וויכוחים, נישט רעאַליזירטע באַגעגענישן, וועגן פראַגן פון דער פּרץ־ביב־ליאָטעק, פאַרלאַג. ראַטנבערג האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ שלל פּלענער און איינפאַלן, פאַר אים האָבן זיי ווייט נישט געגאָלטן ווי פאַנטאַזיעס.

מיט אַ באַזונדערן ערנסט פלעגט ער רעדן וועגן די פּערספּעק־טיוון פון אויסברייטערן די קולטור־טעטיקייט, ווייט אויסערן תחום פון פאַרלאַג־וועזן.

ער האָט עקשנותדיק גערעדט וועגן איבערבריקן גלות און ישראל, יידיש און העברעיש, וועגן שאַפן אַ ברייטע פּעריפעריע, אַ מאַסן־באַזע פאַר די דאָזיקע אויפגאַבן און צילן.

אין תוך זענען עס געווען אונדזערע אַלעמענס געדאַנקען, גע־

דאַנקען און חלומות, וועגן וועלכע פּועלי־ציוניסטן חלומען, ווי לאַנג זיי לעבן.

אָבער ער האָט געזוכט רעאַלע וועגן, ווי צו פאַרווירקלעכן חלומות.

מיר איז געפעלן דער באַריכט פון זיין שליחות אין אַמעריקע, געפעלן זענען מיר זיינע איבערגעחזרטע געדאַנקען, ארגומענטן מיט וועלכע ער האָט גערעדט צו די גוזעלשאַפטלעכע קרייזן אין אַמע־ריקע. נישט געווען אין זיי קיין סטאַנדאַרט, קיין אָנשטעלערישקייט. די פשטות איז געווען דורכגעדרינגען מיט נייקייט, וואָס האָט געקאָנט איבערצייגן.

פאַר מיר איז ראָטנבערג געווען דער, וואָס האָט מאַניפעסטירט די פּאָטענציעלע ווילנס און לעבנס־וויטאַליטעט פון קליינעם הייפל אַקטיוויסטן, געקומענע פון די גלות־לענדער, וועלכע זענען ראוי ממשיך צו זיין אין דער אויפגעקומענער יידישער מדינה זייער געזעלשאַפטלעך, שעפעריש און פּאָליטיש לעבן.

ראָטנבערג וועט פאַרבלייבן דער ביישפּיל פאַרן דאַזיקן גוטן ווילן.

ראָטנבערג האָט רעספּעקטירט דאָס לעבן, ליב געהאַט דעם מענטש. דעריבער איז נאָך שווערער צו שרייבן וועגן זיין טויט. זאָל נאָך אַ טרער פון אַ חבר באַפייכטן זיין פרישן קבר.

מאַי 1960

בינם העלער, תל־אביב

*

ווען יוסף ראַטנבערגן איז שווער צו רעדן אָן אַ טאָן פון אינטימקייט. ער איז געווען אַזוי אוממיטלבאַר און פשוט, אַז ווען מען האָט זיך געטראָפן מיט אים, איז יעדע פּראָזעאָלאָגיע געוואָרן דאָפּלט לעכערלעך. און אַזוי איז עס אויך איצט, ווען מען דערמאָנט זיך אין דעם יונגן, טייערן אַוועקגעגאַנגענעם חבר און פריינד.

ער איז געקומען פון די יידישע פאָלקס־טיפענישן. אַליין אַן אַרבעטער, איז יידישע קולטור געוואָרן זיין פּאַסיע פון די יינגסטע יאָרן. יוסף ראַטנבערג האָט געהערט צו די יידישע אַרבעטער־טוער, וואָס יידישע קולטור און ליטעראַטור איז נישט געווען ביי זיי קיין קרדום לחפור בו, נאָר אַן אָרגאַנישע נויטווענדיקייט, ווי לופט צום אָטעמען.

דערפאַר האָבן אים יידישע קולטור־טוער און יידישע שרייבער אַזוי ליב געהאַט און פאַרערט. זיי האָבן געזען אין אים אַן איבער־געגעבענעם נאָענטן מענטשן.

זיין סטיל איז געווען — באַשיידנקייט. אין זיין ענערגישער טעטיקייט פאַרן י. ל. פּרץ־פאַרלאַג האָט ער נישט געזוכט קיין כבוד און פרסום. און טאַקע דערפאַר איז ער אויפן סאַמע נאַטירלעכסטן אופן געבליבן דער, וואָס זיין מי איז געוואָרן פאַראייביקט אין דער שפּרודלדיקער טעטיקייט פון י. ל. פּרץ־פאַרלאַג.

1961

יצחק טורקאָוו, תל־אביב

אַ פשוטער יידישער פאָלקס־מענטש

פאַראַן ביי אונדז אַ טענדענץ ביים כאַראַקטעריזירן אַ מענטשן — ביי זיין לעבן, אָדער אחרי מות — צו זוכן דאָס אויסערגעוויינ־לעכע, דאָס וואָס זאָל כלומרשט אויסטיילן דעם מענטשן פון זיין סביבה, דערהייבן אים איבער איר, מאַכן אים פאַר א יוצא מן הכלל. מיר ווייזט זיך אָבער אויס, אַז דאָס ווערטפולסטע אין מענטשן איז דווקא דאָס, וואָס בינדט אים מיט זיין סביבה, וואָס כאַראַק־טעריזירט דורך אים די סביבה זיינע, וואָס אַקומולירט אין אים די כאַראַקטער־שטריכן פון זיין אייגנטלעכן ארום. און אַזאַ איז פאַר מיר געווען יוסף ראָטנבערג, אַזאַ האָב איך אים געזען בעת אונדזערע צוזאַמענטרעפן אין פאַרשידענע באַדינגונגען; אין דעם זע איך דאָס ווערטפולסטע אין זיין פערזענלעכקייט.

פאָלקסטימלעכקייט און פשטות — דאָס זענען געווען די צוויי כאַראַקטעריסטישע עלעמענטן אין דער לאָדזשער יידישער אַרבעטער־סביבה פון וועלכער יוסף ראָטנבערג איז אַרויסגעוואַקסן. און — אַקטיוויקייט, קעמפערישקייט, אומגעהויערע געזעלשאַפטלעכע וויטאַ־ליטעט. מיט די אַ אייגנשאַפטן איז אויך געווען באַשענקט דער אומ־פאַרגעסלעכער יאָסל, די אייגנשאַפטן האָט ער אַקומולירט אין זיך אויף אַ וואונדערלעכן אופן.

געקומען אין דער „באַראַכאָוו־שול" און „באַראַכאָוו־יוגנט" איז ער ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג געווען יוגנטלעך — אין טעמפּעראַ־מענט, איניציאַטיוו, דרייסטקייט, פאַרמעסט. אַרויסגעהויבן אויף אָנפירנדיקע פּאָזיציעס אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, האָט ער אויף קיין האָר נישט פאַרלוירן זיין יוגנטלעכקייט, פאַרקערט —

ער האָט די יוגנט־שעפערישקייט פאַרוואַנדלט אין אַ וועג צו טאַט, צו אויפֿבוי, צו פאַרווירקלעכונג.

אָפט שטויסן מיר זיך אָן אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן: מענטשן, וועלכע ווערן אַרויסגעהויבן אויף פירנדיקע פּאָזיציעס, ווערן גייסטיק באַוואַקסן מיט שמאַלץ; פּראַקטישקייט פאַרטיליקט אין זיי די וויזיע; טאָג־טעגלעכקייט פאַרשטעלט פאַר זיי פּערספּעקטיוון, וואָס הייבן אָן צו ווערן אין זייערע אויגן זוי מיראַזשן, אוטאָפּיעס, איבערבלייבענישן פון יוגנט־פאַנטאַזיעס — גוט פאַרן קוויקן זיך מיט דער ראָמאַנטיק פון זכרונות, אָבער נישט פאַר דער גרויער רעאַליטעט, וועלכע האָט אַ טבע צו חוזקן פון וויזיעס. ראַטנבערג האָט אויף אַ גליקלעכן אופן באַוויזן אויסצוהיטן זיך דערפון און צו פאַרבינדן וויזיע מיט איר רעאַליזאַציע, צו זען דאָס פּראַקטישע אין דער וויזיע און די טאָג־טעגלעכע אַרבעט צו באַהויכן מיט וויזיע. דאָס אַלץ — איינהיטנדיק זיין אייגנטימלעכע אוממיטלבאַרקייט, פּשטות, פאָלקסטימלעכקייט — אָן דעם גערויש פון רעקלאַמע־פּויקעריי אַרום זיין פּערזאָן, אָן דעם זוכן אַן אַרעאָל אַרום דעם קאָפּ. „יונגבאַר" איז פאַרבליבן זיין וועג. דאָס מיינט: צוגעבונדנקייט צום פּראָלעטאַרישן אָפּשטאַם, ליבע צום ישראלדיקן, חלוצישן אויפֿבוי־ווערק און צונויפֿוואַקסונג מיט יידישער פאָלקס־קולטור.

אַזאַ האָב איך אים באַקענט אין די ערשטע נאָכמלחמה־יאָרן אין לאָדזש, ווו ער איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער קולטור־אַרבעט אין יידישן קאָמיטעט — דעם לעבהאַפטיקן, און רירעוודיקן שריד־ישוב אויף די חורבות פון דעם אַמאָל־בליענדיקן יידישן קולטור־לעבן אין לאָדזש. ראַטנבערג איז אַנגעזאָפּט געווען מיט איניציאַטיוו, האָבנדיק אָן אויפהער אויפן אויג דעם „דאָרט", וואָס לעבט נאָך און דעם „דאָ" — די שטראָמענדיקע עליה קיין ארץ־ישראל. עס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן — נישט צו פאַרלירן זיך צווישן „דאָ" און „דאָרט", נישט צו פאַרנאַכלעסיקן איינס אויפן חשבון פון צווייטן. ראַטנבערג האָט עס באַוויזן מיט

זיין אייגנטימלעכער פשטות, וואָס האָט דאָס „נישט פאַרלירן" זיך פאַרוואַנדלט ביי אים אין זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט.

מיט פיר יאָר צוריק, בעת מיינעם אַ טוריסטן־באַזוך אין ישראל, האָב איך אים באַגעגנט אין דעם פריערדיקן לאָקאַל פון דער פרץ־ביבליאָטעק. כ׳האָב באַגעגנט דעם פאַרוואַלטער פון אַ קליינער ביבליאָטעק, וואָס האָט גאַרנישט פאַרמאָגט אויסער אַ קרייז געטרייע לייענער און אַ פּאָר טויזנט שטאַרק־אָפּגענוצטע יידישע ביכער. אָבער וואָס פאַר אַ הערלעכע וויזיע פון אַנטוויקלען אַ טעטיקייט, אַ לעבן, האָט פאַר מיר אויסגעמאָלן דער דאָזיקער פאַרוואַלטער! דעם אמת געזאָגט האָב איך דאַן געזען חלומות אויף דער וואָר פון אַן אומפאַרבעסערלעכן ענטוזיאַסט; הייליקן גלויבן פון אַ מענטשן, וועמען די שווערע ווירקלעכקייט האָט נישט אויסגעהיילט פון טרוימערישער נאַיוויטעט. אָבער מיט אַנדערהאַלבן יאָר שפּעטער, ווען כ׳בין עולה געווען אין לאַנד, האָב איך שוין באַגעגנט די ערשטע פּרוכטן פון פאַרווירקלעכונג. די נייע, אויסגעברייטערטע און פאַרשענערטע היים פון דער פרץ־ביבליאָטעק, די ערשטע אויסגאַבעס פון פרץ־פאַרלאַג. ראַטנבערג האָט עס מיר באַוויזן מיט אַ באַשיידענער פשטות, ווי איינער זאָגט: „ס׳האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין, עס האָט געמוזט ווערן און עס וועט נאָך ווערן!" — און ער האָט אָנגעהויבן פאַנאַנדערוויקלען די פּלענער פון נאָרמאַלער פאַרלאַג־טעטיקייט, פון אויסבויען אַ יידיש קולטור־הויז אין צענטער פון תל־אביב, אַ דרוקעריי, אַ ביכער־מאַגאַזין, אַ טעאַטער־זאַל, אַ צייטשריפט. פון זיינע פּשוטע, זיכערע ווערטער האָט געשלאָגן אַזויפיל גלויבן און איבערצייגונג, אַז די אַלע פּלענער זענען געוואָרן אַן עניין פון ווערן, פון אַט־אַט פאַרוואַנדלט ווערן אין יש.

כ׳וועל נישט פאַרגעסן דעם לענגערן שמועס מיט ראַטנבערגן פאַר זיין נסיעה קיין אַמעריקע. פאַר אים איז עס געווען אַ פאַרשטענדלעכע זאַך, אַז ער פאָרט רעאַליזירן, שאַפן די מיטלען אויף צו רעאַליזירן ווייטערדיקע עטאַפּן פון זיין פּלאַן; אַן אויסגע־

בריטערטע, פאַרצווייגטע און פילפאַרביקע הײם פאַר יידישן קולטור־לעבן און אויסלעבן זיך. עס זענען נישט דערגאַנגען צו אים קיין סקעפּטישע באַמערקונגען פון דעם מין: „אַמעריקע איז נישט אַזאַ לייכט פעלד דורכצואַקערן". פאַר אים האָבן נישט עקזיסטירט קיין „שווערע פעלדער", קיין שטיינער אין וועג. ער האָט געגלייבט אין דער ריכטיקייט און נויטווענדיקייט פון זיין וועג — וואָס־זשע פאַר אַ ראָל שפּילן דען מכשולים? איז ער טאַקע געגאַנגען מיט אַ זיכערקייט און צילבאַוווּסטקייט אויף דעם וועג, וועלכן ער האָט געהאַלטן פאַר ריכטיק און נויטווענדיק און — ווידער געזיגט, צוריקגעקומען פון אַמעריקע מיט אַ גרויסן נצחון פון נייע מעגלעכ־קייטן. איי, דאָס איז נאָך נישט אַלץ און נישט אינגאַנצן אַזוי, ווי ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַן ענדציל? — דאַרף מען ווייטער גיין עקשנותדיק מיטן וועג, ווייטער שלעפּן די לאַסט פון אויפ־טוען און בויען נייע פּלענער.

און ער איז געגאַנגען. מיט דער זעלבער קאָנסעקווענץ, רויקייט און פעסטקייט, ווי ביז איצט, געגאַנגען און געשלעפּט די שווערע משא פון רעאַליזירן די וויזיע — אָן אָפּרו, אָן איבער־כאַפּן דעם אָטעם — ביז ער איז פיזיש איינגעבראָכן געוואָרן, ביז דער שווערער חומר האָט גובר געווען דעם נישט־הכנעהדיקן גייסט.

ערב דער דערעפענונג פון נייעם לייען־זאַל פון דער פּרץ־ביבליאָטעק, ערב דעם דערשיינען פון 50־טן בוך פון פּרץ־פאַר־לאַג — איז נישט־געוואָרן דער פּלאַנירער און בויער פון וואַקסנ־דיקן בנין, יוסף ראָטנבערג. אין פולסטן בלי פון זיין לעבן — נישט בלויז אין יאָרן, נאָר אויך אין אינערלעכן מהות און שעפע־רישן ברען — איז ער אַוועק פון אונדז, איבערלאָזנדיק פאַריתומט און פאַראָבלט די משפּחה — אין ענגסטן זין פון וואָרט, און אין ברייטערן זין — די יידישע קולטור־משפּחה אין ישראל.

דער געזעלשאַפטלעכער זין פון מענטשלעכן לעבן איז: דער חותם פון מענטשן אויף דער המשכדיקייט פון דעם ווערק אין וועלכן ער האָט זיך באַטייליקט, וואָס לענגער עס דויערט דאָס

לעבן פון יחיד, אַלץ שטאַרקער קאָן זיין דער חותם, וועלכן ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך. דאָס אינטענסיווע, ביז איבער די ברעגן אָנגעלאָדענע אַקטיווע לעבן פון יוסף ראָטנבערגן איז — טראָץ זיינע יונגע יאָרן — פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ גרויסער זכיה: ער האָט איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן חותם אויף דעם ווערק, וואָס ער האָט פונאַנדערגעוויקלט און פונאַנדערגעבויט, וואָס איז געוואָרן זיין לעבנס־ווערק — דעם פרץ־פאַרלאַג און ביבליאָטעק.

אין דעם ווייטערדיקן פונאַנדערבוי פון דעם ווערק, עס זאָל טאַקע אויף אַן אמת דערגרייכן די הויכקייטן פון ראָטנבערגס וויזיע, ליגט די פאַראייביקונג פון יוסף ראָטנבערגס אָנדענק — דעם אָנדענק פון פשוטן יידישן פאָלקס־מענטשן, וועלכער האָט פאַרקערפּערט אין זיך די מעלות, שעפערישקייט און שטרע־בונגען פאַרויס — פון דער פויליש־יידישער אַרבעטער־סביבה; באַוויזן די אַלע אייגנשאַפטן איינצוגלידערן אין דעם ישראלדיקן אויפבוי־ווערק און אין די המשך־פאַרמעסטן פון דער יידישער קולטור, ווו ער איז אַרויסגעוואַקסן אַלס מענטש פון אויבן־אָן, נישט פאַר־לירנדיק אויף קיין איין רגע זיין אָנגעהעריקייט און צוגעבונדנקייט צו דער סביבה, פון וועלכער ער איז געקומען.

1961

אברהם קאַגאַן, תל-אביב

צו דער ערשטער יאָרצייט

ס׳וועט אַ יאָר זינט יאָסל ראָטנבערג איז געשטאָרבן און ס׳ווילט זיך אַלץ נאָך נישט גלייבן, אַז דאָס איז טאַקי אַ ווירקלעכקייט.

מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל באַווײנט זײן פּריצײטיקן טויט, און ווען איך זיץ איצט און שרייב וועגן אים, האָב איך — ריכטיקער כ׳וויל האָבן — דאָס געפיל, אַז דאָס איז נאָך אַ בייזער חלום, אַז יאָסל איז נישט טויט, אַז אָט וועט ער זיך באַווייזן און אָנהייבן מיט מיר שמועסן, ווי געוויינלעך מיט אַ גוטמוטיקן, כמעט פאַרשעמטן שמייכל, וועגן נייע פּלענער און אויפטועך, מיט וועלכע ער האָט זיך שטענדיק ארומגעטראָגן.

ליידער געשעען אַזעלכע זאַכן נאָר אין מעשהלעך. די ווירקלעכקייט איז אכזריותדיק. יאָסל איז טויט, יאָסל איז זייער יונג אַוועקגעריסן געוואָרן פון דער וועלט, יאָסל האָט נאָר-וואָס אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע טעטיקייט לויט זיין שטרעבן, אַ טעטיקייט וועגן וועלכע ער האָט געחלומט לאַנגע יאָרן, אַ טעטיקייט, וועלכע האָט דערפילט זיינע פּערזענלעכע און געזעלשאַפטלעכע אַמביציעס, אים געגעבן ברייטע און גרויסע מעגלעכקייטן פון אַנטוויקלונג. דאָס אַלץ האָט איבערגעריסן דער אכזריותריקער טויט אין אָנהייב פון יאָסלס שיינעם וועג...

ס׳איז נישט קיין צופאַל, וואָס יאָסל ראָטנבערג האָט זיך מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דער אַרבעט אין פּרק-פּאַרלאַג. אַלערליי אַנדערע אַרבעטן, וועלכע ער האָט אויסגעפירט דאָ אין לאַנד האָט ער שנעל פאַרלאָזט. זיי האָבן נישט באַפרידיקט זיין

אונטערנעמערישן גייסט, זיין טעמפעראַמענט און שיינער אַמביציע פון אַן אָנפירערישער פערזענלעכקייט.

*

שוין אַלס שילער פון דער לאָדזשער באַראַכאָוו־שול האָט ער אַרויסגעוויזן שטרעבונגען פון אָנפירן און ווענדן זיינע שול־חברים אין דער ריכטונג, וועלכע ער האָט אָנגעצייכנט. צוערשט איז עס געקומען צום אויסדרוק ביי פאַרשידענע שול־אונטערנעמונגען, שי־לער־מסיבות אָדער שול־פייערונגען; שטענדיק איז ער געווען צווישן די איניציאַטאָרן און טאָן־געבער, שפּעטער האָבן זיך די אייגנשאַפטן אַרויסגעוויזן ביי אים אַלס איינעם פון די שעפער, אָרגאַניזאַטאָרן און אָנפירער פון דער פּרעכטיקער פּועלי־ציוניס־טישער קינדער־אָרגאַניזאַציע „יונגבאָר", און אין די ווייטערדיקע יאָרן — אין דער אָנפירונג פון דער יוגנט־באַוועגונג „יוגנט".

דאָס איז געווען בעתן שטורעם און דראַנג־פּעריאָד פון די צוואַנציקער און אָנהייב דרייסיקער יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין גאַנץ פּוילן איז דעמאָלט פאָרגעקומען אַ שטאַרקע געזעל־שאַפטלעכע און פּאָליטישע יוירונג, אין רעזולטאַט פון די גרויסע ענדערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען נאָך די געשעענישן אין רוס־לאַנד, דייטשלאַנד און אין אונגאַרן, וואָס ליגן אויף די גרענעצן פון דער נאָר־וואָס צוריק אויפגעשטאַנענער זעלבשטענדיקער פּוילישער מלוכה.

פאַרשטענדלעך, אַז דער דאָזיקער שטורעם און דראַנג האָט זיך אַריינגעריסן אויך אין דער יידישער גאַס. אַ באַזונדערס שטאַרקן אָפּקלאַנג האָט די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע יוירונג געפונען אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס, און ספּעציעל אין דער גרויסער אַרבע־טער־שטאָט לאָדזש. די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן אַנטוויקלט אַ פאַרצווייגטע אָרגאַניזאַטאָרישע און אידעישע טעטיקייט. די לאָדזשער „פּועלי־ציון"־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך גערעכנט אַלס די גרעסטע אין לאַנד, האָט געפירט אַ ספּעציעל רירעוודיקע

אַרבעט צווישן דער יוגנט. און דאָ האָט דער דעמאָלט זייער יונגער ראָטנבערג געפונען אַ ברייט פעלד פאַר זיין אונטערנעמערישן גייסט. ער האָט זיך ספּעציעל געווידמעט דער אַרבעט פון „יונגבאָר". ער איז געווען אַריינגעטאָן אין דער דאָזיקער אַרבעט מיטן גאַנצן לייב און לעבן.

ער איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון די קרייזן, געטאָן יעדע טעכנישע אַרבעט, געפירט שמועסן, געעפנט דעם „יונגבאָר"-לאָקאַל אין דער פּרץ־שול און געזעסן דאָרט ביז שפּעט אין אָוונט, ביז דער שליסונג פון לאָקאַל.

ווען ראָטנבערג איז אָנגענומען געוואָרן שפּעטער אַלס מיט־גליד אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, האָט ער ווייטער זיין הויפּט־פאַראינטערעסירונג געשענקט דעם „יונגבאָר".

דער דאָזיקער וואַרעמער בונד מיט דעם אונטערוואַקסנדיקן דור האָט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיך אַנטפּלעקט ביי ראָטנבערגן אין דער גרינדונג און אָנפירונג פון די חלוצישע היימען אין לאָדזש, וווּ ער האָט צונויפגעזאַמלט גרויסע גרופּן קינדער און יוגנט — צוריקגעקערטע פון ראָטנפאַרבאַנד און פון די לאַגערן און בונקערס. אין די דאָזיקע היימען — קיבוצים, ווי מ'האָט זיי דעמאָלט גערופן, זענען די קינדער און יוגנט צוגע־גרייט געוואָרן עולה צו זיין קיין ישראל.

*

אַזעלכע „קיבוצים" זענען געגרינדעט געוואָרן אין אַ סך שטעט אין פּוילן, לויט דער איניציאַטיוו פון דער צענטראַלע אין לאָדזש אונטער דער אָנפירונג פון ראָטנבערגן און אונטער דער אידעישער השפּעה פון די „לינקע פּועלי־ציון", וועלכע איז נאָך דער מלחמה געווען דער גרעסטער און איינפלוסרייכסטער ציוניסטישער פּאַק־טאָר אין יידישן לעבן אין פּוילן.

אַדאַנק דעם איינפלוס האָט די „פּועלי־ציון לינקע" אין לאָדזש באַקומען דעם אַמט פון וויצע־פּאַרזיצער פון דער לאָדזשער אָפּטיי־

ליִנג פון צענטראַלן יידישן קאָמיטעט, וועלכער האָט אָנגעפירט מיטן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פוילן.

אויף דעם אַמט פון וויצע־פאָרזיצער האָט די אָנפירונג פון דער פּועל־צ־פּאַרטיי באַשטימט ראָטנבערגן. דאָס האָט געעפנט פאַר אים גרויסע מעגלעכקייטן. און ראָטנבערג האָט זיי טאַקי אויסגענוצט כדי צו פאַרשטאַרקן די פּראָ־ישראלדיקע עלעמענטן, וועלכע זענען צו יענער צייט שטאַרק באַקעמפט געוואָרן דורך דער יעוסעקישער אָנפירונג פון צענטראַלן יידישן קאָמיטעט אין פוילן.

ראָטנבערג איז געווען אַן איבערגעגעבענער פּאַרטיי־חבר פון דער „פּועל־צ־אָרגאַניזאַציע. אין זיין טעטיקייט האָט ער, אויף זיין שטייגער, שטענדיק געטראַכט, ווי אַזוי צו דינען די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי, אָבער ער איז נישט געווען קיין איינגעשפּאַרטער דאָקטרינער. ער האָט אַפילו ליב געהאַט צו זוכן דעם קאָמפּראָמיס, און אַפילו נאָכגיביק זיין, ווען ער האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַ ווידערשטאַנד פון קעגנער. ער האָט אָבער שטענדיק פאַרשטאַנען צו מאַכן דעם קאָמפּראָמיס אויף אַזאַ אופן, אַז אפילו די קעגנער פון זיינע קאָמפּראָמיס־האַנדלונגען האָבן עס געקאָנט פאַרדייען און נישט געטראָגן אויף אים קיין רוגז.

יוסף ראָטנבערג איז געווען אַ גוטער פריינד און חבר. ער האָט זיך לייכט צוגעבונדן צו מענטשן, כאָטש ער האָט זיך גוט פאַר־שטאַנען אויף זייערע שוואַכקייטן און פעלערן.

די אַלע אייגנשאַפטן זיינע האָבן אים געגעבן די מעגלעכקייט אין אַ זייער קורצער צייט, פאַרהעלטנישמעסיק, צו פאַרנעמען אַן אָנפירנדיקע פּאָזיציע אין דעם פאַרלאַג אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ.

*

דער גרויזאַמער טויט האָט פאַרשניטן זיינע יונגע יאָרן און איבערגעריסן זיין פּרוכטבאַרע טעטיקייט, ווי צו להכעיס, אין דער צייט ווען יוסף ראָטנבערג האָט פונאַנדערגעשפּרייט זיינע אָרעמס און געוואָלט — און אויך געקאָנט — אַרומנעמען אַ ברייטן שטח פון

געזעלשאַפטלעך־נוצלעכער אַרבעט, וואָס איז געווען זיין שטענדיקער טרוים: צו ברענגען פאַרן יידיש לייענער אין דער וועלט די שאַפונגען נישט בלויז פון יידישן שרייבער, נאָר אויך פון העברעישן שרייבער אין דער יידישער איבערזעצונג, און פאַרן ישראלדיקן יונגן העברעיש־לייענער — די אויסדערוויילטע יידישע שאַפונגען אין דער איבערזעצונג אויף עברית.

ס'איז אים אָבער נישט באַשערט געווען צו זען די פולע פאַרווירקלעכונג פון זיין טרוים.

*

זאָל מיר דערלויבט זיין צוצוגעבן צו דעם אויבן־געזאָגטן אַ פּערזענלעכן אינטימען מאָמענט.

יאָסל ראָטנבערג האָט מיך כסדר גערופן „לערער קאַגאַן", כאָטש איך בין נישט געווען זיין לערער אין דער לאָדזשער באָראָכאָוו־שול, פון וועלכער איך בין געווען דער לייטער. איך האָב אים אָבער געקענט פון זיינע יינגסטע יאָרן, אים געזען אין זיין כסדרדיקער אַנטוויקלונג אַלס שילער, אַלס פירער פון „יונגבאָר" און „יוגנט", און שפּעטער — אַלס געזעלשאַפטלעכן טוער. ער איז געווען מיט מיר געבונדן מיט זייער אַ סך פּעדעם פּערזענלעכע, אינטימע, פּאַרטייאישע און אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכע.

וועגן יעדן וויכטיקן שריט אין זיין לעבן האָט ער זיך מיט מיר געראָטן. אַפילו דעמאָלט ווען ער איז אין די מלחמה־יאָרן געווען אין וויטן צפון פון סאָוויעט־רוסלאַנד, ביים קאַלטן פּאָלאַר־קרייז, און איך — אין הייסן זוניקן טאַשקענט. אַפילו דער ריזיקער מרחק פון טויזנטער קילאָמעטערס און שאַרפע אונטערשידן פון באַדינגונגען און קלימאַט, האָב אים נישט אָפּגעהאַלטן צו זוכן אַ קאָנטאַקט מיט מיר, און ער האָט אים געפונען. ער איז מיר געווען נאָענט און טייער ווי אַן אייגענער זון מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות.

איך האָב אין אים געזען דעם געלונגענעם נאָכוווקס פון

אונדזער דור פועלי־ציוניסטן, וועלכער וועט ממשיך זיין צו ווירקן אין גייסט, אין וועלכן ער איז דערצויגן געוואָרן דורך דער באָראָ־כאָוו־שול און פּ. צ. פּאַרטיי. נישט לאַנג פאַר זיין טויט האָבן עטלעכע אַמאָליקע לאָדזשער חברים געפּלאַנט פאַרצולייגן, אַז יאָסל ראָטנבערג זאָל אָנהייבן גרייטן דעם מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון דער לאָדזשער „פּועלי־ציון"־פּאַרטיי און זי אַרויסגעבן.

מיר האָבן געגלייבט און געהאָפט, אַז ער וועט עס באַוויזן אויסצופירן. דער פּריצייטיקער טויט האָט ליידער אים אַרויסגע־ריסן פון אונדזער מיט. ער האָט אונדז פאַריתומט פּונקט ווי ער האָט שמערצלעך פאַריתומט זיין פרוי וואַנדאַ און איינציקן יונגיטשקן זון.

שווער זיך צוצוגעוויינען צו דער דאָזיקער גרויזאַמער ווירק־לעכקייט, אַז יאָסל ראָטנבערג איז אַוועק פון אונדז אויף אייביק...

1961

עזרא אנטיגנוס, רחובות

אונדזער שול־חבר

אַלס איינער פון זיינע שול־חברים, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים אַדורכגעמאַכט די קינדהייט און די יוגנט־יאָרן, איז זייער שווער שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דער לעבנסלוסטיקער, טעמפּעראַמענטפולער און שטענדיק ברויזנדיקער יוסף ראָטנבערג, געפינט זיך שוין נישט אין אונדזער קאָלעקטיוו.

אַ רייכע יוגנט־תקופה האָבן מיר אַדורכגעלעבט, א תקופה פון חלומות און בענקשאַפט צו אונדזער אידעאַל און פון אַקטיוון טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר זיין רעאַליזירונג.

ביז היינט איז מיר נישט קלאָר, וועלכע אומשטענדן אין זיין לעבן האָבן יוספן געפירט אויפן דאָזיקן וועג.

געווען איז ער אַ קינד פון אַ בירגערלעך־ציוניסטישער משפחה אין לאָדזש. זיין פאָטער — אַ סוחר; זיין עלטסטער ברודער אַ פונקציאָנער אין פּאַלעסטינע־אַמט. און גראָד יוסף ווערט אַ שילער אין דער באָראָכאָוו־שול, וועלכע איז אין יענער צייט געווען אַ רעוואָלוציע אין יידישן דערציונגס־וועזן, צוליב איר פרייען וועלטלעכן כאַראַקטער, איר יידישע אונטערריכטס־שפּראַך — און איז דעריבער שטאַרק באַקעמפט געוואָרן מצד דעם ציוניסטישן בירגערטום.

די באָראָכאָוו־שול האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף ראָטנבערגס גייסטיקער אַנטוויקלונג, זי האָט איינגעפלאַנצט אין אים אומבאַגרענעצטע ליבע צו דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, צו דער יידישער מאַסן־קולטור.

שוין ווי אַ שילער איז ער אַקטיוו אין שילער־ראַט, שול־ביבליאָטעק און שול־קאָאָפּעראַטיוו. ס'ווייזן זיך ביי אים שוין דאַן

שטריכן פון דעם צוקונפטיקן אַקטיוון טוער פון דער „יוגנט" און דער פּאַרטיי.

גלייך נאָכן ענדיקן די שול, טרעט ער אַריין אין דער „יוגנט"־אָרגאַניזאַציע און ער ווערט דאָרט אַקטיוו. ער באַשליסט צו ווערן אַרבעטער און ער לערנט זיך דאָס זאָקן־פאַך אין אַ קראַפט־פאַבריק.

ראָטנבערג איז פון די אַקטיווסטע חברים אין טעקסטיל־פאַראיין, וועלכע איז געווען אַ בונדישע פעסטונג. ער ווערט שפּעטער געוויילט אַלס פאַרשטייער פון דער פּועלי־ציון־„יוגנט" אין דער יוגנט־סעקציע פון טעקסטיל־פאַראיין.

די לאָדזשער „יוגנט"־אָרגאַניזאַציע איז געווען די שטאַרקסטע אין לאַנד און זי האָט געהאַט דעם גרעסטן איינפלוס אויף טויזנטער יוגנטלעכע אַרבעטער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, מחמת זי האָט געפירט אַ פאַרצווייגטע, פּראָפעסיאָנעלע, פּאָליטישע און קולטורעלע טעטיקייט.

אין די מערסטע פון די דאָזיקע אַרבעטן האָט זיך ראָטנבערג אויסגעצייכנט מיט זיין געזונטן חוש פאַר פּראַקטישער אָרגאַני־זאַציאָנעלער טעטיקייט, וועלכע האָט געבראַכט צו דערפאָלגן פון דער „יוגנט".

ראָטנבערג האָט געהאַט זיין אייגענעם צוגאַנג צו דער „יוגנט" — אַ נישט סקאַרבאָווער נוסח פון פּאָליטישער אַגיטאַציע. ער האָט געהאַט זיין שפּראַך, וואָס האָט גערעדט צום האַרץ און צו דער נשמה פון דער יוגנט. ער האָט טאָג־טעגלעך געלעבט מיט איר און געווען אינטים פאַרבונדן מיט איר, צוזאַמען פאַרבראַכט, שפּאַצירט, געטאַנצט און געזונגען.

אַדאַנק אָט די אייגנשאַפטן זיינע, האָט ער באַזונדערס מצליח געווען ביים שאַפן די פּועלי־ציוניסטישע קינדער־אָרגאַניזאַציע „יונגבאָר" און ביים אָרגאַניזירן די זומער־קאָלאָניעס פון דער „יוגנט" אין דער לאָדזשער סביבה, וווּ ער איז געווען דער שטענ־דיקער קאָמענדאַנט.

אין יאָר 1939, קורץ פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־

מלחמה, האָב איך זיך צעשיידט מיט ראָטנבערגן, בעת איך בין געפאָרן קיין ארץ ישראל מיט דער עליה ב׳.

ער האָט אַדורכגעמאַכט זיין שווערן וועג אין אונדזער גרויסער פאָלקס־קאַטאַסטראָפע.

פון באַפרייטן פוילן באַקומען מיר גרוסן פון זיין אַקטיווער פאַרטיי־אַרבעט, ווו ער טרעט אויף ווי אַ רייפער און דערפאַרענער פאַרטיי־טוער.

נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל איז ראָטנבערג עולה צוזאַמען מיט דער שארית הפליטה פון פוילן. פאַר אונדז, זיינע שול־חברים, איז געווען אַ פריידיקע איבערלעבונג זיך צו טרעפן מיט אים פנים אל פנים, זיך דערמאָנען יאָרן פון געמיינזאַמער אַרבעט און קאַמף, אַפפרישן קאַפּיטלעך זכרונות.

ראָטנבערג שאַפט אַ קאָנטאַקט מיט די געוועזענע שילער פון דער באַראַכאָוו־שול, חברים פון פאַרטיי, „יוגנט״ און „יונגבאָר״, און זיי זאַמלען זיך אַרום אים.

נישט געקוקט אויף זיין אינטענסיווער אַרבעט אין פּרץ־פאַרלאַג, וואָס שלינגט אים איינגאַנצן איין, געפינט ער פון דעסטוועגן צייט אויף אָרגאַניזירן צוזאַמענטרעפן און מסיבות פון חברים.

די פּרץ־ביבליאָטעק ווערט דער טרעפפונקט פון דער אַמאָ־ליקער פאַרטיי־גוואַרדיע, ווו ראָטנבערג נעמט אויף יעדן חבר האַרציק, מיט אַ שמייכל אויפן פנים.

דער טויט האָט אַכזריותדיק איבערגעריסן זיין יונג לעבן אין ברען פון זיין פּראָדוקטיווער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ס׳איז אַ גרויסער צער צוליב דער אבידה פאַרן פּרץ־פאַרלאַג, פאַר דער פאַרטיי, באַזונדערס אָבער — פאַר אונדז, זיינע שול־חברים, די וואָס האָבן צוזאַמען מיט ראָטנבערגן געלערנט, געאַרבעט און געקעמפט, וועלן זיין ליכטיקן אָנדענק קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

מאי 1960

יעקב בעקער, תל־אביב

יוסף ראָטנבערג

(אָנשטאָט בלומען אויף זיין פרישן קבר)

עס איז אַריבער אַ קורצע צייט, זינט מיר האָבן באַגלייט יוסף ראָטנבערגן אין זיין לעצטן וועג — און דער געדאַנק קאָן נאָך אַלץ נישט שלום מאַכן מיטן געשעענעם. עס דוכט זיך, אַז באַלד וועסטו ווידער באַגעגענען יאָסלען מיט זיין כאַראַקטעריסטישן שמייכל וואָס דריקט אויס אי איראָניע, אי חברישע גוטמוטיקייט: „נישט כדאי צופיל צו נעמען זיך צום האַרצן, דער עיקר — בלייבן פריינד...״

*

„לינקע פועלי־ציון״ אין פוילן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט חברישע צוגעבונדנקייט און משפּחהדיקייט, אַזוי, אַז יעדער חבר האָט פון „אויסנווייניק״ זיך געקענט מיט אַלע פּאַרטיי־אַקטיוויסטן אין לאַנד. דער נאָמען ראָטנבערג איז מיר דעריבער באַקאַנט געווען נאָך אין די דרייסיקער יאָרן, ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן ווערן אַקטיוו אין דער „באָראָכאָוו־יוגנט״ און אין טעקסטיל־פאַריין אין לאָדזש. פּערזענלעך האָב איך אים דערקענט ערשט נאָכן חורבן, אינעם גרעסטן יידישן צענטער אינעם באַפרייטן פוילן — לאָדזש.

ראָטנבערג איז פאָרמעל געווען וויצע־פאָרזיצער פון לאָדזשער יידישן קאָמיטעט, אָבער פּאַקטיש איז אויף זיינע פּלייצעס געלעגן דער שווערער עול און די גאַנצע פאַרצווייגטע טעטיקייט, וואָס האָט זיך יעדן טאָג אויסגעברייטערט.

י. ראָטנבערג איז געווען דער יינגסטער פון אַלע פּאַרטיי־פאַרשטייער, וואָס זענען געווען רעפּרעזענטירט אינעם קאָמיטעט. דער־

פאַר האָב איך אין אָנהייב נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי פּאַר־טרויט מען עס אַזאַ יונגן מענטש דעם דאָזיקן פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט. ווער ס'האָט זיך אָבער נעענטער באַקענט מיטן אופן פון זיין אַרבעט, מיט זיין צוגאַנג צו מענטשן, מיט זיין טיפער אינערלעכער חכמה ביים לייזן געזעלשאַפטלעכע פראַגן — איז געקומען צום אויספיר, אַז די פאַרטיי האָט נישט געמאַכט קיין טעות.

זייענדיק איבערן קאָפּ פאַרנומען מיט זיין אַרבעט אינעם קאָמי־טעט און ביי דער „באַראַכאָוו־יוגנט", האָט יוסף נישט געהאַט קיין צייט זיך אָפּצוגעבן מיט דער טאָגטעגלעכער פאַרטיי־אַרבעט. דערפאַר פלעג איך איינציקע מאָל אין וואָך צו אים אַרויפקומען און אים אינפאָרמירן וועגן די לויפנדיקע ענינים. ער האָט געשעפּט נחת פון דער ראַשיקער אַנטוויקלונג פון דער פאַרטיי, וואָס איז אין משך פון אַ קורצער צייט געוואָרן אַן ערנסטער כוח אין שטאָט, באַוויזן אויפצושטעלן עטלעכע קאָאָפּעראַטיוון, איבערנעמען די מערהייט אין עלטערן־קאָמיטעט פון דער איינציקער און גרויסער יידישער פאָלקס־שול, און בכלל אַריינצודרינגען אין אַלע ווינקעלעך פון דעם צוריק אויפוואַכנדיקן יידישן לעבן.

די יידישע קאָמוניסטן און דער „בונד" (דער עיקר די ערשטע), האָבן נישט געקאָנט מוחל זיין אונדזער „דאָפּלטקייט", וואָס פון איין זייט בויט מען אינסטיטוציעס, און פון דער צווייטער זייט זיצן מיר „מיט די טשעמאָדאַנעס אין די הענט". יוסף איז אויך געווען אַקטיוו ביי דער טעטיקייט פון דער „בריחה". אויף דעם באָדן זענען נישט איינמאָל אויסגעבראָכן ערנסטע סכסוכים מיט די יידישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר די בעלי־בתים פונעם יידישן לעבן אינעם נייעם פוילן. יוסף האָט געהאַט די אויפגאַבע זיי צו „באַרויקן". אויף דעם געביט האָט ער פאַרמאָגט וווּנדערלעכע פעיקייטן. אויפן ערשטן בליק פלעגט זיך אויסווייזן, אַז אין באַצוג צו אַנדערע פאַרטייען איז ער אַן אָפּאָרטוניסט, אַ נאָכ־גיביקער, אָבער אין דער אונטערשטער שורה פלעגט זיך שטענדיק אַרויסווייזן, אַז ער האָט אויסגעפירט דאָס זייניקע.

*

אין ישראל זענען אונדזערע מיינונגען אין אַ ריי פֿראַגן זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען, מיר האָבן זיך געפֿונען אין באַזונדערע פּאַרטייאישע ראַמען. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט אָנצוהאַלטן די ווייטערדיקע פֿריינדשאַפֿט, וואָס איז אַנטשטאַנען אין דעם קורצן און אַזוי שטורמישן לאָדזשער פּעריאָד. מיט ראָטנבערגן איז שווער געווען צו פֿירן אַ דיסקוסיע, ער האָט קיינמאָל נישט אויפֿגענומען קיין פֿראָנטאַלן קאַמף, דאָך האָט מען געמוזט זיין זייער פֿאָרזיכטיק, ווייל אין לויף פֿון שמועס האָסטו דערפֿילט, אַז ער נעמט דיך אַרום מיט פֿאַרשידענע פּעדים, פֿון וועלכע ס'וועט דיר נישט לייכט זיין זיך אַרויסצופּלאָנטערן...

*

אין די ערשטע יאָרן זיינע אין לאַנד איז ראָטנבערג ווי געשטאַנען אין אַ זייט, נישט געפֿונען פֿאַר זיך דאָס פּאַסיקע אָרט. מיטאַמאָל האָבן מיר אים דערזען ווי דעם אָרגאַניזאַטאָר פֿון אַ ריי ליטעראַריש־קינסטלערישע אונטערנעמונגען, ווי אַן „אימפּרעסאַריאָ" אין בעסטן זין פֿון וואָרט. אויף זיין איניציאַטיוו, ווי נאָר ער האָט

יוסף ראָטנבערג מיט הערץ גראָסבאַרד און זיין פֿרוי

איבערגענומען די לייטונג פון דער פרץ־ביבליאָטעק, האָבן אָנגעהויבן באַזוכן דאָס לאַנד און אַרויסטרעטן אין גרויסע און אין פול־געפּאַקטע זאַלן — דער קינסטלער־רעציטאַטאָר הערץ גראָסבאַרד, דער דיכטער איציק מאַנגער, די זינגערין יהודית מאָרעצקאַ, און אַנד.

ראָטנבערגס איניציאַטיוו, ענערגיע און רעאַליזירונג־כוח איז צו פאַרדאַנקען דעם ראַשיקן אויפקום פון אַ גרויסן, שיינעם יידישן ביכער־פאַרלאַג אין ישראל. פיל איניציאַטאָרן, פאַנטאַזיאָרן און סתם געשעפטסלייט האָבן וועגן דעם גערעדט, נאָר עס האָט זיך גאָרנישט באַקומען, בלויז י. ראָטנבערג האָט דאָס רעאַליזירט. ווו ליגט דער סוד פון זיין הצלחה? דער ענטפער אויף דער פראַגע ווייסט נאָר דער, וואָס האָט אים געקענט פון דער נאָענט.

אויף דער לוויה האָב איך געהערט, ווי עמעץ דריקט אויס שטוינונג, ווי אַזוי האָט דער מענטש געקאָנט שטאַרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק, ער איז דאָך שטענדיק געווען אַזאַ רויקער, געמיטלעכער, קיינמאָל זיך נישט אויפגערעגט?! יאָ, אַזאַ איז ער געווען און אַלס אַזעלכן האָבן אים געקענט פיל פון זיינע חברים און פריינד. ווער ס'איז אָבער געווען מיט אים נענטער, האָט געוווּסט, אַז אינערלעך איז ער גאָרנישט אַזאַ רויקער.

מיר דערמאָנט זיך אַזאַ פאַל: אַרויפקומענדיק אין זיין אַרבעטס־צימער אין לאָדזשער קאָמיטעט, האָב איך אים געטראָפן שרייבן אַן אַרטיקל. אויפן טיש — אַ באַרג צעריסענע פּאַפּירלעך... ער האָט זיך צעשמייכלט, גלייך כ'וואָלט אים געכאַפּט ביי דער האַנט... ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאָכן איבערלייענען אַ פאַרשריבן בלעטל, צערייסט ער דאָס און שרייבט פון דאָסניי. אַזוי ערנסט האָט ער זיך באַצויגן צום געדרוקטן וואָרט.

אויף אונדזער לעצטער באַגעגעניש האָבן מיר דיסקוטירט וועגן ד. בן־גוריונס נסיעה. ביים צעשיידן זיך, האָט יאָסל געזאָגט: „דאָס לעבן וועט באַווייזן ווער ס'איז גערעכט געווען".

איך ווייס נישט וואָס דאָס לעבן וועט באַווייזן, כ'ווייס נאָר, אַז יאָסל וועט וועגן דעם שוין נישט וויסן.

עס טרעפט, אַז איר געוויינט זיך אַזוי שטאַרק צו צו אַ קונסט־בילד, וואָס הענגט אין צימער, אַז מען באַמערקט נישט אַפילו ווי מ׳האָט עס אַראָפּגענומען פון דער וואַנט. מיט די גייסטיקע אויגן זעט מען סיי ווי דאָס בילד מיט אַלע זיינע ניואַנסן און רייכקייט פון פאַרבן. און ווער ס׳האָט געקאַנט יאָסלען פון דער נאָענט, ביי דעם וועט זיין געשטאַלט בלייבן איינגעקריצט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

אַפּריל, 1960

נ. ווערטהיים, תל־אביב

דער חן פון אַ יידישן פאָלקס־מענטש

דאָס רוימישע ווערטל „De mortibus nihil aut bene“ רופט אַרויס אַ ווידערגעפיל, ווען דו נעמסט די פעדער אין האַנט צו דערמאָנען די טייערע, ליכטיקע געשטאַלט פון יוסף ראָטנבערג ז״ל.

דאָס וואָס מיר פילן היינט, ווען יוסף איז שוין נישטאָ צווישן אונדז, האָבן מיר געפילט און געזאָגט ביי זיין לעבן.

ער איז געווען בלוט פון בלוט, פלייש פון פלייש פון דעם יידישן פאָלקס־מענטש. אין טאָג־טעגלעכע פערזענלעכע קאָנטאַקטן, אין פריוואַט־געשפּרעך, אין דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער טע־טיקייט, האָבן מיר באַוואונדערט זיין קלוגשאַפט, זיין פקחות. דאָס איז נישט געווען דער אַרט קלוגשאַפט וואָס פאָדערט באַוואונדערונג. איינגעהאַלטן און באַשיידן האָט גערעדט צו דיר יוסף, און דו האָסט אויפגענומען אין זיינע ווערטער דאָס קול פון דעם קלוגן יידישן פאָלקס־מענטש.

און ביי דער גאַנצער לאָגיק פון זיין אַרט דענקען, ביי דעם ראַציאָנאַליסטישן צוגאַנג צו יעדער פראַגע — וויפל וואַרעמקייט, וויפל געפיל.

זיין פאַרצווייגטע, אינטענסיווע פּאָליטישע און געזעלשאַפט־לעכע טעטיקייט, דער קאַמף פאַר רעאַליזאַציע פון גרויסע צילן, האָט פאַר אים קיינמאָל נישט פאַרשטעלט דעם יחיד מיט זיינע אינדיווידועלע אָבער וויכטיקע לעבנס־פראַגן.

אין די שטורמישע נאָך־מלחמה יאָרן ווען דורך לאָדזש, וווּ יוסף האָט רעפּרעזענטירט זיין פּאַרטיי אין יידישן קאָמיטעט אַלס וויצע־פאָרזיצער פון פּרעזידיום — האָבן געשטראָמט צענדליקער

טויזנטער יידן, צוריקגעקומענע פון לאַגערן, און רעפּאַטריאַנטן פון ראַטן־פאַרבאַנד — האָט יעדער יידישער מענטש געהאַט אַן אָפענע טיר אין קאַבינעט פון יוסף ראַטנבערג. דאָרט האָט ער באַקומען דאָס, וואָס די פאַרוואַגלטע האָבן אַממערסטן באַדאַרפט: געפיל, אַ לאַגישע עצה און ממשותדיקע הילף אין די ראַמען פון די מעגלעכקייטן.

האָט טאַקע דאָס יידישע לאַדזש אין יענע יאָרן הויך געשעצט און געליבט יוסף ראַטנבערגן. די יידישע מאַסן האָבן אין אים געזען דעם מאַן, וואָס איז פון זיי אַרויסגעוואַקסן, און וואָס זיין גאַנצע טעטיקייט איז געווענדט אויף שיצן און פאַרזיכערן זייערע אינטערעסן.

נישט לייכטע זענען געווען יענע יאָרן — די יאָרן נאָך דעם גרויסן חורבן אין פוילן. פאַרצווייפלונג נאָך דעם נאַציאָנאַלן בראָך, מאַטעריעלע נויט און עלנט, אינערלעכע פּאָליטישע קאַמפן, קאָמפּליצירטע באַדינגונגען פאַר דער ציוניסטישער אַרבעט, פּראָבלעמען פון הכשרה און עליה, אינטענסיווע טאָג־טעגלעכע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט.

אין אָט די שווערע באַדינגונגען האָט יוסף ראַטנבערג נישט פאַרלוירן דעם אייגנאַרטיקן שטריך פון יידישן פאָלקס־מענטש — זיין שטילן איינגעהאַלטענעם הומאָר.

אין מאָמענטן פון שפּאַנונג, ווען דער לאָגישער ארגומענט האָט פאַרלוירן זיין ווירקונג — פלעגט קומען צום אויסדרוק זיין געפיל פאַר דעם קלוגן, שיינעם יידישן פאָלקס־הומאָר, וואָס האָט פונאַנדערלאָדן די אָנגעשטרענגטע שטימונג.

אָבער ביי די אַ כאַראַקטער־שטריכן, ביי זיין גרויסער, אינערלעכער וואַרעמקייט — האָט יוסף ראַטנבערג אויך געקאָנט פיינט האָבן. תכלית שנאה האָט ער פיינט געהאַט פאַלשקייט, קאַריעריזם, חניפה, זיין פּריוואַטע, געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע ערלעכקייט — די ערלעכקייט פון יידישן פאָלקס־מענטש — האָט זיך געבונטעוועט קעגן פאַלשקייט און קאַריעריזם, כאַראַקטערלאָזיקייט

און פרינציפּלאָזיקייט. ער האָט דאָס פּיינט געהאַט הן ביים קעגנער און הן אין דער אייגענער סביבה.

אויך ביים קעגנער האָט ער הויך געשעצט ערלעכקייט און פּרינציפּ־געטריישאַפט.

ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער, איבערגעגעבענער חבר. די שיינע מידה פון יידישן פאָלקסמענטש, חברשאַפט, איז געווען איינע פון זיינע עיקרדיקע כאַראַקטער־שטריכן.

אַזוי איז ער פאַרבליבן און אַזוי וועט ער פאַרבלייבן אין אונדזערע געפילן און געדאַנקען.

אַפּריל 1961

יאמא, תל־אביב

מיין חבר

שווער צו טראַכטן, שווער צוצולאָזן דעם געדאַנק, אַז יאָסל, דער חבר פון מוט און גלויבן, פון קאַמף און אויסדויער, זאָל באַזיגט ווערן דורכן גרויזאַמען טויט.

זייער יונג איז ער געקומען צו אונדז און זייער יונג איז ער אַוועק פון אונדז. געקומען אַ קינד און אַוועק ווי אינמיטן גאַנג, אינמיטן שאַפן.

דער יסוד פון ראַטנבערגס דערפאָלגן איז געווען אַ געזונטער — אַ נאַטירלעכער: פון דער לאָדזשער באַראַכאָוו־שול צו דער „פועלי־ציון"־באַוועגונג.

אַליין אַ קינד פון קליינבירגערלעכע עלטערן, האָט ער אָנגעהויבן זיין לעבנסוועג צווישן די קינדער פון די טרעגער־אַרבעטער, פליישער, שניידער; ווי אַ קינד האָט ער דערפילט און מיטגעלעבט זייער שווער לעבן. ער האָט זיך איינגעזאַפּט זייערע פּיינען און צרות. ער האָט געזען זייער נויט און הונגער, שווערע וווינונגס־באַדינגונגען, אַרבעטסלאָזיקייט, שטרייקן, דעם געראַנגל פאַר דעם טאָג־טעגלעכן קיום.

די שווערע לאַגע פון די יידישע מאַסן, זייער קאַמף פאַר טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ, פאַר סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע רעכט, האָט אים געשטויסן זיך צו פאַרטראַכטן און צו זיין צווישן די טרעגער פון די פועלי־ציוניסטישע אמתן.

זיין צווייטע היים איז געוואָרן די שול. ער האָט פיינט געהאַט צו זיין אַליין, שטענדיק געווען צווישן חברים. דאָרט האָט ער געהאָלפן אָרגאַניזירן רעפעראַטן, קעסטל־אָוונטן, אויספלוגן, ספּאָרט־פאַרמעסטונגען. ער איז געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון פאַר־

באַנדן פון געוועזענע שילער פון די באָראָכאָוו־שולן און פון זייער ערשטער ביבליאָטעק.

ראַטנבערג איז צו דער פועלי־ציוניסטישער יוגנט נישט געקומען אַליין. ער האָט געהאָלפן אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן צונויפשליסן די הונדערטער שילער — שוין דעמאָלט אַלס יוגנט־לעכער אַרבעטער — מיט דער באָראָכאָוו־יוגנט. פריש בלוט, נייע יונגע כוחות האָבן געשטראָמט און געשטאַרקט די רייען פון דער יוגנט און פועלי־ציון באַוועגונג אין לאָדזש.

די ערשטע זעלבשטענדיקע פאַראַנטוואָרטלעכע און פאַרמאָס־טענע אַרבעט ראַטנבערגס איז געווען דער „יונגבאָר".

ער האָט פון די „ברעקעלעך און שטויבעלעך" אויפגעבויט און צונויפגעשטעלט אַ מעכטיקע אַרמיי. מיט וויפל ליבע, איבערגע־געבנקייט האָט ער דערפילט זיין שליחות. ער איז געווען דער פירער און דער פאָטער פון דער „יונגבאָר"־אָרגאַניזאַציע. מיר געדענקען דעם 1־טן מאַי 1927, ווי שטאָלץ עס האָבן מאַרשירט די הונדערטער קינדער פון דער יידישער אָרעמקייט, אָנגעטאָן אין בלויע בלוזעס, רויטע קראַוואַטן, זינגענדיק. ווי שטאָלצע קעמפער האָבן זיי מאַרשירט, און אין זייער שפּיץ — יאָסל ראַטנבערג.

יאָסל איז שנעל געוואָרן איינער פון די פירער פון דער לאָדזשער „פועלי־ציון"־יוגנט. טאָג און נאַכט, מיט לייב און לעבן, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין פּאָליטישן און אידעישן געראַנגל פון די יידישע מאַסן. יאָסל האָט געהערט צו די פּראַקטישע טוער. ער האָט פיינט געהאַט פראַזן. ער האָט יעדן באַשלוס אַליין רעאַליזירט. די שווערסטע אַרבעטן האָבן מיר אים איבערגעגעבן. ער איז אַוועק אין די שטאַרקסטע פּאָזיציעס פון די אידעישע קעגנער און זיי באַוויזן פאַרן „פועלי־ציון"־געדאַנק. ער האָט זיך נישט געשראָקן פאַר שווע־ריקייטן. יעדע אַרבעט האָט ער אויסגעפירט פּשוט און פאַראַנט־וואָרטלעך.

סעפּטעמבער 1939. די היטלער־באַנדעס האָבן פאַרנומען פוילן. אין משך פון איין נאַכט איז אַלץ ליקווידירט געוואָרן. מיר גייען

פאַרנאַכט פון דער לעצטער זיצונג פונעם יוגנט־קאָמיטעט, וועלכער איז פאָרגעקומען אין דער דירה פון גניע לעווי־גאָרפינקעל, דער וועג איז געווען אַ שווערער. יעדע פאָר טריט — דייטשע פאַטראָלן. מיר מוזן זיך אויסבאַהאַלטן. איך געדענק און באַוווּנדער ראָטנבערגס רויִקייט. ער האָט געשוויגן, און פּלוצעם זאָגט ער: מיר מוזן אַוועק... נישטאָ קיין אויסוועג...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר חברטעס דערציילט, אַז ראָטנבערג האָט געפּאַקט קאַסטנס מיט ביכער פון דער גרויסער לאָדזשער באָראָכאָוו־ביבליאָטעק און זיי באַהאַלטן אין קעלער פון הויז. ווי סימבאָליש עס קלינגט: אין ישראל האָט ראָטנ־בערג אויפגעפּאַקט קאַסטנס שריפטן, און גענומען אַרויסגעבן נייע ביכער אין פּרץ־פאַרלאַג...

דוכט זיך, ערשט נעכטן איז עס געשען. איך טרעף ראָטנבערגן אין בריסק און שפּעטער אין לעמבערג. מיר לעבן אַ צייט צוזאַמען, פאָרן פון שטאָט צו שטאָט, מיר וואַלגערן זיך אויף די באַן־סטאַציעס. איך בין אַ ביסל נידערגעשלאָגן, ראָטנבערג — נישט. ער באַרויִקט מיך. ער דריקט אויס דעם שוידער פון דעם דעמאָל־טיקן לעבן מיט אַ לייכטן וויץ, אָבער מיט טיפן פּאָליטישן אינהאַלט.

זיינע שווערע איבערלעבונגען האָבן אים נישט צעבראָכן. נאָכן נצחון קומט ראָטנבערג צוריק קיין פּוילן. ער ווערט איינער פון די פירער פון דער ניי־אויפגעשטעלטער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג. מיט קלוגשאַפט און איבערגעגעבנקייט בויט ער צוריק אויף דאָס פּאָליטישע יידישע לעבן. מיט דער מאַסן־עליה פון פּוילן קומט אויך ראָטנבערג קיין ישראל. מיר טרעפן זיך — דער זעלבער ראָטנבערג, נאָר מיט מער דערפאַרונג און מיט מער ווילן. ער איז גליקלעך: ווידער צווישן אייגענע, צווישן חברים.

ער קאָן נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. דער גורל האָט געוואָלט, מען זאָל אים איבערגעבן די פּרץ־ביבליאָטעק און פאַר־לאַג. אין דער נייער אַרבעט וואַרפט ער זיך אַריין מיט ברען און איבערגעגעבנקייט. פּלענער איבער פּלענער, בוך נאָך בוך. יעדעס

נייע בוך איז פאַר אים אַ שטיק לעבן. ער זאַמלט אַרום פאַרלאַג אונדז אַלעמען, ער וויל פאַראייביקן יעדן אומגעקומענעם חבר, די באַוועגונג אין פוילן. ער וויל פאַראייביקן אַלץ, וואָס איז אַרויסגעריסן און פאַרשניטן געוואָרן.

דורך שריפט און בוך וויל ער שטעלן מצבות די אומגעקומענע „פועלי־ציון"־פירער אין פוילן. ער וויל פאַראייביקן די געשיכטע פון דער יוגנט און פועלי־ציון־באַוועגונג. יעדער שמועס מיט אים האָט זיך געענדיקט מיט אָט דעם שטאַרקן ווילן.

ווען ער איז געווען מיט זיך האָט ער ליב געהאַט צו זינגען מאַנגערס „אויפן וועג שטייט אַ בוים". מיט וויפל געפיל און האַרץ, מיט וויפל אינהאַלט און אויסדרוק ער האָט געזונגען: „אַלע פויגל פונעם בוים זענען זיך צעפלויגן"...

יאָ, דוכט זיך, יאָסל איז איינער פון די פויגל... ער איז אַוועק. ער איז אַוועק אין מיטן בליען. דער בוים איז געבליבן, מיר וועלן אים היטן, פלעגן און דורך דעם פאַראייביקן ראַטנבערגס אָנדענק.

1961

חיים בראַנד, ניו־יאָרק

נישטאָ מער מיין חבר יוסף ראָטנבערג

ווו נעמט מען כוח איבערצוטראָגן דעם צער און פּיין פון דעם פּרישן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן די פּועלי־ציון־באַוועגונג דורך דעם אַזוי פּריצייטיקן טויט פון חבר יוסף ראָטנבערג?

איז עס טאַקע מעגלעך, אַז מיין ליבער חבר יוסף איז מער נישטאָ, אַז איך וועל מער נישט באַקומען פון אים קיין וואָרט, נישט פון אויפקלערונג, נישט פון טענות, נישט פון פאַרענטפערונג אויף מיינע טענות? אַז כ׳וועל מער נישט איבערלעבן די פרייד פון זיין קלוגן שרייבן?

איז טאַקע אַלץ געענדיקט?!

ערשט מיט חדשים צוריק איז ער דאָ געווען, געקומען אַהער, קיין אַמעריקע, אין שליחות פון דעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, וואָס ער האָט מיט אַ סך מי, אָנשטרענגונג און כוח אויפגעבויט אין ישראל.

מיר, זיינע חברים אין אַמעריקע, האָבן זיך געגרויסט מיט אים, שטאָלצירט מיט זיינע קלוגע אַרויסטרעטונגען אויפן צוזאַמענפאָר פון יידישן קולטור־קאָנגרעס, אויף מסיבות פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, ביים הסתדרות־קאַמפּיין. ער האָט אַרויסגערופן צו זיך אַכטונג פון אייגענע און פון פרעמדע, אַדאַנק זיין טאַקטישקייט, פּרינציפּיעלע אויפקלערונגען, וואָס זענען געווען דורכגעדרונגען מיט געטריישאַפט און ליבע אי צו מדינת ישראל, אי צו יידיש, איז די אַקציע פאַר דעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג געקרוינט געוואָרן מיט אַ סך דערפאָלג.

קומענדיק צוריק פון זיין שליחות אין זיין היימלאַנד, אין מדינת ישראל, האָט ער זיך ערשט פאַרמאָסטן אויף אַ גאַר, גאַר ברייטן

פּלאַן פון אַרבעט, געהאַלטן שוין אין מיטן דורכפירן — האָט דער טויט אַלץ איבערגעריסן.

אַזוי פרי, אַזוי אומגעריכט — און אַלץ איז געענדיקט. קוים אַלט געווען 46 יאָר, און שוין רוט ער אויף דעם בית־עולם צוזאַמען מיט זיינע חברים יעקב קענער, יוסף ראָזען, יצחק לעוו, יעקב פּעטערזייל, גרשון גרשוני א. א.

קומען מיר איצט אויפן זכרון די נאַכט־שמועסן, וואָס מיר האָבן געהאַט ביי מיר אין הויז, ווען מיר האָבן צוזאַמען געבלעטערט אונדזער געשיכטע און אונדזערע איבערלעבונגען.

יאָ, מיר האָבן זיך דערמאָנט זיינע ערשטע טריט אין געזעל־שאַפטלעכן און פּאַרטייאישן לעבן. ווי אַלט איז ער געווען ווען איך האָב אים דערקענט? אפשר בסך הכל אַ יאָר 10, בעת ער איז געווען אַ שילער אין באַראָכאָוו־שול אין לאָדזש. מיר אַלע האָבן אים ליב געהאַט, גערופן אים יאָסעלע. ער איז געקומען פון אַ פרומער, חסידישער היים. די עלטערן, די ברידער האָבן געטראַכט צו מאַכן יאָסלען פאַר אַ סוחר. ער האָט אָבער געוואָלט דווקא זיין אַן אַרבעטער און זיין אַקטיוו אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. איז גלייך ווי ער האָט געענדיקט די באַראָכאָוו־שול, איז ער געוואָרן דער פירער פון דער ניי־געגרינדעטער פועלי־ציון קינדער־אָרגאַ־ניזאַציע, „יונגבאָר". ער, דער קליינער יאָסעלע, האָט זי געפירט מיט שוווּנג, מיט פאַרנעם. צענדליקער קרייזן, קינדער־לאַגערן, וואַנט־צייטונגען. ער האָט געפירט די אַרבעט מיט געזאַנג, מיט שפּיל, געגעבן די קינדער די פרייד פון קינדהייט, וואָס האָט זיי געפעלט אין זייערע שטיבער פון באַלוטער אָרעמקייט.

אויך אין דער „יוגנט" האָט ער זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זיין פירערשאַפט, אויך ביי דער יוגנט איז זיין אַרבעט געווען מיט פלייס, מיט קלוגשאַפט. ער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן די יוגנט־סעקציע ביי די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון שניידער־אַרבעטער, האַנדלס־אַנגעשטעלטע, לעדער־אַרבעטער. צוזאַמען מיט

הערש בערלינסקי איז ער געווען אין דער פירערשאַפט פון דער יוגנט־סעקציע ביים טעקסטיל אַרבעטער־פאַראיין.

יאָסעלע איז געווען פון די ערשטע ביי לעגאַלע און אומלעגאַלע יוגנט און פאַרטיי־דעמאָנסטראַציעס, געפירט יוגנט־קאָלאָניעס, געווען אַ רעדנער ביי יוגנט־קרייזן, מיטגעאַרבעט אין יוגנט־אויסגאַבעס. איך, ווי אַ לאַנג־יאָריקער פאַרטרעטער פון פאַרטיי־קאָמיטעט ביי דער „יוגנט", האָב געהאַט דעם באַזונדערן נחת צו זען, ווי יאָסעלע וואַקסט אין דער אַרבעט. איך האָב באַוואונדערט זיין פאַרמעסט, הנאה געהאַט פון זיין וויזיע.

ער איז שפּעטער געוואָרן אַ מיטגליד פון „יוגנט" צענטראַל־קאָמיטעט אין פּוילן, זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אַלע צוזאַמענ־פאָרן. צו 18 יאָר איז ער צוזאַמען מיט זיין יוגנט־חבר הערש בערלינסקי (שפּעטער קאָמענדאַנט פון די אויפשטענדלער אין וואַרשעווער געטאָ), געוויילט געוואָרן אַלס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אין גרויסן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון טעקסטיל־אַרבעטער אין לאָדזש.

יאָ, בעת אונדזערע נאַכט־שמועסן האָבן מיר זיך אין דעם אַלעם דערמאַנט.

מיר האָבן גערעדט וועגן די אַמאָליקע פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן, יוגנט־קאָנפערענצן, פאַרטיי־פאַרזאַמלונגען, וועלכע זענען געווען דורכגעדרונגען מיט אידעישן תוכן, מיט טעאָרעטישע וויכוחים, פּאָליטישע שטרייטיקייטן.

אין די אַלע פאַרהאַנדלונגען האָט ער, יוסף, אויך געזאָגט זיין וואָרט, פאַרטיידיקט זיין מיינונג. נישט מיט אַלץ איז ער מסכים געווען. אָבער זיין צוגעבונדנקייט צו דער פאַרטיי איז געווען איבער אַלץ. ביי אַלע שטרייטיקייטן האָט ער ווי אַ געטרייער שומר געוואַכט איבער דער גאַנצקייט פון דער גרויסער „יוגנט"־מחנה, אָפּגעהיט זי פון שטרויכלונגען און גערעדט מיט שטאָלץ וועגן דער אייניקייט און געשלאָסנקייט פון דער פּועלי־ציון „יוגנט" אין לאָדזש.

מיר האָבן זיך דערמאָנט אויך די פּייערונג אין דער פּאַרטיי בעת מ׳האָט איִם, בערלינסקין און אַנדערע אויפגענומען אַלס פּאַרטיי־מיטגלידער. ס׳איז דעמאָלט געווען אַ גרויסע גרופּע דער־וואַקסענע יוגנטלעכע, די באַראַכאָוו־גרופּע. איך האָב געהאַט די זכיה אָנצופירן מיט אָט דער גרופּע און דורכפירן איר קאָלעקטיוון אָנשלוס אין דער פּאַרטיי. פון דאַן אָן זענען מיר געווען גלייכע מיט גלייכע אין אונדזערע פּאַרטיי־פליכטן און פּאַרטיי־רעכטן. מיר, די עלטערע חברים, האָבן געזען אין זיי, אין די ראָטנבערגס, בערלינסקיס, זילבערבאַרדס און אַנדערע די צוקונפטיקע פירער פון דער פּאַרטיי, דעם פּרעכטיקן נאָכוווּקס, וואָס האָט געזיכערט דעם המשך פון דער רומפולער פועלי־ציון־באַוועגונג אין לאָדזש.

ביסלעכווייז האָבן זיי איבערגענומען די אַרבעט אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, אין די קולטור־אינסטיטוציעס, אין די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס. די עלטערע חברים האָבן שטאָלצירט; די קעגנער האָבן באַוואונדערט און מקנא געווען אונדז מיט אונדזער וווּנדערבאַרער יוגנט.

אין פּראָלעטאַרישע יידישע היימען איז געווען אַ פרייד, וואָס זייערע קינדער זענען מיטגלידער פון דער פּרעכטיקער פועלי־ציון יוגנט, ווו זיי ווערן דערצויגן דורך די ראָטנבערגס, שוואַרצ־באַרדס, געניע לעווים, טאָפּטשעס, זילבערבאַרדס, בערלינסקיס א. א.

די פינצטערע מלחמה האָט אַלץ צושטערט, חרוב געמאַכט. אַ טייל איז פון פּוילן אַוועק איבער דער גרענעץ צו די סאָוויעטישע געביטן. איינצלנע זענען געראַטעוועט געוואָרן, געקומען אין מדינת ישראל. דער ווייט גרעסטער רוב פון דער שפּרודלדיקער, לעבנסלוסטיקער, קעמפנדיקער יוגנט איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשע מערדער. ווער — אין די גאַז־קאַמערן, ווער — אין די בונקערס און ווער — אין די פּאַרטיזאַנען־קאַמפן, אַ טייל — אינעם געטאָ־אויפשטאַנד.

יוסף ראָטנבערג איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין ווייטן רוסלאַנד.

דאָרט האָט ער אין הונגער, היימלאָזיקייט און אין פּיין איבערגעלעבט די מלחמה. ווען ער איז צוריקגעקומען קיין פּוילן, האָט ער זיך גלייך געשטעלט צום דינסט פון דער פּאַרטיי־אַרבעט, צום דינסט פון דער קליינער צאָל אָפּגעראַטעוועטע געבליבענע יידן, העלפן זיי אין זייערע טראַגישע נויטן. ער איז געשטעלט געוואָרן אין דער שפּיץ פון דעם יידישן קאָמיטעט, געוואָרן דער אָפיציעלער וויצע־פּאַרזיצער פון קאָמיטעט. פּאַקטיש איז ער געוואָרן דער כוח החיים פון דער גאַנצער הילפס־אַרבעט: ביים אָרגאַניזירן די שולן, די קינדער־היימען, די קיכן. באַזונדערס איז יוסף געווען אַקטיוו ביי אָרגאַניזירן די וויטערדיקע בריחה קיין ארץ־ישראל.

צום סוף איז ער, צוזאַמען מיט זיין פרוי, ח־טע וואַנדאַ, די העלדין פון דער וואַרשעווער אונטערגרונד־באַוועגונג, אַוועק פון פּוילן און זיך באַזעצט אין ישראל. זיי האָבן דורכגעמאַכט אַלע שוועריקייטן פון נייע עולים, אָבער מיט אויסדויער און עקשנות זיך פאַראַנקערט אין לאַנד. געבראַכט אויף דער וועלט אַ נחתדיק זונעלע, געלערנט זיך די שפּראַך און זיך אַקלימאַטיזירט, און ווידער, אויף זיין שטייגער, האָט יוסף זיך אַריינגעוואָרפן אין דער פּאַרטיי־אַרבעט. ער האָט מיט התמדה, מיט פּאַרנעם גענומען אויסבויען, אויסברייטערן די אַלטע פּרץ־ביבליאָטעק און צוגעטראָגן, בפירוש אָן שום פינאַנסיעלע מיטלען, צו שאַפן דעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג. אין דער דאָזיקער ווונדערלעכער, פון אַלע באַוווּנדערטער אינסטיטוציע, ליגט זיין איניציאַטיוו, זיין כוח, זיין לעבן.

וועגן דעם אַלעם האָבן מיר גערעדט בעת זיין באַזוך אין אַמעריקע. דאָס, וואָס מיר האָבן נישט פאַרענדיקט אין אונדזערע שמועסן, האָבן מיר ממשיך געווען אין אונדזערע בריוו.ביידע האָבן מיר געהאָפט זיך ווידער צו באַגעגענען אין מדינת ישראל.

אין זיין לעצטן בריוו צו מיר פון דעם 16־טן מערץ 1960 שרייבט ער:

„מיר, דיינע חברים פון אַמאָל, זענען גרייט צו מאַכן אַ

„סקלאַדקע“ כדי צו ברענגען דיך אויף אַ געוויסער צייט אין ישראל. קום, מיַעטעק“...

אָבער, אפילו ווען איך וועל קומען איצט קיין ישראל, וועל איך שוין דעם שמועס מיט יוספן מער נישט האָבן. כ׳וועל בלויז שטום שטיין ביים קבר פון מיין חבר, ווען איך האָב ליב געהאַט ווי אַ יונגן ברודער — אויפן קבר פון מיין יוסף ראַטנבערג.

מאַי 1960

יעקב פאַט, ניו־יאָרק

דריי באַגעגענישן מיט יוסף ראָטנבערג

איך האָב זיך באַגעגנט מיט יוסף ראָטנבערגן צום ערשטן מאָל נאָך דער וועלט־מלחמה און נאָך דער יידישער קאַטאַסטראָפע, אין אָנהייב 1946, אין פּוילן. ער האָט איבערגעלעבט די מלחמה. גייען מיר ביידע אָנהייב ווינטער איבער די לאָדזשער גאַסן. אויס מיט וואַרשע, איז דער צייטווייליקער מקום־מקלט געוואָרן לאָדזש. ביז ווען און וואָס, אין דער נאָכמלחמהדיקער בהלה, האָבן אייניקע יידישע לערער, קולטור־מענטשן, וואָס זענען אַרויס מיט נסים לעבע־דיקע פון מבול, געעפנט אַ יידישע שול פאַר די נסים־קינדער. יוסף ראָטנבערגן האָט מיך געפירט אין דער שול.

צימערן פול מיט קינדער. אין די קלאַסן — לערער פון יידישע געשיכטע. קינדער זינגען יידישע לידער. אין איין קלאַס שטייט אַ לערערין און זינגט מיט די קינדער דאָס באַקאַנטע ליד פון יצחק קאַצענעלסאָן „די זון פאַרגייט אין פלאַמען". די קינדער זינגען. איך קען דאָס ליד שוין אַ סך יאָרן און ברום־מיט צוזאַמען מיט די קינדער. די לערערין רעדט מיט די קינדער וועגן זון־אונטערגאַנג: „זי פאַרגייט אין אַ רויטן ים..." וווהין גייט זי, די זון? וווהין פאַר־שווינדט זי?

זיצט נעבן מיר יוסף ראָטנבערג און שעפּטשעט אַרויס שטיל: „אַ וועלט איז אונטערגעגאַנגען, און די קינדער רעדן ווידער וועגן שקיעת החמה". איך האָב אַ קוק געטאָן אין זיינע אויגן. זיי זענען געווען טרויעריק. ווי דען האָבן דעמאָלט געקאָנט זיין יידישע אויגן, אויב נישט קיין טרויעריקע?

אַ שוואַרץ־קעפּיק יינגל הייבט זיין האַנט אין דער הויך. ער קאָן נישט איינזיצן, ער וויל עפּעס זאָגן. די לערערין פרעגט אים, וואָס

ער ווײל. דאָס ייִנגל אין דער לאָדזשער ייִדישער שול האָט וואָס צו זאָגן, ער מוז עס שוין זאָגן.

— וואָס־זשע זאָגסטו, ייִנגעלע?

— „זי פאַרגייט אין אויוון...“

אַהינצו זענען אַוועק די ייִדן פון די געטאָס. אַהינצו איז אויך אַוועק דער פּאָעט פון „די זון פאַרגייט אין פלאַמען“.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מײַן שכן, יוסף ראָטנבערג. זײַנע אויגן זענען געוואָרן נאָך מער טרויעריק. מיר זענען נאָכדעם אַרויס פון שול און ער האָט צו מיר גערעדט אויף דער לאָדזשער גאַס.

— פאַר אָט די ייִנגלעך לוינט איצט אַ סך צו טאָן.

ער האָט געהאַט פאַר מיר אַן אַרבעטספּלאַן:

— מען דאַרף העלפן די שולן און מען דאַרף די קינדער אַוועקפירן קיין ארץ־ישראל.

איך האָב אים אָנגעקוקט. ער האָט מיר געגעבן די עצות נישט נאָר מיט אַ סך זיכערקייט, נאָר מיט נאָך מער פּשטות, זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. איך האָב דעמאָלט נאָך נישט געקענט די ענערגיע און עקשנות, וואָס עס פאַרמאָגט אין זיך דער שטילער, נידעריקגעוואַקסענער ייִד פון לאָדזש.

ביים געזעגענען זיך האָט ער מיר געזאָגט:

— איר פאָרט צוריק אין אַמעריקע, איך וועל פאָרן קיין ארץ־ישראל, אָבער מיר וועלן זיך געוויס באַגעגענען.

— איר וועט קומען אין אַמעריקע? — האָב איך אים געפרעגט.

— איר וועט קומען אין ארץ־ישראל — האָט ער מיר זייער פעסט און זייער זיכער געענטפערט.

*

אַוועק יאָרן. נאָך 1946 אין לאָדזש איז געקומען 1957 אין מדינת ישראל. אויף אַ באַלקאָן, קעגנאיבער דעם ים־התיכון, זענען מיר געזעסן אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט. יוסף ראָטנבערג האָט געהאַט

מיט מיר צו רעדן וועגן צוויי וויכטיקע זאַכן — וועגן מדינת ישראל און וועגן דער פּרץ־ביבליאָטעק.

— איך וויל, איר זאָלט וויסן — האָט ער צו מיר געזאָגט — אַז איך בין איצט איינער פון די גליקלעכע יידן אין ארץ־ישראל.

זיין גליקזעליקייט האָט געהאַט צוויי סיבות. ער האָט צו מיר גערעדט שטיל, כמעט געשעפּטשעט. די ערשטע סיבה איז געווען: „איך לעב אין דער היים. די גאַס איז מיינע, דער ים איז מיינער, דער הימל איז מיינער, און די צוויי מיליאָן יידן זענען מיינע. יאָ, מיינע!"

ער האָט געהאַט נאָך עפּעס מיר צו זאָגן נאָך אַ לאַנגער פּויזע.

— איך בין נישט קיין פּריוואַטער אייגנטימער. איר קאָנט עס האָבן צוגלייך מיט מיר. איר קאָנט שוין ווערן מיין שותף.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט מיר אויף אַ שטיין ביים ים, און ער האָט מיר דערציילט די צווייטע וויכטיקע זאַך אין זיין לעבן:

— פאַרלאַג פּרץ־ביבליאָטעק...

ער האָט מיר דערציילט פּרטים וועגן זיין פאַנטאַזיע. דער פאַרלאַג וועט אַרויסגעבן יעדן חודש אַ נײַ יידיש בוך. הויפּטזעכלעך יידישע ביכער. פון מאָל צו מאָל אויך העברעישע איבערזעצונגען פון יידישע ביכער, ווייל, לויט זיין מיינונג, זיינען ביידע לשונות איינס.

איך ווייס אַ ביסל — פון וואַרשע ביז ניו־יאָרק — וואָס עס מיינט אַרויסגעבן אַ יידיש בוך: די גרויסע הוצאות, די דעפיציטן, די שוועריקייטן פון ביכער־מאַרק. ווו נעמט מען לייענער? הער איך יוסף ראָטנבערגס רייד און טראַכט מיר: חלומט ער? איז ער ניכטער?

ער דערקלערט מיר, אַז דווקא די פּרץ־ביבליאָטעק וועט עס באַווייזן. קיינער קאָן אים נישט חושד זיין, אַז אין פאַרלאַג פון יידישע ביכער ליגט אַן אַנטי־ישראלדיקע כוונה. „מיר האָבן געטאָן און טוען גענוג פאַר ישראל. מיר לעבן דאָ. מיר האָבן געקעמפט פאַר יידיש זינט מיר זענען אַהערגעקומען".

ער האָט גערעדט וועגן דעם, אַז ביכער פון דער פּרץ־ביבליאָ־

טעק וועלן גוט אויפגענומען ווערן אין די קיבוצים. ער איז זיכער, אַז אין מדינת ישראל וועט מען פאַרקויפן הונדערטער יידישע ביכער, אויב נישט טויזנטער. און ער האָט צו מיר פּערזענלעך אַ פאָרשלאָג:

— אייערע „שמועסן מיט יידישע שרייבער" וועלן מיר אַרויס־געבן אין אַ העברעישער איבערזעצונג.

— מיינט איר עס ערנסט? — פרעג איך אים.

— ערנסט — האָט ער געענטפערט.

פרעג איך אים וועגן זיין פאָרלאַג, וועגן דער פּרץ־ביבליאָטעק:

— האָט איר מיטלען? האָט איר קאַפּיטאַל?

קוקט ער מיך אָן און ענטפערט מיר פשוט:

— אייערע קאַפּיטאַלן האָבן מיר נישט, מיר האָבן אָבער ישראלדיקע קאַפּיטאַלן.

וויל איך דאָס פאַרשטיין בעסער און פרעג אים גענויער:

— קלערט איר צו באַקומען פאָנדן פון דער רעגירונג, ווי עס באַקומען העברעישע פאַרלאַגן?

שמייכלט ער. עס זאָל הייסן, אַז איך בין אַ נאַיווער מענטש, און ער קלערט עס מיר אויף בעסער:

— איר ווייסט נישט, וואָס עס מיינט ישראלדיקער קאַפּיטאַל?

— דאָס מיינט אמונה און עקשנות.

דאָס פאַרמאָגט ער.

ביי מיין אָפּפאָר פון מדינת ישראל האָט ער מיר געזאָגט:

— איר וועט אינגיכן הערן פון דער פּרץ־ביבליאָטעק. אונדזערע ביכער וועלן אויפגענומען ווערן דורך די ביבליאָטעקן אין די קיבוצים. מיר וועלן וואַקסן.

— מיר וועלן אייך העלפן... — זאָג איך אים.

שפּעטער האָב איך געלאָזט שטיין אויפן לופטפעלד דעם זעלבן שטילן, איינגעבויגענעם בעל־חלומות. ער איז געשטאַנען מיט זיין חלום וועגן נייע צענדליקער יידישע ביכער אין ארץ־ישראל, וואָס זיין פּרץ־ביבליאָטעק וועט אינגיכן אַרויסגעבן.

*

צום דריטן מאָל האָבן מיר זיך באַגעגנט אין צוויי יאָר אַרום, אין 1959, אין ניו־יאָרק. ער האָט געעפנט זיין רייזע־טאַש און געצויגן פון דאָרט וווּנדער־חפצים, ווי פּרצעס „קונצנמאַכער" האָט געטאָן: 25 נייע יידישע ביכער, שיין געדרוקט, פיין געבונדן, אַרויסגעגעבן פון פּרץ־פאַרלאַג, און דאָס מיינט — דורך יוסף ראָטנבערג.

ער איז געזעסן ביי מיין טיש אַ פּאָר שעה. איך האָב געהערט וואָס ער האָט מיר דערציילט — די גוטע בשורות. ער האָט גערעדט אָן טומל, אָן טאַראַראַם. ער האָט געטאָן זיין אַרבעט אָן ציימונגס־רעקלאַמעס, אָן נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל.

— 25 נייע יידישע ביכער אין ישראל... אייניקע אויך אין העברעיש...

מילא, אַרויסגעבן ווי אַרויסגעבן. עס טאָרן דאָך די ביכער נישט בלייבן ליגן אויפן פּאָליצע. מיטן געלט פון די פאַרקויפטע ביכער דאַרף מען דאָך אַרויסגעבן נייע ביכער. נעמט ער אַרויס אַ קליין ביכל, וווּ עס זענען פאַרצייכנט וויכטיקע פאַקטן, דאַטעס, ציפערן, און לייענט פון דאָרט אַרויס:

— פאַרקויפט: טויזנט ביכער... 1,500 ביכער... צוויי טויזנט ביכער.

— אַזוי פיל און אזוי פיל ביכער האָט געקויפט די ביכער־צענטראַלע פון די קיבוצים.

— אַזוי פיל און אַזוי פיל ביכער האָט מען פאַרקויפט אין די בוך־האַנדלונגען.

— אַזוי פיל און אזוי פיל ביכער האָבן געקויפט יחידים־קויפער.

ביי אונדזער טיש זענען שוין געזעסן פאַרשידענע שליחים. זעלטן ווער עס האָט געמאַכט אַזאַ גרויסן איינדרוק ווי יוסף ראָטנבערג. ער האָט עס געטאָן מיט זיין ענוות און ערלעכקייט.

מיט דעם אמת פון זיינע רייד. עס איז דאָך געווען אַזוי אומגלויב־לעך, אַזוי אויסטערליש:

— קומט אַ שליח פון ארץ־ישראל מיט דער מיסיע פון יידישן בוך!

מיר האָבן אים צוגעזאָגט הילף און געטאָן עס מיט דאַנקבאר־קייט צום שליח און צום אויפטו פון דער פרץ־ביבליאָטעק.

— ווייניקער פּראָטעסטירן — זאָגט ער — ווייניקער שטורעמען. מען דאַרף נאָר ערלעך אַרבעטן.

וישא יוסף את רגליו וילך. איז ער אָוועק פון ניו־יאָרק איבער דער מדינה. אָוועק אין לאָס־אַנדזשעלעס, אין שיקאַגאָ. ער האָט מיטגעטראָגן מיט זיך אונדזער ברכה. אַהין איז ער אויך געקומען מיט זיין „קאַפּיטאַל" — גלויבן, עקשנות, און דערצו פּעקלעך יידישע ביכער. ער האָט אויסגענומען ביי אונדזער יידישן עולם.

שפּעטער האָבן מיר זיך ווידער געזעגנט.

— קלייבט איר זיך ווידער קומען צו אונדז? — האָב איך אים געפרעגט. ווען איר קומען אַהער מיטן 50־טן בוך, ווי איר זענט געקומען מיטן 25־טן?

קוקט ער מיך אָן און ענטפערט אויף זיין שטילן, פּשוטן שטייגער.

— אַזוי שנעל וועל איך נישט קומען...

שמייכל איך פון דעם „אַזוי שנעל". איך ווייס דאָס גאַנץ גוט, וואָס עס מיינט אַרויסגעבן נייע 25 ביכער.

*

ביידע זאַכן זענען אים נישט באַשערט געווען — אי אַרויס־געבן נייע 25 ביכער, אי קומען קיין אַמעריקע — דאָס נישט. לייען איך איצט אין ביולעטין פון דער פרץ־ביבליאָטעק, אַז זיי האָבן אַרויסגעגעבן פופציק ביכער. 43 יידישע און זיבן העברעישע. אין משך פון דריי יאָר. ביכער פון 44 מחברים. 35 ישראלדיקע און 9 — פון אַנדערע לענדער. צווישן די 35 ישראלדיקע מחברים —

יונגע וואָס זייערע ביכער זענען זייערע ערשטלינגס, פון דער גרופּע „יונג ישראל".

איך לייען דאָרטן אויך פאַרשריבן אַזוי: „די איינציקע יידישע אינסטיטוציע, וואָס האָט אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש פאַר אונדזער פאַרלאַג־טעטיקייט און איז אַ באַשטימטער מאָס אויך געהאָלפן פינאַנציעל, איז דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט".

וויל איך צו דעם צוגעבן, אַז די הילף איז געווען אַ גאַנץ באַשיידענע.

דאָרטן ווערט אויך געזאָגט: „די באַציונג צו יידיש פון דער מדינה איז נאָך נישט אַזוי, ווי מיר וואָלטן זיך געווונטשן. עס ווערן נאָך מצד די אָפיציעלע מלוכה־קרייזן באַגאַנגען עוולות לגבי יידיש, אָבער וואָס פאַר אַ גרויסער מהלך פון דער אַמאָליקער באַציונג צו יידיש אין לאַנד צו דער, וואָס הערשט היינט! די געענדערטע אַטמאָספער פאַר יידיש אין לאַנד האָט געעפנט אַ מעגלעכקייט פאַר גרויסע אויפטוען פאַר יידיש און פאַרן יידישן בוך".

נישט באַשערט געווען יוסף ראָטנבערגן פאַרצווזעצן זיין אָנגע־הויבענע אַרבעט.

ווען קומען אַנדערע?

1960

שלמה ראָזענבערג, ניו־יאָרק

פון א שמועס מיט יוסף ראָטנבערג

דער יידישער מענטש בכלל און דער יידישער שרייבער בפרט האָט ביי דער איצטיקער צייט קיין שום גרונט נישט צו זיין אָפּטימיסטיש בנוגע יידיש און יידיש בוך. עס איז נישט גוט: דער „עם הספר", באַזונדערס אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, האָט אויפגעהערט צו לייענען אַ יידיש בוך. גאַנץ מעגלעך, אַז ער לייענט גאָרנישט. אונדז אָבער, יידישע מענטשן און יידישע שריי־בער, אינטערעסירט — דעריבער טוט ווי — וואָס דאָס געשעט צום יידישן בוך. לאָמיר זיך נישט לייגן קיין פייגעלעך אין בוזעם: אויב מען וועט נישט אָננעמען באַצייטנס קיין ווירקנדיקע מיטלען, וועט זיין נישט גוט!

דעריבער איז אַ דערפרייענדיקע דערשיינונג דער נייער מאַרק פאַרן יידישן בוך, וואָס גייט אויף אין מדינת ישראל. אַט אין דעם זעלבן ארץ־ישראל (ווי עס האָט געהייסן פאַר דער אַנטשטייונג פון דער מדינה), וווּ יידיש איז געווען אַ חרפּה; מען האָט געברענט קיאָסקן מיט יידישע צייטונגען; מען האָט געשלאָגן מכת־רצח פאַר רעדן עפנטלעך יידיש, פאַר שפּילן יידיש טעאַטער (אויף מיין אייגענער הויט דאָס איבערגעלעבט מיט אַרום 40 יאָר צוריק) — אַט אין דעם זעלבן יידישן לאַנד וואַקסט און געדייעט יידיש, יידישע שרייבער שאַפן אויף יידיש גוטע פּאָעזיע און פּראָזע; אַ יידישער פאַרלאַג גיט זיי אַרויס און טויזנטער יידישע לייענער לייענען זיי. פון צייטונגען איז שוין אָפּגערעדט, ווי מיר וועלן ווייטער זען.

אַט דעם דערפרייענדיקן פאַקט ווייסן מיר שוין זינט עטלעכע יאָר פון הערן — טראָץ די געשרייען (און אמתדיקע געשרייען),

אַז מען דיסקרימינירט קעגן יידיש. איצט איז געקומען קיין אַמעריקע צוגאַסט אַ בויער פון יידיש און יידישע ליטעראַטור אין ישראל און ער דערציילט דאָס ווי אַן עד־ראיה. דאָס איז יוסף ראַטנבערג, דער פאַרוואַלטער פון דעם מיט איינמאַל אויסגע־וואַקסענעם י. ל. פרץ־פאַרלאַג אין תל־אביב!

מיט איינמאַל אויסגעוואַקסענעם, ווייל אין משך פון 30 חדשים האָט דער דאָזיקער תל־אַביבער פאַרלאַג אַרויסגעגעבן 30 ביכער אויף יידיש, צווישן זיי אַזוינע ביכער, וואָס האָבן זיך שוין דערוואָרבן רום, ווי סוצקעווערס „מדבר סיני"; מענדל מאַנס „נאַכט איבער גלושינאַ" און „ביי דער ווייסל"; קאַ־צעטניקס „דאָס הויז פון די ליאַלקעס"; י. בירשטיינס „אויף שמאָלע טראָטואַרן"; י. פאַנערס „שלום אַש אין זיין לעצטער היים"; מרדכי יפהס „10 ישראל דיכטער"; יחיאל האָפערס „אַ הויז אויף פאָקאַרנע"; ה. לייוויקס „אויף צאַרישער קאַטאָרגע"; מלך נויס „1־טע און 10־טע יאָר מדינת ישראל"; יעקב פאַטס „שמועסן מיט יידישע שרייבער"; דר. ניר־ראַפאַלקעס „זכרונות", און נאָך און נאָך!...

ווייטערדיקע 7 ביכער, צווישן זיי פון ישראל־פרעזידענט יצחק בן צבי, זענען אויפן צעטל באַלד צו דערשיינען. אַ געוואַלדיקער רעקאָרד אין 30 חדשים (יעדער חודש אַ בוך) פאַר אַ יידיש־פאַרלאַג!

זייענדיק באַוואָפנט מיט אָט דעם דאָזיקן קולטור־באַגאַזש, איז דער פאַרוואַלטער פון י. ל. פרץ־פאַרלאַג, חבר יוסף ראַטנבערג, ביי מיר אויסגעוואַקסן אין די אויגן: עס איז דאָך קאָלאָסאַל! אַזאַ פאַרלאַג דאַרף מען העלפן, מען דאַרף אים שטיצן און מפורסם מאַכן, בפרט ווי ער האָט מיר איבערגעגעבן — און כ'האָב עס געהערט פון אַנדערע קוואַלן — אַז יעדער בוך גייט דאָרט אַוועק מינדעסטנס אין 1000 עקזעמפּליאַרן, אַנדערע אין פיל מער, גאָר אַנדערע ווערן „בעסט סעלער" — רעלאַטיוו גענומען.

האָב איך פאַרבעטן חבר ראַטנבערגן אויף אַ שמועס פאַר די

לייענער פון דער פ. א. ש., און וואָס איך בין פון אים געוואָר געוואָרן, וועל איך מיך טיילן מיט זיי.

*

יוסף ראָטנבערג איז פון זיין יוגנט־אָן אַ לינקער „פּועלי־ציון״ (עס איז שוין איבעריק צוצוגעבן אַז דער י. ל. פּרץ פאַרלאַג שטייט טאַקע אונטער דער השפעה פון אָט דער דאָזיקער פאַרטיי — אחדות עבודה — פּועלי־ציון), ער איז אַן אייפעריקער ליבהאָבער סיי פון לאַנד ישראל און סיי פון יידיש, און מ'זעט גאָרנישט קיין שום „ויתרוצצו״, ווי עס ווילן עס דווקא זען די פאַרסמטע יידיש־האַסער.

„מען דאַרף דעם גלות פאַרענדיקן״, זאָגט י. ראָטנבערג, „און מיין פאַרטיי האָט געזען די נישט־דויערהאַפטיקייט פון יידיש אין גלות. אַסימילאַציע איז געווען דער פאַקטאָר, וואָס האָט געשטערט די אַנטוויקלונג פון יידיש״.

האָט זיך זיין פאַרטיי געשטעלט פאַר אַ ציל צו העלפן פאַר־פלאַנצן יידיש אין ישראל. פאַר דעם צוועק איז אין 1924־25 געשאַפן געוואָרן די י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק (דעמאָלט האָט זי זיך גערופן: „באָראָכאָוו־ביבליאָטעק״). אין דער אמתן איז דאָס נישט געווען בלויז קיין ביבליאָטעק, נייערט אויך אַ יידישער קולטור־צענטער, אַרום וועלכן עס האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען יידישע שרייבער, יידישע קולטור־מענטשן, קורץ — יידיש־ליבהאָבער: חובבי שפת יידיש!...

פון דער ביבליאָטעק, וואָס איז דאָס רוב באַשטאַנען פון יידישע ביכער (היינט צו טאָג פאַרמאָגט זי 15 טויזנט ביכער — אויך העברעישע און פּוילישע), האָט גענאָסן דאָס גאַנצע לאַנד. אין דער ביבליאָטעק איז אויך איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פאַרקויף־פּלאַץ פון יידישע ביכער. די באָראָכאָוו־ביבליאָטעק האָט אויך אַרויסגעשיקט איבער לאַנד יידישע שרייבער צו האַלטן רעפעראַטן אויף יידיש, וואָס דאָס איז זיך נישט באַגאַנגען דעמאָלט אָן סקאַנדאַלן מצד די פאַרביסענע „מגיני השפהניקעס״...

די לינקע פּוע״צ־פּאַרטיי האָט געהאָלפן דער באָראָכאָוו־ביב־ליאָטעק, וואָס האָט שפּעטער אָנגענומען דעם נאָמען — י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק. זי האָט פון פּוילן (פאַר דער מלחמה) געשיקט ביכער און געלט־שטיצעס.

„אַוודאי, זאָגט ח׳ ראַטנבערג, וואָלט דער קאַמף פאַר יידיש אין ארץ ישראל אַ סך לייכטער געווען, ווען די שטיצע וואָלט געקו־מ׳ען פון ברייטערע קרייזן. דער „בונד״ איז געווען קעגן ארץ־ישראל און די ציוניסטן האָבן געשטיצט בלויז העברעיש.

„מיר זענען קיינמאָל נישט געווען קיין אַנטי־העברעיסטן; מיר האָבן געוווסט, אַז די בויער פון לאַנד וועלן אויפלעבן די העברעישע שפּראַך; מיר האָבן נישט געקעמפט קעגן העברעיש, נאָר פאַר דער אָנערקענונג פון יידיש! דאָס איז געווען די אָריענטאַציע פון דער יידיש־רעדנדיקער עליה פון פּוילן. ליידער איז דער טייל, פון וואַנען די ישועה האָט געקאָנט קומען, אומגעבראַכט געוואָרן.

„נאָך דער מלחמה, ווען עס האָבן די ערשטע צייט אָנגעהויבן שטראָמען צענדליקער טויזנטער יונגעלייט פון מזרח־אייראָפּע; די קליטה (איינגלידערונג) איז אָנגעקומען שווער, מ׳איז אַריינגע־פאַלן אין אַ לאַנד, וועמענס שפּראַך מ׳האָט נישט פאַרשטאַנען — פאַר די דאָזיקע יונגעלייט איז די י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק געווען אַ גרויסע הילף. עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן יידישע פאַראַנשטאַל־טונגען, רעפעראַטן, מ׳האָט געלייענט יידישע ביכער, און די נייע מ׳ענטשן, וואָס זענען געווען אויסגעהונגערט און דורשטיק נאָך אַ יידיש וואָרט, האָבן אין דער י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק ממש געפונען אַ גרינעם אָאַזיס...

„די לינקע פּ. צ. האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק — צייט ווייטער ח׳ ראַטנבערג — אַז יידישע קולטור, יידישע ליטע־ראַטור, יידישע שפּראַך און בכלל יידיש לעבן דאַרף זיך אַריבער־טראָגן קיין מדינת ישראל. חלוציזם, אידעאַליזם — דערצויגן אויף יידישער ליטעראַטור און קולטור. איצט ווערט דער דאָזיקער געדאַנק פאַר אונדזערע אויגן פאַרווירקלעכט. עס דערשיינען אַ סך

צייטשריפטן אויף יידיש אין מדינת ישראל: „לעצטע נייעס", „היימיש", „פאָלקסבלאַט" (פון אחדות עבודה־פועלי ציון) „טאָג־איין־טאָג־אויס" (מפא"י) „ישראל שטימע", (מפ"ם), „לעבנס־פראַגן" („בונד"), „די גאָלדענע קייט" (הסתדרות) עס קומט נאָך: „יידישע צייטונג", „פאָלק און ציון", „אילוסטרירטע וועלט", „יונג ישראל" — אַ שלל פון צייטונגען, וואָכענבלעטער, חודש־בלעטער, פערטל־יאָר זשורנאַל, כן ירבו!...

„איצט קומט אַ נייע יידיש־פּאָזיציע — דער יידישער ליטע־ראַטן־פאַראיין, וואָס פירט אַ קולטור־טעטיקייט אויף יידיש, יעדע וואָך אַן אונטערנעמונג. יידיש הייבט אָן צו פאַרנעמען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין ישראל. מדינת ישראל ווערט אַ צענטער פאַרן יידישן בוך!"

„אלס געוועזענער חלוץ אין ארץ ישראל מיט 40 יאָר צוריק, און געדענקנדיק נאָך די שווערע רדיפות קעגן יידיש, ווילט זיך מיר אייך מיט באַוווּנדערונג אַ פרעג טאָן: מיט וואָס קאָנט איר מיר, חבר ראַטנבערג, דערקלערן דעם דאָזיקן ריזיקן דערפאָלג?"

ראַטנבערג צעשמייכלט זיך גליקלעך און מיט שטאָלץ:

„ווייל מיר זענען ציוניסטן פאַרוואָרצלטע אין ישראלס ערד. מיר זענען די, וועלכע — צוזאַמענגעפּאָרט ,יידישקייט' (אין זין פון יידיש) מיט ישראל־פּאַטריאָטיזם — זענען, פונקט ווי די גאַנצע באַפעלקערונג, כמעט אָן אויסנאַם, דורכגענומען מיט ליבע צום לאַנד. די, וואָס ווילן אויסנוצן יידיש כדי אַ בריקע צו טאָן מדינת ישראל, גיט צו ח' ראַטנבערג, טוען אַ שלעכטע זאַך און זיי וועלן קיין דערפאָלג נישט האָבן, און דערצו נאָך שאַדענען זיי יידיש!".

1959

מ. ל. גאָלדמאַן, ניו־יאָרק

י. ראָטנבערגס שליחות אין אַמעריקע

מיט אַ גוט געפיל האָט חבר יוסף ראָטנבערג דעם לעצטן חודש פאַרלאָזן אַמעריקע און זיך אומגעקערט אַהיים קיין מדינת ישראל. במשך פון די חדשים, וואָס ער איז דאָ געווען מיט אונדז, האָט ער דורכגעפירט אַ שליחות פון גרויס באַדייט פאַרן יידישן בוך־וועזן בכלל און פאַר דער יידישער קולטור־פּאָזיציע אין מדינת ישראל בפרט.

ראָטנבערג איז געקומען אַהער אין נאָמען פון י. ל. פּרץ־פאַרלאַג און ביבליאָטעק. זיין ציל, קודם כל, איז געווען ברייטער באַקאַנט צו מאַכן דעם גרויסן אויפטו פון דעם יונגען יידישן פאַרלאַג, וואָס האָט במשך פון קנאַפּע דריי יאָר באַוויזן אַרויסצוגעבן איבער 30 ביכער. דאָס באַצייכענען דעם אויפטו ווי אַן אמת גרויסן, איז באַרעכטיקט אַן און פאַר זיך, ווען מען נעמט אין באַטראַכט די די צאָל ביכער — אָבער ספּעציעל איז דאָס אמת ווען דער דאָזיקער אויפטו איז פון אַן אָרעמען פאַרלאַג, אָן גרויסע געזעלשאַפטלעכע אָדער פּריוואַטע רעסורסן. אויב מיר ווילן דעריבער — און מיר ווילן — איבערשיקן דעם חבר ראָטנבערגן אַ שבח, דאַרף פאַרצייכנט ווערן, אַז אין אַ גרויסער מאָס איז דער אויפטו געוואָרן מעגלעך בלויז אַדאַנק זיין עקשנות און איבערגעגעבנקייט צו דער אידעע פון אַ גרויסן יידישן פאַרלאַג אין מדינת ישראל.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ער איז דאָ געקומען זוכן פינאַנציעלע מיטלען, וואָס זאָלן דערמעגלעכן דעם פאַרלאַג זיך נאָך ברייטער פאַנאַנדערצוּוויקלען. מיר מיידן אויס זיך צו באַנוצן מיטן אויסדרוק „מאַטעריעלע הילף״, ווייל דער צענטראַלער געדאַנק ביי חבר יוסף ראָטנבערגן איז געווען נישט בעטן הילף אָדער, אין פּשוטערע

ווערטער,ביישטייערונגען, נאָר קריגן דאָ אַ ברייטערן קרייז פון אַבאָנענטן, וועלכע זאָלן אָפּנעמען די ביכער אַזוי שנעל ווי זיי דער־שיינען. כדי צו געבן דעם דאָזיקן געדאַנק אַן ערנסטן כאַראַקטער, איז זיין ווענדונג געווען, קודם כל, אַבאָנענטן פאַר 25 ביכער מיט איין מאָל.

מיר מוזן זיך מודה זיין, אַז ווען ער האָט אונדז צום ערשטן מאָל דערציילט וועגן זיין געדאַנק, האָבן מיר געהאַט גרויסע ספקות וועגן די רעזולטאַטן. קענענדיק דעם גרויסן פּראָבלעם פון פאַר־שפּרייטן ביכער צווישן דעם היגן יידישן עולם, האָט אונדז זיין השגה אויסגעקוקט צו זיין אַמביציעז. מיר זענען דעריבער זייער צופרידן, וואָס אונדזער מורא האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ פאַלשע. ראָטנבערגס געדאַנק האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג, ער איז צוריקגעפאָרן מיט אַרום 150 אַבאָנענטן. ווען מען נעמט אין באַ־טראַכט, אַז דאָס איז דערגרייכט געוואָרן אָן אַ גרויסן אַפּאַראַט און ביי די מינימאַלסטע הוצאות, איז דער אויפטו באמת אַ גאָר גרויסער.

פאַר די, וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט חבר ראָטנבערגס טעטיקייט, איז נישט קיין סוד, ווי אַזוי די דאָזיקע דערגרייכונג איז צושטאַנד געקומען. ער איז געקומען נישט בלויז מיט אַ לאָזונג פון אַ יידישן פאַרלאַג אין מדינת ישראל, פון אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן דאָרט יידישע ביכער, פון שאַפן אין ישראל אַ גרויסן צענטער פון אַ יידישן פאַרלאַג־וועזן. ער איז געקומען מיט מעשים. 30 ביכער אין 30 חדשים. ווען אויף די היגע צוזאַמענקונפטן האָט מען אַוועק־געשטעלט אויפן טיש די דערשינענע ביכער, האָבן זיי גערעדט בעסער ווי די בעסטע רעדעס. דערצו נאָך, ווען חבר ראָטנבערג האָט אויפגעקלערט זיין אַזוי־צוזאָגן פילאָזאָפישן צוגאַנג צו יידיש אין ישראל, וואָס וואָרצלט נישט אין קעגנערשאַפט צו דער מדינה, און אירע אַספּיראַציעס בכלל, האָבן זיינע אויפקלערונגען געקראָגן אַ טיפן אָפּקלאַנג.

הוץ דעם, דאַרף צוגעשריבן ווערן אַ סך קרעדיט ראָטנבערגן

פערזענלעך. זיינע אויפטריטן אויף צוזאמענקונפטן און אויף זיצונגען האבן געשאפן דאס געפיל, אז מען האט דא צו טאן מיט א מענטש פון טאט. דעריבער איז ער אומעטום אויפגענומען געווארן מיט גרויס דרך ארץ און מיט טיפער באציונג צו זיינע פארשלאגן.

במשך פון דער צייט, וואס ראטנבערג איז געווען דא אין שליחות, האט ער באוויזן צו באזוכן א גרויסע צאל שטעט אין די פאראייניקטע שטאטן און קאנאדע, און אומעטום מיט דעם זעלבן רעזולטאט — א דערפאלגרייכער. אבער גערעכט איז געווען ראטנבערג, ווען ער האט אונדז געזאגט ביים געזעגענען זיך, אז ער באטראכט זיין שליחות ווי בלויז אן אנהייב, וואס דארף האבן זיין המשך אין די קומענדיקע יארן. ספעציעל, טראכט ער אזוי, האט ער אונדז אינפארמירט, ווייל אין זיין גאנצן פלאן פאר א יידישן פארלאג און בוך־וועזן אין מדינת ישראל, זענען אנגעצייכנט נאך צוויי פלענער צו פארווירקלעכן, וואס וועט געבן חשיבות דעם יידישן בוך אין דער יידישער מדינה, און דאס איז: אן אייגענע דרוקעריי און א נעץ פון יידישע ביכער־געשעפטן.

דער בעסטער באוויז פון דער פאפולאריטעט, וואס דער פרץ־פארלאג האט שוין באוויזן זיך איינצושאפן ביי אונדז, איז די צאל אפמאכן וואס ח׳ ראטנבערג האט געמאכט מיט שרייבער וועגן ארויסגעבן זייערע ביכער. מיר וועלן נישט אויסרעכענען דא אלע נעמען, ווייל מיר האבן נאך נישט באקומען די פולע רשימה, אבער עס איז כדאי צו דערציילן וועגן דער פארשטענדיקונג מיטן חבר נהום כאנין ארויסצוגעבן זיין בוך „בערעלע״ אויף העברעיש. בכלל טראכט דער פארלאג וועגן איבערזעצן פון יידיש אויף העברעיש א גרעסערע צאל ביכער כדי צו ברענגען צו דער ישראלדיקער יוגנט דעם אטעם פון דער יידישער ליטעראטור און דער געשיכטע פון יידישן לעבן אין די תפוצות.

צום סוף ווילן מיר פארצייכענען, אז גרויס אנערקענונג קומט דעם יידישן ארבעטער־קאמיטעט וואס האט מיט יארן צוריק אפגעשאצט די וויכטיקייט פון דער י. ל. פרץ־ביבליאטעק, איר געהאלפן

זיך אויסצוברייטערן און דערמיט געהאָלפן לייגן די באַזע פאַר דעם פאַרלאַג.

אויך פאַר דעם פאַרלאַג גופא האָט שוין דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט ביז איצט אַרויסגעוויזן אַ סך פאַרשטענדעניש.

חבר יוסף ראָטנבערג האָט אין זיין שליחות אַריינגענומען די אויפגאַבע צו פאַרטרעטן די י. ל. פרץ־ביבליאָטעק און פאַרלאַג אויף דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. זיין אויפטריט אויף דער שלוס־זיצונג פון קולטור־קאָנגרעס האָט נישט נאָר גע־קראָגן אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג, נאָר האָט אויך, מיר ווילן אַזוי גלויבן, געשאַפן די נויטיקע בריק פאַר אַ געמיינזאַמער אָנשטרענגונג לטובת די יידישע קולטור־אינטערעסן בכלל.

צוזאַמען מיט אונדזער חברשן צאתך לשלום שיקן מיר איבער דעם חבר יוסף ראָטנבערגן אַ פאַרדינטן יישר־כוח.

1959

פאַרזונקען אין הילפסלאָזן צער

(פון אַ בריוו צו חברים אין אויסלאַנד)

טייערע חברים!

איר ווייסט שוין געוויס פון די טעלעגראַמעס, אַז מיר האָבן מער נישט יוסף ראַטנבערגן. אַ וויסטער גורל רודפט אונדז און רייסט אַרויס מיטן וואָרצל די בעסטע און טייערסטע, גראָד ווען זיי הייבן אָן אַרויסצווייזן זייערע שאַפערישע כוחות.

איר האָט געהאַט די געלעגנהייט גראָד אָט דאָ נישט לאַנג אַליין צו זיין אַן עדות פון דער גוואַלדיקער דינאַמיק און טעטיקייטס־אימפעט, וואָס האָט געברויזט אין יוספן. ער האָט בפירוש געשאַפן אַ י ש מ א י ן און די פּרץ־ביבליאָטעק פאַנאַנדערגעבויט צו אַ וועלט־אָנערקענטן קולטור־צענטער פון יידיש אין ישראל. ס'איז געווען צו באַוווּנדערן די עקשנות און די זיכערקייט, מיט וועלכע ראַטנבערג האָט געשאַפן דאָס גרויסע ווערק פון פאַרלאַג י. ל. פּרץ. ער האָט געוואָגט און ריזיקירט ווו אַנדערע זענען געווען אומגלויבעריש און געצווייפלט, צי ס'איז כדאי צו פּרובירן. ראַטנבערג האָט געוואָלט און געגלייבט, אַז אַזאַ קולטור־אינסטיטוציע איז דורכויס נויטיק דווקא אין ישראל און ער האָט אָנגעשטעקט אַנדערע מיט זיין פייערדיקן גלויבן. זיין ליבע צום יידישן שאַפן איז געווען אומבאַגרענעצט און ער האָט געהאַט צוטרוי צום יידישן פאָלקס־מענטש, אַז יענער וועט צושטיין צו אַזאַ פּאָזיטיווער אַרבעט, אויב מען וועט אים נאָר איבערצייגן ערלעך און אויפריכטיק, אַז מען מיינט ערנסט מיט דעם יידישן שאַפן און מיט אים גופא, מיטן יידישן פאָלקס־מענטש.

טייערע חברים, איך בין נישט אימשטאַנד אין דער רגע צונויפצונעמען מיינע געדאַנקען און פאָרמולירן עפּעס. איך שפּיר מיטן גאַנצן

וועזן, אַז מיר און איר האָבן פאַרלוירן אַ טייערן מ ע נ ט ש, אַ ליבן חבר און אַ גרויסע אונטערנעמערישע פּאָזיטיווע קראַפט.

אַ ווּיסטער גורל רודפט אונדז, פּועלי־ציון, די לעצטע יאָרן, און איך קאָן זיך נישט פּוטר זיין דעם בייזן חלום.

אַזוי גיך, כמעט יאָר נאָך יאָר, אָדער צוויי אין איין יאָר.

שבת נאָך מיטאָג האָט ער זיך געפילט גוט און די דאָקטוירים האָבן פאַרזיכערט, אַז זיין מצב איז סטאַביליזירט. ער האָט אויסגעזען בעסער. וואַנדאַ פלעגט ביי אים זיצן אין דער פרי ביז אין אָוונט, געשפּייזט אים און געגעבן אים ממש אין מויל. קיין שום קראַנקן־שוועסטער וואָלט אים נישט צוגעזען אַזוי. און פּלוצעם, זונטיק פאַרטאָג האָט פּאַסירט דאָס אומגליק. מאָרגן דעם 11־טן אַפּריל איז די לוויה. מען וועט אים באַערדיקן נאָענט צו גרשוני (אין דער „פּ ו ע ל י ־ צ י ו ן אַ ל ע ע״).

איך טראַכט אין דעם מאָמענט, אַז מיר זענער מחויב צו שאַפן אַ ווערדיקן אָנדענק פאַר אים. דאָס איז דורכויס די פאַגאַנדערבויונג פון זיין ווערק. איצט פּלאַניר איך אַרויסגעבן וואָס שנעלער אַ זאַמל־בוך געווידמעט זיין אָנדענק. זעט, ווער ביי אייך עס האָט וואָס צו זאָגן וועגן אים, שיקט תיכף צו. איך טרייסט אייך נישט, ווייל איך אַליין האָב נישט קיין טרייסט.

אייער זרבבל

אַפּריל, 1960

י. מענדעלסאָן, תל־אביב

נאָך דער לוויה פון יוסף ראָטנבערג

צוריק פון דער לוויה איז מיר אויסגעקומען צו פאָרן מיטן ח׳ זרבבל אין איין טאַקסי. אין דער זעלבער טאַקסי זענען געפאָרן נאָך פינף חברים: פרידע זרבבל, שפרה און אבוש ווערבער, משה גערשאָנאָוויטש. ס׳איז מיר אַרויס פון זכרון, ווער ס׳איז געווען דער פינפטער. אויפן גאַנצן וועג האָט געהערשט אַ שווער שטילשווייגן. ס׳האָט געדריקט די אַכזריותדיקע ווירקלעכקייט: דער תמיד שמייכלענדיקער, גוטהאַרציקער יאָסל ראָטנבערג ליגט אונטער אַ בערגל שוואַרצער ערד און — דאָס איז אַלץ.

פלוצעם, שוין אויף די גאַסן פון תל־אביב, באַלד נאָך דער בריק איבערן ירקון, האָט זיך זרבבל האַסטיק אויסגעדרייט צו מיר און אַ זאָג געטאָן מיט אַ פאַרשטיקטער שטים:

„מענדעלסאָן! מען דאַרף שרייבן צו די פאַרטייען, צום גאַנצן אַקטיוו אין אויסלאַנד. ראָטנבערג איז געווען באַקאַנט אין דער גאַנצער באַוועגונג. זיין שליחות קיין אַמעריקע איז אין תוך געווען אויך אַ פאַרטייאישע שליחות. די טעטיקייט און די אויפטוען זיינע האָבן אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער וועלט־באַוועגונג. אַלע וויסן, אַז דער פרץ־פאַרלאַג ווערט אָנגעפירט דורך חברים פון אחדות העבודה—פועלי־ציון.

... ראָטנבערג איז געווען אַ פירנדיקער חבר פון דער פאַרטיי אין פוילן, מיטגליד פון פאַרטיי־אינסטאַנצן אין ישראל.

שרייבט! דאָס איז אונדזער פליכט, די באַוועגונג דאַרף וויסן, ווי אַזוי הונדערטער חברים האָבן אים באַגלייט אויף זיין לעצטן וועג. פאַרטיי־חברים, פערזענלעכע פריינד, שרייבער, קינסטלער, געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן מיט זייער קומען ערב יום־טוב צו

דער לויה אויסגעדריקט כבוד און אכטונג ראטנבערגן דעם מענטש, דעם חבר, אנערקענונג פאר זיינע גרויסע פארלאג־אויפטועו"...

דעם זעלבן אוונט ביז שפעט אין דער נאכט בין איך געזעסן און געשריבן וועגן יאסל ראטנבערגן א לאנגען בריוו צו די פארטייען און שליחים אין אויסלאנד.

די האנט האט געשריבן און דאס הארץ האט ווי געטאן — — —

*

מיט עטלעכע שעה צוריק האבן מיר באגלייט צו זיין אייביקער רו דעם חבר יוסף ראטנבערג.

ווידעראמאל אן איוב־בשורה. ווידעראמאל איז אוועקגעריסן געווארן פון אונדזערע רייען איינער פון די בעסטע. ווידעראמאל קומט אונדז אויס מודיע צו זיין די פארטייען וועגן א גרויסער אבדה פון דער באוועגונג — נישטא מער יוסף ראטנבערג.

מיט בערך צוויי וואכן צוריק זענען מיר דערשטוינט געווארן פון דער פלוצעמדיקער ידיעה: יוסף ראטנבערג האט באקומען א הארץ־אטאק. זינט דעמאלט האט ער זיך געפונען אין ביילינסאן־שפיטאל אונטער דער אויפזיכט פון איינעם פון די גרעסטע ספעצ־יאליסטן פון הארץ־קראנקייטן אין לאנד, וועלכער האט אלץ געטאן, כדי אים צו ראטעווען. די ח"ח זרבבל און ערעם זענען געווען אין כסדרדיקן קאנטאקט מיט די דאקטוירים פון שפיטאל. די ערשטע עטלעכע טעג איז קיינער נישט צוגעלאזט געווארן צום חולה. די דאקטוירים האבן דערקלערט, אז יעדע מינדסטע באוועגונג איז מסוכנדיק. נאר וואנדא, די פרוי זיינע (די ווארשעווער געטא־קעמ־פערין וואנדא אלסטער, וואס איז איצט א לערערין אין א מלוכהשער פאלקס־שול), איז נישט אפגעטראטן טעג און נעכט פון שפיטאל.

אויפן פינפטן טאג האט זיך די לאגע א ביסל געבעסערט, און אויך זרבבל און ערעם האבן אנגעהויבן אריינצוגיין אויף מינוטן. מיט עטלעכע טעג צוריק האט פראפ. טור זיי דערקלערט, אז יוסף איז געראטעוועט; ער איז „אריבערגעגאנגען דעם רוביקאן" און עס

גייט צום בעסערן. עס איז טאַקע אַריינגעטראָטן אַן ערנסטע פאַר בעסערונג אין זיין מצב. הגם ער האָט נאָך נישט געטאָרט רעדן — האָט ער שוין אָנגעהויבן זאָרגן — דורך שרייבן צעטלעך — און זיך פאַרנעמען מיט די ענינים פונעם פּרק־פּאַרלאַג; געוואָלט וויסן וואָס עס טוט זיך אין דער פּאַרטיי און אין דער באַוועגונג. דאָנערשטיק און פרייטיק האָט ער זיך נאָך דורכגעשמועסט דורך צעטלעך וועגן פּאַרלאַג־ענינים מיט שמעון ראָזענבערג, אבוש ווערבער און משה גערשאָנאָוויטש. שבת אינדערפרי איז פּלוצעם אַריינגעטראָטן אַ פאַרערגערונג. צו דוד טאַבאַטשניק, וואָס האָט אים באַזוכט שבת נאָכמיטאָג, האָט ער געזאָגט מיט זייער אַ שוואַכער שטימע, אָבער מיט זיין שטענדיקן שמייכל אויפן פּנים: „דוד, עס איז נישט גוט !". דריי אַזייגער ביינאַכט איז שוין טאַקע געווען גאָר נישט גוט. דאָס האַרץ זיינס האָט אין דער שעה אויפגעהערט צו קלאַפּן.

...46 יאָר בסך הכל איז יוסף ראָטנבערג אַלט געווען. ווי שווער איז עס שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז יאָסל ראָטנבערג געהערט שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט — ער, דער אַזוי יונגער, דינאַמישער, אומאויפהערלעך מיזאַמער, תמיד גרייט צו סטימולירן, פאַרכאַפּן און פאַרכאַפּט צו ווערן פון נייע חלומות, פון נייע פּלענער און זיי מיט אייגענע הענט פאַרווירקלעכן, פאַרוואַנדלען אין מעשים.

אַזוי יונג — האָט ער דאָך באַוויזן צו זיין טעטיק אינעם פאַרטייאישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן העכער דריי צענדליק יאָר: באַראַכאָוו־יוגנט אין לאָדזש, דערנאָך די פּאַרטיי — און אַלס איר שליח אין פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, מלחמה־יאָרן אין ראָטנ־פאַרבאַנד. אויך דאָרטן, ווו נאָר מען האָט געקאָנט, איז ער געווען טעטיק.

אָנרייפנדיקע אָרגאַניזיר־פעיקייטן פון אַ גאָר באַדייטנדיקער מדרגה האָבן זיך ביי אים אַרויסגעוויזן אינעם נאָך־מלחמהדיקן פּוילן און — אַלץ אויף קאָנסטרוקטיווע אָפּשניטן: אָרגאַניזירן הכשרה־פּונקטן, ווו מענטשן־שטויב, אָפּגעראַטעוועטע האַלאָוועש־קעס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטאָלצע חלוצים; אויפצושטעלן

קיבוצים, זאָרגן פאַר זיי, פאַרפונדעווען, כדי אין אַ קורצער צייט אַרום אַרויסשפּאַנען צו עליה; עליה דורך „בריחה" — אויף סכנות־דיקע וועגן.

דאָס קאַפּיטל „בריחה" און זיין אַנטייל אין איר — איז אַ פּרשה פאַר זיך, איז נאָך אַלץ נישט דערציילט געוואָרן. היינט האָט זרבבל געזאָגט ביים קבר: וועגן יאָסלען און זיין טעטיקייט וועט מען נאָך שרייבן. די געשיכטע פון זיין און נאָך חברימס קעגנשטעלן זיך דער יעווסעקציע — אייגענער און פרעמדער — און אירע טייוולאָנישע פּלענער קעגן עליה, וועט זיין איינער פון די שענסטע קאַפּיטלעך אין זיין ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער טעטיקייט.

אינעם צ. ק. פון דער פאַראייניקטער „פּועלי־ציון"־פּאַרטיי אינעם נאָך מלחמהדיקן פּוילן איז נישט געווען קיין שלום־בית. אַ טייל חברים האָבן נישט מסכים געווען מיט ד"ר בערמאַן, הגם יענער האָט כסדר, ביי יעדער געלעגנהייט אונטערגעשטראָכן, אַז ער איז אַ געטרייער באָראָכאָוויסט! מען האָט דערשנאַפּט, אַז ער גייט אויף נישט קיין פּועלי־ציוניסטישע וועגן.

יאָסל ראָטנבערג און נאָך עטלעכע צ. ק. מיטגלידער האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט פירן טעאָרעטישע דיסקוסיעס. זיי האָבן מיט מעשים צונישט געמאַכט די וויסטע פּלענער און נאָך מער פאַר־שטאַרקט די עליה און די חלוציש־קיבוצישע באַוועגונג (וואַנדאַ איז דעמאָלט געווען אַ מדריכה פון דער קבוצישער באַוועגונג און אינעם יוגנט־צ. ק.). דער לעבעדיקער גייסט פון דער אַרבעט, דער „שייגעץ" קעגן אייגענעם „פאַרשטייער" איז טאַקע געווען דער יינגסטער אין צ. ק. — יאָסל ראָטנבערג.

אַ צווייטע פּרשה פאַר זיך איז זיין דערפאָלגרייכע טעטיקייט אינעם וואָיעוואָדישן יידישן קאָמיטעט אין לאָדזש. אַדאַנק זיין זעלטענער אייגנשאַפט צו קאָנען מיטאַרבעטן, איינשטעלן גוטע באַציונגען מיט מענטשן — איז ער געוואָרן כמעט דער גאַנצער באַלעבאָס אינעם קאָמיטעט, הגם ער האָט אָפיציעל אָנגעפירט נאָר מיט איין אָפּטיילונג — קולטור און דערציונג; די גאַנצע השפּעה

זיינע און מעגלעכקייטן האָט ער אויסגענוצט — נישט אָן אַ שווערן גערעאַנגל — צו שטאַרקן די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, העלפן די קבוצים, פאַרפעסטיקן די חלוצישע דערציונג און דער עיקר — עליה.

*

ווען אין פוילן איז שוין נישט געבליבן די מינדסטע מעגלעכקייט פאַר פּאַרטיי־טעטיקייט איז יוסף ראָטנבערג עולה צוזאַמען מיט וואַנדאַן קיין ישראל (1949).

עס מיידן אים נישט אויס די חבלי־קליטה. די ערשטע שטרע־בונג זיינע איז צו דערלערנען די העברעישע שפּראַך. זעצט ער זיך אַוועק אויף 6 חדשים אין אַ „אולפן לעברית" (אַ מין שול־סעמינאַר פאַר דערוואַקסענע).

זיין איינגעשאַפט — צו באַגייסטערן זיך פון יעטוועדער גוטער שיינער זאַך און זיין נייגונג צו דעמאָנסטרירן ביי יעדער געלעגנהייט די באַגייסטערונג — געפינט דאָ אַ ברייט פעלד.

אַוודאי וויסן ציוניסטישע טוער אין חו"ל און בפרט ציוניס־טישע חלוצישע טוער, וואָס זענען טעטיק צווישן דער יוגנט, אַ סך וועגן דעם, וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן אין ישראל. אָבער, אַז מען טרעפט זיך אָן אויג אויף אויג מיט דעם חלוצישן אויפבוי־ווערק, מיט דעם אַלעם גראַנדיעזן, וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן אין לאַנד, קודם כל דורך די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע כוחות — זעט מען ערשט, אַז דאָס אַלץ, וואָס מען האָט געוווּסט אין חו"ל איז געווען אויבערפלעכלעך. יסודותדיק באַגרייפן דאָס ציוניסטישע אויפ־בוי־ווערק און זיין באַדייטונג קאָן מען נאָר, ווען מען קומט מיט אים אין אוממיטלבאַרער באַרירונג. נאָך מער — ווען מען לעבט אין לאַנד. יאָסל ראָטנבערג האָט נישט נאָר באַגריפן — ער איז אַריינגעפאַלן אין התפעלות. מיט חסידישן ברען פלעגט ער רעדן וועגן די ערשטע „אַנטדעקונגען" זיינע, וועגן דעם, וואָס ער האָט אַלץ געזען אויף די באַזוכן אין פאַרשידענע פונקטן אין לאַנד. די שלעכטע זייטן, די נויט, די בלויזן און די פעלערן אין דער מדינה,

האָבן נישט פאַרשטעלט פאַר זיין אויג דאָס פּאָזיטיווע, דאָס דער־גרייכטע.

די קליטה־ווייען זיינע זענען גאָרנישט געווען קיין קליינע. מען האָט אים פאַרגעלייגט עטלעכע אַרבעטס־פּלעצער. ער האָט געזאָלט אַריינגיין אַרבעטן אַלס באַאַמטער אין „קופּת־חולים", אָבער אים האָט געצויגן צו אַן אַרבעט, ווו ער זאָל קאָנען עפּעס אויפטאָן, אַריינפלעכטן זיך אין שעפערישער טעטיקייט.

איז די פּרץ־ביבליאָטעק — די באַשיידענע, כמעט פאַרגעסענע אינסטיטוציע, וואָס פּועלי־ציון האָט אויפגעשטעלט מיט יאָרן צוריק — געווען דאָס באַגערטע אַרבעטס־אָרט פאַר אים. מיט זיין געניט אויג האָט יאָסל באַלד דערזען, אַז די ליי־ביבליאָטעק קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ באַזע פאַר אַ ברייט־פאַרצווייגטער אַרבעט. באַלד אין אָנהייב האָט ער אָנגעהויבן שפּינען חלומות פון אויסברייטערן, פון מחדש זיין. וואָלט ראָטנבערג פאַרמאָגט בלויז חלומות, אָן פעיקייטן צו אָרגאַניזירן און דורכצוזעצן זיי אין לעבן — וואָלט אַלץ געבליבן ביים אַלטן.

היינט האָט ח' משה ערעם אויף די טרעפּ פון באַראַכאָוו־הויז, ברענער 14, מספּיד געווען מיט אַ געבראָכענער שטים יאָסלען, וואָס איז נאָך געווען „מיט אונדז", געלעגן אינעם אָפענעם ארון באַדעקט מיט דער ווייס־בלויער און רויטער פאָן. ערעם האָט געפּרוווט אָנצייכענען די קאָנטורן פון ראָטנבערגס בילד. דאָס טרעפלעכסטע — דוכט זיך — וואָס ער האָט וועגן אים געזאָגט, איז, אַז ער איז געווען אַ בעל־חלומות, און גלייכצייטיק געהאַט די פעיקייט צו פאַרווירקלעכן זיי. די ביידע מענטשלעכע אייגנשאַפטן גייען זייער זעלטן צוזאַמען. האָט מען שווונג, פאַנטאַזיע, פּאָזיטיווע אַמביציעס און גלייכצייטיק די פעיקייט צו פּרוכטבאַרער טאַט, און דערצו נאָך — אַן אידעיש־פּאָליטישן רוקן־ביין, לעבנס־חכמה און טאַקט — קאָן מען דערגיין צו גרויסע אויפטוען.

און יאָסל איז טאַקע דערגאַנגען.

פאַרלעגער, געזעלשאַפטלעכע טוער שטוינען, ווי אַזוי דער

„נייער עולה" — בסך הכל עטלעכע יאָר אין לאַנד, האָט באַוויזן אין אַזאַ קורצער צייט אַרויסצוגעבן אַזויפיל ווערק, צו ווערן אַן אַדרעס פאַר שרייבער און קינסטלער, זיי צו פאַרבינדן מיט די מאַסן יידן אין לאַנד, זיך דערוועררבן אַזאַ פּאָפּולאַריטעט, זיך איינשאַפן אַזאַ גרויסן קרייז פריינד — שרייבער און טוער אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

„דער פּרק־פאַרלאַג, וואָס יוסף ראָטנבערג האָט געשאַפן, איז נישט בלויז אַן אינסטיטוציע — נאָר אַ באַדייטנדיק קולטור־ווערק" — האָט היינט געזאָגט זרבבל אין זיין רירנדיקן הספד ביים אָפענעם קבר אויפן בית עלמין. דאָס איז אַ ריכטיקע באַצייכענונג. אויב דער פּרעזידענט פון דער מדינה יצחק בן צבי, און אַ ריי פּערזענלעכקייטן פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער וועלט, דער וועלט־קאָנגרעס, דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט און צענדליקער באַרימטע יידישע שרייבער און דענקער האָבן געשענקט זייער צוטרוי דעם פּרק־פאַרלאַג, אויב אין משך פון די עטלעכע יאָר האָט דער פאַרלאַג זיך דערוואָרבן אַ וועלט־נאָמען, איז דאָס מער ווי אַן אינסטיטוציע — עס איז אַ גרויס קולטור־ווערק.

יוסף ראָטנבערג האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט גרויסע פּלענער, ווי איבערזעצן אין העברעיש ווערטפולע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס זענען פאַרחתמעט פאַר דעם נייעם דור יידן אין ישראל; דאָס נעמלעכע — איבערזעצן אין יידיש באַדייטנדיקע ווערק פון די העברעישע שרייבער אין ישראל, דער עיקר יענע, וואָס באַשרייבן און באַזינגען דאָס ציוניסטישע אויפבוי־ווערק, אַרויסגעבן אַן אַנטאָלאָגיע פון די ווערק פון די אומגעקומענע יידישע שרייבער אין ראַטן־פאַרבאַנד.

ראָטנבערג איז געווען אַריינגעטאָן אינעם שאַפן דאָס קולטור־ווערק מיטן פולן אימפעט, מיט אַלע רמ"ח אברים. די פאַרצווייגטע טעטיקייט זיינע האָט פאַרמאָגט אַ צענטראַלע אידעע. זיין שטרעבונג איז געווען: שאַפן אַ בריק צווישן דער יידישער און העברעישער

ליטעראַטור, צווישן די גלות־לענדער און ישראל דורך אַ קעגנ־זייטיקן קולטור־אויסטויש.

זיין ציל איז אויך געווען זיך אָננעמען די קריוודע פון יידיש אין ישראל. ער איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די, וואָס האָבן געוואָלט אויסנוצן די נעגאַטיווע אָדער נישט־גענוג פריינדלעכע באַציונג צו יידיש מצד געוויסע קרייזן דאָ, כדי צו באַשמוצן מדינת ישראל. דעם בעסטן ענטפער אויף דער העץ־קאַמפּאַניע קעגן ישראל, וואָס ווערט געפירט אין חו״ל דורך געוויסע קרייזן, באַשר יידיש ווערט „גערודפט״ אין ישראל — איז די טעטיקייט פונעם פרץ־פאַרלאַג גופא.

העכער 50 ביכער (40 אין יידיש און ביי אַ 10 אין העברעיש), די בערך הונדערט דערפאָלגרייכע מאַסן־אונטערנעמונגען אין יידיש אָרגאַניזירט דורך דער פרץ־ביבליאָטעק — איז אַן אָנווייז אויך די קרייזן אין לאַנד, וואָס דערשאַצן נישט די ראָל פון יידיש, אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער קעגנוואַרט, פאַר דער קולטור פונעם יידישן פאָלק און פאַר דערנעענטערן מאַסן יידן צו ישראל און ציוניזם.

ראַטנבערג איז געווען שטאָלץ אויף דער דאָזיקער דאָפּלטער ראָל, וואָס דער פרץ־פאַרלאַג פירט אויס אינעם יידישן געזעל־שאַפטלעכן קולטור־לעבן, ער איז געווען שטאָלץ דערמיט, וואָס דורך זיין אַרבעט לייגט ער צו אַ האַנט צו שטאַרקן די פריינד־שאַפט צו ישראל ביי ברייטערע קרייזן אין חו״ל. דאָס האָט אים נאָך מער סטימולירט אויסצוברייטערן זיין טעטיקייט פונעם פרץ־הויז. ער האָט אָנגעשטעקט מיט זיין ווילן אַנדערע, געגרייט זיך דערצו מיט שוווּנג, געשאַפן פלענער, און פלוצעם — איז איבער־געריסן געוואָרן דער לעבנס־פאָדעם זיינער.

*

די ידיעה וועגן ראַטנבערגס פלוצעמדיקן טויט האָט אַלעמען דערשיטערט. אין די פרימאָרגן־צייטונגען האָט נאָך נישט געקאָנט

זיין וועגן דעם געמאָלדן, אָבער צענדליקער מענטשן, בפרט די נאָענטע חברים, האָבן שוין געוווּסט די אכזריותדיקע ידיעה. 9 אַ־זייגער זענען שוין געזעסן חברים פון פאַרבאַנד־סעקרעטאַריאַט און פון צ. ק. און באַשטימט דעם סדר פון דער לוויה. די לעצטע יאָרן זענען, ליידער, פאָרגעקומען אַ סך אַזעלכע זיצונגען פון לוויה־קאָמיטעטן, אָבער אַ זיצונג פון חברים אַזוי צעבראָכענע און דערשיטערטע דורך דעם פרישן אומגליק איז נאָך נישט געווען. ח׳ ניר האָט קומענדיק צו דער זיצונג געזאָגט מיט אַ ציטערדיקער שטים: „עס איז מיר שוין נמאס אַלעמען איבערצולעבן. דאָס איז דאָך שוין איינער פון צווייטן דור, וואָס איז אַזוי אומגעריכט אויסגעריסן געוואָרן״ — און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זיינע אויגן. אַזוי האָט אויך ערעם אָנגעהויבן זיין הספד: „יאָסל, איך האָב שוין נישט מער קיין כוח מספיד צו זיין״ — — —

דער לוויה־קאָמיטעט (ערעם, טאַבאַטשניק, באַנקאָווער, מענ־דעלסאָן, געוועלבער, ראָזענבערג, גערשאָנאָוויטש) האָט באַשלאָסן זיך באַמיען צו באַקומען אַן אָרט אין דער „פּועלי־ציון־אַלעע״ אויפן בית הקברות אין קרית־שאול (ווו עס ליגן: יעקב קענער, יוסף ראָזען, יצחקי, גרשון גערשוני, יונה וואָלף, לעאָ קעניג, א. קרייקערמאַן א. אַנד.).

זונטיק 11 אינדערפרי האָבן זיך באַוויזן אין די נאָכמיטאָג־צייטונגען און אויף די ווענט אין די גאַסן פון תל־אביב נעקראָלאָגן מיט די אונטערשריפטן פון צענטראַל־קאָמיטעט אחדות העבודה־פּועלי ציון, פאַרבאַנדס־ביוראָ, פּרץ־ביבליאָטעק און פאַרלאַג. אַ־זייגער האַלב צוויי האָט „קול ישראל״ (מלוכה־ראַדיאָ) איבערגעגעבן די ידיעה וועגן טויט פון יוסף ראָטנבערג. אַ שעה פאַר דעם האָט סט״א, די „יידישע טעלעגראַפן־אַגענטור״, פונאַנדערגעשיקט די טרויעריקע ידיעה אין חוץ־לארץ. עטלעכע שעה שפּעטער האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די ערשטע טרייסט־און מיטגעפיל־דעפּעשן פון לאַנד און אויסלאַנד.

אינדערפרי האָט „למרחב״ און אויך די איבעריקע ציוניסטישע

אַרבעטער־פּרעסע געווידמעט אַ סך אָרט דעם פֿאַרשטאַרבענעם.

נאָך פֿאַר 9 אַזייגער האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען חברים און פֿריינד אין „באַראַכאָוו־הויז".

ביים ארון מיטן קערפּער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַן ערן־וואַך, וואָס האָט זיך כסדר געטוישט מיט ניי־געקומענע חברים. עס איז געוואָרן אַלץ ענגער און ענגער אין זאַל. געקומען לאַנג־יעריקע חברים פֿון תל־אביב, חיפה, ירושלים, רחובות, נתניה א. אַנד. געקומען שרייבער, געזעלשאַפטלעכע טוער, אויך פֿירנדיקע חברים פֿון מפא״י און מפ״ם. געקומען אַ דעלעגאַציע פֿון קבוץ משמר הנגב, דער רוב — פּערזענלעכע חברים פֿון פֿאַרשטאָרבענעם, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געאַרבעט אין דער באַראַכאָוו־יוגנט אין לאָדזש. צווישן אַנדערע זעט מען די שרייבער און קינסטלער: י. האפּער, ד״ר דוואָרזשעצקי, זיגמונט טורקאָוו, י. פּאַפּירניקאָוו, לאזאר עפּשטיין (פּאַראייניקטע שטאַטן), א. שמרי, אַ. לעוו, א. וו. יאַסני, י. ל. מאלאמוט א. אַנד. עס זענען פֿאַרזאַמלט כמעט אַלע מיטגלידער פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון יידן אין פּוילן. עס זענען געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד ראַטנבערגן חברים אַקטיוויסטן פֿון דער בעלגישער און פֿראַנצויזישער פּאַרטיי און כמעט אַלע חברים פֿון אויסלאַנד, וואָס געפֿינען זיך איצט אין ישראל: בעני הימל (צ. ק. קאַנאַדע), חיים טשאלקאָף, (צ. ק. ארגענטינע) מינע מיאדאווניק און חיים טוכמאַן (צ. ק. אורוגווײַ) י. עדלשטיין (פֿראַנקרייך).

אַלעמענס אויפֿמערקזאַמקייט ציט אויף זיך וואַנדאַ, וואָס ווי נאָר זי איז אַריינגעפֿירט געוואָרן אין זאַל, איז זי צוגעפֿאַלן צום קערפּער פֿון וועלכן מען האָט זי נישט געקאָנט אָפּרייסן. זי איז אינגאַנצן פֿאַרשטיינערט, קאָן צומאָל נישט וויינען. אַ דערשי־טערנדיקער איינדרוק.

עטלעכע מינוט פֿאַר 10 שטעלט זיך אויס די לעצטע ערן־וואַך: זרבבל, ניר, בן־אהרן (קאָמוניקאַציע־מיניסטער און איצט — כנסת־מיטגליד און רעדאַקטאָר פֿון „למרחב"), ב. רעפּעטור

(הסתדרות־עקזעקוטיוו) ד. טאַבאַטשניק, אַלכסנדר, ז. אבראַמאָוויטש, פועה לעוו, פעלאַ ראָזען, י. באַנקאָווער, אבוש ווערבער, א. הלוי, ז. שפירא, ס. כצנלסון, א. געוועלבער (צ. ק. סעקרעטאַריאַט) מ. קליגער און מ. טערעשטשאַנסקי (סעקרעטאַריאַט פון הקבוץ המאוחד) י. טורקאָוו (רעדאַקטאָר פון „פאָלקסבלאַט”), מ. שילדקרויט און מ. בער (געוו. צ. ק. אין פראַנקרייך).

ס'איז ערב פסח. דער עולם צעפאָרט זיך אין די קבוצים, אין גליל און אין עמק צום סדר. דאָך, ווען מען האָט אַראָפּגעטראָגן דעם ארון אויף דער גאַס, האָט אויף אים געוואַרט אַ מאַסע פון העכער פינף הונדערט מענטשן — חברים, פריינד, שרייבער, קינסטלער, קולטור־טוער, פאַרטיי־טוער א. אַנד.

אויפן אָרט האָבן מספיד געווען מ. ערעם און י. באנקאווער.

דער לויה־צוג האָט געריכט אין דער ריכטונג פון דער פרץ־ביבליאָטעק אויף אַלענבי, זיך אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע מינוט און זיך געלאָזט צום בית־עלמין.

ביים אָפענעם קבר האָבן גערעדט שמעון ראָזענבערג און יואל רויזמאַן (משמר הנגב). דער לעצטער האָט מספיד געווען ח' י. זרבבל. מיט שטילן זאַנג פון דער פועלי־ציון „שבועה” האָט זיך דער עולם געזעגנט אויף אייביק מיט ראַטנבערגן.

*

ס'איז שווער שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ראַטנבערג איז באמת נישטאַ. גאָר שווער איז זיך צוצוגעוויינען צום געדאַנק פאַר וואַנדאַן; נאָך שווערער וועט דאָס זיין פאַר דעם אַזוי שטאַרק געליבטן זונעלע זיינעם, דעם יורש — נחי (נחמן) ראַטנבערג (אין אַכטן יאָר), נישט ווינציקער שווער איז עס פאַר די נאָענטע חברים. אויב עס וועט זיך יאָ געפינען אין דער צוקונפט אַ טרייסט, וועט זי זיין — פאַר דער משפחה און פאַר אַלעמען — נאָר אין דעם המשך און פונאַנדערבוי פון זיין לעבנס־ווערק.

אַלע, אַלע, אין שמועסן און אין הספדים, האָבן גערעדט וועגן

ראַטנבערגן דעם פּאַרטיי־טוער און בויער, וועגן זיין איבערגעגעבנ־
קייט, חברישקייט און טריישאַפט, און אונטערגעשטראָכן, אַז דער וועג
צו באַערן זיין אָנדענק — איז צו זאָרגן פאַר דעם המשך פון זיין
ווערק אין דינסט פון דער קולטור פונעם יידישן פאָלק, אין דינסט
פון די אידעאַלן פון דער פּאַרטיי אין ישראל, אין דינסט פון דער
וועלט־באַוועגונג אחדות העבודה — פּועלי־ציון.

אַפּריל, 1960

ארטיקלען און בריוו

פון יוסף ראָטנבערג

יוסף ראָטנבערג בײַ דער מצבה פון זײַן פאָטער אין לאָדזש

יידישע קאָמיטעטן אין פוילן

דער געבורט פון די יידישע קאָמיטעטן דאַטירט זיך פון טאָג, ווען אויף דער פוילישער ערד מיט דער שטאָט לובלין בראש האָט זיך איינגעשטעלט אַ פויליש־דעמאָקראַטישע רעגירונג. פון בונקערס, וועלדער און לאַגערן זענען געציילטע „גליקלעכע", אין אַנבליק פון פרייהייטס־סיגנאַלן, אַרויס אויף דער אויבערפלאַך פיזיש צעבראָכענע. קיין שטוב, קיין פאַמיליע, קיין סימן פון יידיש לעבן — איין גרויס יידיש בית־עלמין. זענען טאַקע די אַנטשטאַנענע יידישע קאָמיטעטן, געבויט לויטן פרינציפּ פון פאָלקס־איינהייט, מיט צילן פון אַלזייטיקער הילף און טענדענצן פון ווידעראויפבוי, געוואָרן דער צענטער פון שארית־הפליטה פון אַמאָליקן גרויסן יידישן ישוב אין פוילן.

ראַטעווען די רעשטלעך איז געווען די ערשטע פאַזע פון אַרבעט.

שטאַרקן די פיזיש דערשעפּטע, שוץ פאַר די אָפּגעראַטעוועטע קינדער, מעדיצינישע הילף, באַקלייד־טעטיקייט, אַ דאַך איבערן קאָפּ א. א. ו. — דאָס האָט זיך אַרויסגערוקט אויפן ערשטן פּלאַן.

מיט באַפרידיקונג קאָנען מיר פעסטשטעלן, אַז נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, דער עיקר מאַטעריעלע, האָבן די קאָמיטעטן צו פאַרצייכענען ערנסטע דערפאָלגן: טויזנטער האָבן במשך פון דער צייט באַקומען מאַטעריעלע און פּראָדוקטן־הילף, טויזנטער קראַנקע אונטער כסדרדיקע מעדיצינישער אויפזיכט, פאַר הונדערטער קינדער — וואַרעמע היימען אָרגאַניזירט (אינטערנאַטן, האַלב־אינטערנאַטן, קינדערהיימען אין אַלע גרעסערע צענטערס פון לאַנד).

לעצטנס זענען די קאָמיטעטן איבערגעגאַנגען צו אַ ווייטערדיקער

פאַזע. די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט ווערט געשענקט אויף געבן דעם זיך בויענדיקן יידישן ישוב אין פוילן אַן עקאָנאָמיש געזונטע און שעפערישע ריכטונג. די דורות־לאַנגע רדיפות און גזירות אויפן יידישן פאָלק האָבן אויסגעפורעמט אַ קרומע עקאָנאָמישע סטרוק־טור. איצט, אין דער פרייער דעמאָקראַטישער ווירקלעכקייט פון פוילן, האָבן זיך ברייט געעפנט די מעגלעכקייטן פון בויען אונדזער לעבן אויף געזונטע פראָדוקטיווע יסודות. נישטאָ מער קיין באַגרענ־צונגען, דער צוטריט צו אַלע פאָרמען פון פראָדוקציע איז פאַר אונדז פריי. דער יאָרלאַנגער טרוים פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג צו פראָדוקטיוויזירן דאָס יידישע פאָלק האָט איצט אַלע שאַנסן רעאַליזירט צו ווערן. מיר דאַרפן אויסנוצן דעם היסטאָרישן שאַנס.

אין אינטערעס פון פראָדוקטיוויזאַציע פון דער יידישער באַפעל־קערונג אין פוילן ליגט דאָס אָרגאַניזירן פאַר דער יוגנט פאַך־שולן, קאָאָפּעראַטיוון, בורסעס, א. אַ. וו. (פּרווון און טיילווייזע רעזולטאַטן זענען פאַראַן).

אויך די עקזיסטירנדיקע און זיך בויענדיקע יוגנט־קאָלעקטיוון

דער „מרכז הקיבוץ" אין פוילן
אין דער ערשטער ריי, אין צענטער, יוסף ראָטנבערג און וואַנדאַ ראָטנבערג

ביי די טויזנטער יוגנטלעכע, וועלכע פאַרבינדן זייער צוקונפט מיט ארץ־ישראל, באַטראַכטן מיר פאַר אַ שעפערישער און פראָדוקטיוויזאַציע־טעטיקייט.

די יידישע קאָמיטעטן דאַרפן שענקען געהעריקע אויפמערקזאַמקייט דעם געביט.

פאַרוויסטונג און חורבן האָט איבערגעלאָזט דער דייטשער פאַשיזם אין פוילן. אין די אַלגעמיינע אָנשטרענגונגען פונעם פוילישן פאָלק — ווירטשאַפטלעך און פאָליטיש צו פאַרפעסטיקן די פוילישע דעמאָקראַטישע רעפובליק — דאַרפן מיר נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל.

ס'איז דעריבער די פליכט פון די יידישע קאָמיטעטן אַריינצוציען די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין פראָצעס פון אַרבעט און אויפבוי.

די יידישע באַפעלקערונג, וועלכע איז אַרויסגעגאַנגען אויף נאָרמאַלע רעלסן פון לעבן, ליגט אויף די קאַנדידאַטן אַרויף די פליכט פון פירן אַ ברייטע קולטור־טעטיקייט אין דער פאָרם פון שולן, אָוונט־שולן, פאָלקס־אוניווערסיטעטן, טעאַטער א. אַ. וו. עפּעס איז געטאָן געוואָרן (אַ גרויסע שול אין לאָדזש, קלענערע אין אַנדערע פונקטן), א סך בלייבט איבער זיך צו ווינטשן. די פאַרצווייגטע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן פון די יידישע קאָמיטעטן, זייער איינהייטלעכער רעפּרעזענטאַנץ־כאַראַקטער, רופן אַרויס די נויטווענדיקייט אין פערספּעקטיוו זיי צו פאַרוואַנדלען אין רעכטלעכע זעלבסטפאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען פון יידישן ישוב אין פוילן. מיט געבן זעלבסטפאַרוואַלטונגס־רעכט די יידישע קאָמיטעטן וועט נאָך מער אונטערגעשטראָכן ווערן דאָס רעכט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן, שטאַרקנדיק גלייכצייטיק זייער שעפערישע איניציאַטיוו.

דער פרעמיער־מיניסטער אָסובקאַ־מאָראַווסקי האָט אין איינער פון זיינע פראָגראַם־רעדעס דערקלערט, אַז די פוילישע רעגירונג וועט נישט שטערן קיין פרייוויליקע יידישע עמיגראַציע פון פוילן.

דער פּרעמיער האָט דורך די ווערטער אויסגעדריקט די טיפע פאַרשטענדעניש פון די פּוילישע מלוכה־אָרגאַנען פאַר די שטרע־מונגען, וועלכע נורטעווען ביי דער יידישער באַפעלקערונג און זענען באַזונדערס אויסגעוואַקסן אין רעזולטאַט פון דער מוראדיקער פאָלקס־טראַגעדיע. ס'איז דעריבער נאַטירלעך, אַז אין די אַלגעמיינע אָנשטרענגונגען פון די יידישע קאָמיטעטן צו לייזן די אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן דאַרף די פראַגע פון עמיגראַציע פאַרנעמען אַ געהעריק אָרט.

דער היסטאָרישער געראַנגל פון די יידישע מאַסן אין גאַר דער וועלט, דער אויסגעוואַקסענער באַגער פון די רעשטלעך פּוילישע יידן פאַר א יידישער מלוכה אין א״י, דער קאַמף פאַר אָפענע טויערן — מוז איינגעגלידערט ווערן אין די קאַמפס־אויפגאַבן פון די יידישע קאָמיטעטן, אויף וויפל די קאָמיטעטן ווילן זיין די ווילן־אויסדריקער פון די יידישע מאַסן אין פּוילן.

*

די מאַרקסיסטישע פּועלי־ציון־באַוועגונג אין פּוילן קאָנטי־נוירט קאָנסעקווענט איר אַלטע און אויסגעפּרוווטע פּאָליטישע ליניע פון מאָביליזירן די יידישע מאַסן צום קאַמף פאַר דער יידישער מלוכה אין א״י, בילדנדיק גלייכצייטיק אין די ראַמען פון די יידישע קאָמיטעטן דעם סאַמע ווירדיקסטן טייל ביים אויפשטעלן דעם יידישן ישוב אין פּוילן.

(„אַרבעטער צייטונג״ נ. 1, לאָדזש, דעצעמבער 1945)

צוויי יאָר יידישע קאָמיטעטן אין פוילן

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון יידן אין פוילן, זיינע אָפּטיילונגען אויף די ערטער, פאַרעפנטלעכן איצט דעם בילאַנס פון צוויי יאָר טעטיקייט.

אין טייל ערטער פון לאַנד ווערט עס פאַרבונדן מיט גרויסע יובילי־פייערונגען, וואָס ציען צו די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. און ס'איז קיין ווונדער! זענען דאָך די קאָמיטעטן די אויטאָריטאַטיווע אינסטיטוציעס אין דער יידישער געזעלשאַפט, די אָנערקענטע יידישע רעפּרעזענטאַנץ דורך דער פוילישער מלוכה און פון אַלע ישובים אין דער וועלט.

די פאַרעפנטלעכטע באַריכטן באַווייזן בולט דעם אַנטוויקלונגס־וועג, וואָס די קאָמיטעטן האָבן אַדורכגעמאַכט פון אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט געגעבן שטיצע די זיך צוריקקערנדיקע רעשטלעך יידן, ביז ווערן דער וויכטיקסטער שעפערישער כוח פונעם יידישן ישוב אין פוילן.

שטאַרק בולט איז אין די באַריכטן די טענדענץ צו געבן דעם זיך בויענדיקן ישוב אַ געזונטע און פּראָדוקטיווע ריכטונג. אין רעזולטאַט פון וועלכער טויזנטער יידן זענען ביי אַרבעט איינגע־אָרדנט געוואָרן. פון זיי אַ טייל אין פאַבריקן, אַ באַדייטנדיקע צאָל אין די קאָאָפּעראַטיוון, וואָס זענען מיט דער מיטהילף פון די קאָמיטעטן אָרגאַניזירט געוואָרן. נישט קליין איז אויך די צאָל האַנטווערקער, וועמען די קאָמיטעטן האָבן דורך געבן הלוואות דערמעגלעכט עפענען זיך וואַרשטאַטן.

ערנסטע רעזולטאַטן האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט אויפן געביט פון דערציונג און קינדער־שוץ. אין די געשאַפענע דורך אים

אינטערנאַטן, האַלב־אינטערנאַטן, קינדער־היימען, קלובן און שולן געפינען זיך טויזנטער קינדער אונטער אַ זאָרגפולער אויפזיכט פון פעדאַגאָגן. אויך די אָפטיילונגען פאַר סאָציאַלער שוץ, קולטור און געזונטהייט, וועלכע האָבן זיך שפּעטער קאָנסטיטוּירט אַלס זעלבשטענדיקע אינסטיטוציע „טאָז" (איז אָבער ווייטער אונטער דער אויפזיכט פון צענטראַל־קאָמיטעט) האָבן צו פאַרצייכענען ערנסטע דערגרייכונגען.

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אויך פאַרנומען אַ פּירנדיקע פּאָזיציע אין אַלע וויכטיקע פּאָליטישע קאַמפּאַניעס, ווי רעפערענדום, סיים־וואַלן, סאָלידאַריטעט מיטן קעמפנדיקן ישוב אין ארץ־ישראל בעתן באַזוך פון דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנער ארץ־ישראל־קאָמיסיע אין פּוילן א. א. וו.

אָפּשאַצנדיק דעם באַריכט, אין וועלכן עס געפינען זיך אַזויפיל ערנסטע דערגרייכונגען, ווי אויך דעם אויטאָריטעט, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך דערוואָרבן, טיילן מיר די מיינונג פון די געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע באַטראַכטן דאָס קודם כל פאַר אַ פאַרדינסט פון זיין איינהייטלעכן פּאָלקס־כאַראַקטער.

אַ סך איז אין משך פון די צוויי יאָר אויפגעטאָן געוואָרן. נאָך מער איז אָבער געבליבן צו טאָן.

צו די וויכטיקסטע אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַרן צענטראַל־קאָמיטעט, געהערט אָן שום ספק דער ענין פּראָדוקטיוויזאַציע, אַנדערש געזאָגט, דאָס פּראָבלעם פון אַריינציען דעם רעשט יידן אין פּראָצעס פון אַרבעט און שאַפן. כדי עס צו רעאַליזירן איז נויטיק: א) קאָנטינוירן די אַרבעט פון אַריינזעצן יידן אין מלוכה־פאַבריקן, ב) דערמעגלעכן יידן זיך איבערקוואַליפיצירן אָדער לערנען אַ פאַך, ג) פאַרפעסטיקן די שוין פאַראַנענע און שאַפן נייע קאָאָפּעראַטיוון א. אַ. וו. אינעם לעצטן גייען מיר זיך פונאַנדער מיטן ציגאַנג, וואָס ס'האָט די פּ. פּ. ר.־ישע פּראַקציע, וועלכע איגנאָרירט די פּאַרטייאישע ראָל ביים שאַפן קאָאָפּעראַטיוון. מיר האַלטן פאַרטייאישע איניציאַטיוו און אַרבעט אין דער ריכטונג פאַר נוצלעך, און

זיי פאַרדינען באַגריסט צו ווערן. ערשטנס, ווייל זיי דינען די אידעע פון פאָרגרעסערן די צאָל אַרבעטנדיקע. צווייטנס, ווייל זיי גאַראַנ־טירן דעם געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער פון קאָאָפּעראַטיוו און דער־מיט אויך דיווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן. דער מאָטיוו, אַז פּאַראַלעלע קאָאָפּעראַטיוון האָבן אומנויטיקע זעלבסט־קאָסטן און העכערן דורך דעם די פּרייזן פון דער פּראָדוקציע, איז עקאָנאָמיש באַגרינדעט. נישט אַלץ אָבער, וואָס איז באַגרינדעט לאָזט זיך מאָמענטאַל אַדורכפירן. געגוג צו דערמאָנען, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווו די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג איז שטאַרק אַנטוויקלט און האָט אונטער זיך אַ לאַנגיאָריקע פּראַקטיק, עקזיס־טירן פון דעסטוועגן אַן אַ שיער פּאַראַלעלע קאָאָפּעראַטיוון.

אין אַלע פאַלן, צוליב אויבנדערמאָנטע מאָטיוון, לאָזן אַרומ־דרייען זיך צענדליקער פאַכלייט (דער פאַל אין לאָדזש) און נישט נאָכקומען זייער פאַרלאַנג צו עפענען קאָאָפּעראַטיוון, איז פיל שעד־לעכער ווי דער היזק צוליב אומנויטיקע זעלבסטקאָסטן.

גרויסע קאָאָפּעראַטיוון, ווי אַ פּערספּעקטיוו־לאָזונג איז ריכטיק. הייסן וואַרטן ביז דאָס וועט מעגלעך ווערן, איז פאַלש, שטייט אין סתירה צו דער אידעע פון פּראָדוקטיוויזירן די יידישע באַפעלקערונג אין פּוילן.

גרויסע התחייבותן האָט אומבאַדינגט דער צענטראַל־קאָמיטעט פאַר אונדזערע יידישע קינדער אין פּוילן. דער קאָמיטעט איז מחויב צו שאַפן באַדינגונגען פאַר זייער פיזישער און גייסטיקער אַנטוויקלונג. באַזונדערס פאַראינטערעסירט איז די יידישע געזעל־שאַפט אין דעם גייסט פון דער דערציונג אין אונדזערע שולן. דער פאַרלאַנג כמעט פון אַלע זייטן איז: זיי זאָלן זיין פּראָגרעסיווע נאַציאָנאַל־יידישע, אַדורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט צום קעמפנדיקן טייל פון דער געזעלשאַפט פאַר פרייהייט און סאָציאַלן יושר און פאַרן באַפרייונגס־קאַמף, וועלכן עס פירט דאָס יידישע פאָלק.

אויפן לערער־צוזאַמענפאָר אין באַפרייטן פּוילן האָט ח׳ מירסקי, רעדנדיק איבער „די ריכטליניעס פון דערציונג, צווישן אַנדערע

אָנגעוויזן, אַז בעתן לערנען יידישע דעמאָגראַפיע דאַרפן אַרויסגעהויבן ווערן דריי כאַראַקטעריסטישע צענטערס: אַמעריקע, אַלס גרעסטער יידישער ישוב, ראַטן־פאַרבאַנד, ווו יידן געניסן פון פולער גלייכ־באַרעכטיקונג און ארץ־ישראל מיט זיין קאַמף פאַר אומ־אָפּהענגיקייט.

נאַטירלעך, וואָלטן מיר, פועלי־ציון, געהאַט אַ סך צוצוגעבן, באַזונדערס צו דער כאַראַקטעריסטיק פון ארץ־ישראל, ווי דעם פּראָדוקטיוויזאַציע־פּראָצעס, יידיש פּויערטום א. אַ. וו., וואָס איז אָגב פון אונדזער אַלעמענס שטאַנדפּונקט דערציערישׂ.

מיר נעמען אָבער אין אַכט דעם קאָמפּראָמיס־כאַראַקטער פון די קאָמיטעט־שולן און האַלטן זיך ביי די דאָזיקע ראַמען.

די געפּרעסטע פאָרמולירונג פון ח׳ מירסקי איבער דער כאַראַק־טעריסטיק פון יידישע ישובים לאָזט איבער אַ ברייט פעלד פאַר די לערער אויף קאָמענטאַרן, באַזונדערס וועגן ארץ־ישראל. מיר האַלטן, אַז אַ נישט גענוגנדיק אָרט אָפּגעבן פאַר דעם קעמפנדיקן ישוב אין ארץ־ישראל און זיינע דערגרייכונגען, הייסט אויפשטעלן אַ וואַנט צווישן דער שול און עלטערן, צווישן דער שול און קינדער.

די יידישע געזעלשאַפט שאַצט אָפּ מיט דעם גאַנצן ערנסט די לייסטונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט אין משך פון די צוויי יאָר, אָקצעפּטירט די אַרבעטס־פּלענער פאַר דער צוקונפט, וועלכע צילן צו פאַרפעסטיקן די שוין־פאַראַנענע און שאַפן נייע ווירטשאַפט־לעכע און קולטור־דערציערישע פּאָזיציעס.

מיט אַ באַזונדערער צופרידנקייט נעמט דער יידישער ישוב אויף די באַמיונגען צו ווערן אַ באַשטאַנדטייל פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. מיר זעען דערין אַ ווילן איינצוגלידערן זיך אינעם אַל־וועלטלעכן קאַמף פון יידישן פאָלק פאַר זיין קיום און אויפשטייג.

אין סאַמע צענטער פון דער אויפמערקזאַמקייט שטייט איצט ביי יידן אין דער גאָרער וועלט דער קאַמף פאַר זיין רעכט אויף ארץ־ישראל.

דאָס רוב פון דער יידישער מאַסע אין פוילן איז מיטן גאַנצן

הארצן אויף דער זייט פון די, וואָס פירן דעם דאָזיקן העלדישן קאַמף. און אויב דער יידישער צענטראַל־קאָמיטעט אין פוילן וויל באמת זיין דער ווילן־אויסדריקער פון די יידן אין פוילן — דאַן מוז ער זיך אינעם דאָזיקן קאַמף אַקטיוו באַטייליקן.

אונדזער באַוועגונג אין פוילן קאָנטינווירט קאָנסעקוועגט איר אויסגעטראָטענע פון יאָרן פּאָליטישע ליניע. זי פירט אָן אַקטיווע אַרבעט אין קאַמף פאַר אַ פריי ארץ־ישראל און שעפערישער טאָג־טעגלעכער אַרבעט אינעווייניק אין יידישן ישוב אין פוילן.

(„אַרבעטער־צייטונג״ נ. 3 (14) לאָדזש, מערץ 1947)

צו נייע אויפגאַבן

דער יידישער ישוב אין פוילן, די פראָלעטאַריש־ציוניסטישע משפחה, האָט דעם 16־טן דעם חודש איבערגעלעבט אַ דערהויבענעם מאָמענט. די „באָראָכאָוו־יוגנט" און „דרור" האָבן זיך פאַראייניקט.

27 יאָר זענעןביידע יוגנט־באַוועגונגען געגאַנגען אַ באַזונדערן וועג, פאַרשידנאַרטיק אינטערפּרעטירט אין טאָג־טעגלעכן קאַמף די גייסטיקע ירושה פון גרויסן לערער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג בער באָראָכאָוו, פונקט ווי פאַרשידנאַרטיק זי איז אינטערפּרעטירט געוואָרן דורך די פּאַרטייען לינקע „פּועלי־ציון" און „פּועלי־ציון" צ. ס. ס'איז קיין שטרייט נישט געווען אין דער אָפּשאַצונג פון באָראָכאָוון וועגן דער יידישער אַנאָמאַליע, וואָס דריקט זיך אויס אין דער עקסטעריטאָריאַלקייט פון יידישן פאָלק, אויסגעקרימטער עקאָנאָמישער סטרוקטור און כסדרדיקע געפאַרן פון גייסטיקן און פיזישן אומקום.

ביידע האָבן אין אויפשטעלן אַ יידיש־סאָציאַליסטישע מדינה אין ארץ־ישראל געזען די רעאַלסטע רעצעפּט פאַר אויסהיילן די דורות־לאַנגע פאָלקס־קראַנקייט.

דער שטרייט איז געגאַנגען אין די מעטאָדן פון אַרבעט און קאַמף — אין דער אַקצענטירונג פון די אויפגאַבן, וואָס פירן צו דער פאָלקס־אויסלייזונג; דער שטרייט איז געגאַנגען אין דער אָריענטאַציע אויף די כוחות פון דער אַרומיקער וועלט.

צום רום פון ביידע יוגנט־באַוועגונגען קאָנען מיר פעסטשטעלן, אַז סיי די „באָראָכאָוו־יוגנט" און סיי „דרור" האָבן אַ גרויסן חלק אינעם וווּנדערבאַרן ווערק וואָס הייסט: געזונטער פונדאַמענט פון דער יידישער מלוכהשאַפט אין א"י.

ביידע זענען זיי געווען דער אַוואַנגאַרד פון פּיאָנערישן טאַט

אין פראפאגאנדיסטיש־פאליטישער אויפקלערונגס־ארבעט — ביים באלעבן די ארץ־ישראלדיקע וויסטעס און ביים אריינדרינגען מיט אונדזער פועלי־ציוניסטישער דערלייזונג־אידעע צווישן דער יידישער ארבעטער־יוגנט. אויפן גאנצן וועג האבןביידע יוגנט־באוועגונגען זיך דערגענצט.

ביידע יוגנט־באוועגונגען צוזאמען האבן אין דער געשיכטע פון דער גרויסער יידישער רענעסאנס־באוועגונג אריינגעשריבן א וואונדערבאר בלעטל פון ארבעט און קאמף.

אין די יארן פון טראגישן אומקום פון מיליאנען פון אונדזער פאלק אין געטאס און לאגערן, האבן ביידע יוגנט־באוועגונגען באליגט דעם עקזאמען פון אויסדויער, ווירדע און העלדנטאט.

די איצטיקע פאראייניקונג פון „דרור" מיט דער „באראכאוו־יוגנט" איז אן איבעריקער באוויז פון דער אחריות פאר דער צייט, אין וועלכער מיר לעבן און פאר דער שליחות, וואס זיי האבן צו דערפילן פארן פאלק.

ס'איז א באוויז פון דערשאצן די דראענדיקע געפארן, וואס לויערן אויף דער פראגרעסיווער מענטשהייט און, קודם־כל, דעם יידישן פאלק. לעבן מיר דאך אין א וועלט פון צעפלאקערטער קריגס־העצע, אנגעצונדן דורך דער וועלט פון רעאקציע קעגן די לענדער פון פארשריט און סאציאלן יושר — אין דער צייט פון דעצידירנדיקן קאמף פאר אונדזערע רעכטן אויף ארץ־ישראל.

די פאראייניקונג איז א סימן, אז ביידע יוגנט־באוועגונגען האבן ארויסגעצויגן די געהעריקע מסקנות פון דער טראגישער פאר־גאנגענהייט פון אונדזער פאלק און פון דער גאנצער ארבעטנדיקער מענטשהייט.

אין דער פאראייניקונג האבן ביידע באוועגונגען אריינגעגעבן אלע זייערע רעוואלוציאנערע און חלוצישע ווערטן, אנגעזאמלטע אין משך פון דער 27־יאריקער צעטיילטקייט, אויסבילדנדיק א מאנאליט־געשלאסענע, מארקסיסטיש־חלוצישע יוגנט־ארגאניזאציע אין פוילן, וואס איר נאמען איז „פאראייניקטע חלוצישע פועלי־ציון־

יוגנט — דרור־באָרָאָכאָוו־יוגנט". אין די אַנגענומענע רעזאָלוציעס אויפֿן פֿאַראייניקונגס־צוזאַמענפֿאָר זעען מיר בולט די וועגן און דעם פֿאַרמעסט פֿון דער פֿאַראייניקטער יוגנט־באַוועגונג. די הויפּט־שטריכן זענען: זאַמלען און גרייטן פּיאָנערן פֿאַרן וויטערדיקן בוי פֿון ארץ־ישראל, קאַמף פֿאַר עליה, אומפּשרותדיקער קאַמף קעגן ענגלישן אימפּעריאַליזם, אַדורכדרינגען די יוגנט מיטן גייסט פֿון גורל־פֿאַרבינדונג פֿון יידישן פֿאָלק און זיינע אַספּיראַציעס, מיט די כוחות פֿון פּראָגרעס, מיטן ראַטן־פֿאַרבאַנד אין דער שפּיץ, קאַמפּס־פֿאַרבינדונג מיט די אַראַבישע מאַסן, קאַמף קעגן רעוויזיאָ־ניסטיש־פֿאַשיסטישע באַצילן. וועגן פּוילן לייענען מיר אין די אַנגענומענע יסודות פֿון דער פֿאַראייניקטער יוגנט־באַוועגונג:

די באַוועגונג וועט דערציען אירע חברים אין גייסט פֿון פֿאַר־ברידערונג מיט דער פּוילישער דעמאָקראַטיע. שליסט זיך אָן צוזאַמען מיטן גאַנצן יידישן ישוב אין פּוילן אינעם קאַמף, וואָס דאָס פּוילישע פֿאָלק און די פּוילישע יוגנט פֿירט פֿאַרן ווירט־שאַפֿטלעכן אויפֿבוי פֿון לאַנד און פֿאַר פֿאַרפֿעסטיקן די יסודות פֿון אומאָפּהענגיקן פּוילן פֿון אַרבעטער און פּויערים.

די פֿאַראייניקטע יוגנט־באַוועגונג זאָגט אָן פֿאַרשטאַרקטע אַק־טיוויטעט אינעם יידישן לעבן אין פּוילן. זעלבשטענדיק און דורך צוזאַמענאַרבעט מיט די יוגנט־אָפּטיילונגען ביי די יידישע קאָמיטעטן וועט די באַוועגונג זאָרגן פֿאַר אַריינפֿירן די יידישע יוגנט אין די קאָאָפּעראַטיוון און פֿאַבריקן, זאָרגן פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון יידישן שול־וועזן, אָרגאַניזירן ספּאָרט־קלובן א. אַ. וו.

די פֿאַראייניקטע באַוועגונג איז די יוגנט־באַוועגונג פֿון דער „פּועלי־ציון"־פּאַרטיי אין פּוילן, באַטראַכט זיך פֿאַר אַ טייל פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער מאַרקסיסטישער אַרבעטער־יוגנט און איז די באַוועגונג פֿון ארץ־ישראלדיקן קיבוץ־המאוחד אין פּוילן. באַזונדערס ציט די אויפֿמערקזאַמקייט אין דער רעזאָלוציע דאָס אַ סך מאָל איבערגעחזרטע וואָרט — זעלבסטפֿאַרווירקלעכונג! דאָס איז דער אָנזאָג, אַז צווישן וואָרט און טאַט קאָן נישט זיין דער מינדסטער

אויף אַן אַקטיוו־צוזאַמענטרעף פון פּועלי־ציון
דער פערטער פון רעכטס — יוסף ראָטנבערג

ריס, דאָס איז אַ פאַרבאַדינג ביים אָנגעהערן צו דער פאַראייניקטער יוגנט־באַוועגונג.

ס'איז איבעריק צו זאָגן, וואָס פאַראַ ראָל די יוגנט שפּילט ביי אַלע פעלקער. און אַוודאי איז נישט כדאי צו איבערצייגן אין דער גרויסער מיסיע, וועלכע ס'האָט די יוגנט צו דערפילן אינערהאַלב דעם יידישן פאָלק — אַ פאָלק וואָס ראַנגלט זיך פאַר זיין קיום, און וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן ענדערן זיין גאַנץ לעבן — דורך אויפבויען זיין היים אין ארץ־ישראל.

קענענדיק די רומרייכע געשיכטע פון ביידע יוגנט־באַוועגונגען, באַקענענדיק זיך מיט די וועגן און פאַרמעסטונגען פון דער פאַראייניקטער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, האָבן מיר אַ רעכט צו דערוואַרטן גרויסע רעזולטאַטן פאַר אונדזער פאָלק, פאַר די אידעאַלן פון פּועלי־ציוניזם.

(„אַרבעטער־צייטונג" נ. 20 (40) לאָדזש, דעצעמבער 1947)

טעראָר אָדער קאַמף פאַר אויפבוי

מיט אומגעדולד און אומרו דערוואַרטן מיר ידיעות פון ארץ־ישראל. זעלטן אַ טאָג זאָל נישט מודיע זיין וועגן צוזאַמענשטויסן, קאַמפן פון מעפּילים און מענטשלעכע קרבנות אין ישוב.

דער אָנהייב פון דעם אַלעם דאַטירט זיך פון פאַרעפנטלעכן דאָס טרויעריק באַרימטע ווייס־בוך, וואָס פאַרווערט יידן קויפן באָדן, באַגרענעצט ביז אַ מינימום די יידישע איינוואַנדערונג און מאַכט צונישט די האָפענונג פון מיליאָנען יידן אויף אַ זעלבשטענדיק נאַרמאַל לעבן אין ארץ־ישראל — אַ דאָקומענט, וואָס איז אין סתירה צו די ענגלישע צוזאָגן (באַלפור־דעקלאַראַציע 1917) און אין קעגנזאַץ צו די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפליכטונגען לגבי יידן. ווען מען נעמט נאָך אין באַטראַכט, אַז די ווייס־בוך געזעצן זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר, ווען היטלער האָט געגרייט זיינע טייוולאָנישע פּלענער קעגן יידן און אין רעזולטאַט פון אַנווענדן די דאָזיקע געזעצן זענען הונדערטער טויזנטער אומגעקומען — אַנטפּלעקט זיך ערשט דער פאַרנעם פון ענגלישן פאַרברעכן לגבי דעם יידישן פאָלק.

אַ טעות איז צו מיינען, אַז די אימפּעריאַליסטישע קעגנערשאַפט צו אונדזערע שטרעבונגען אין ארץ־ישראל האָט זיך אָנגעהויבן מיטן אַרויסגעבן ערשט דאָס ווייס־בוך. דער גאַנצער אַנטוויקלונגס־וועג פון יידישן ישוב איז באַגלייט פון שיקאַנעס און שטערונגען מצד דער אימפּעריאַליסטישער מאַכט.

די אימפּעריאַליסטישע מאַכט האָט דערזען אין דער יידישער איינוואַנדערונג, אין זיין פּראָגרעסיוון אַנטוויקלונגס־כאַראַקטער, אַ סטימול פאַר סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אויפברויז אויפן נאָענטן

בעתן באַזוך פון ח׳ דזש. נאַצר אין פוילן.
עס רעדט יוסף ראָטנבערג

מזרח. דאָס איז די וויכטיקסטע סיבה. וואָס האָט באַשטימט די ענגלישע קעגנערשאַפט צום יידישן אויפבוי־ווערק.

אין די מלחמה־יאָרן איז דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל געווען אַ וויכטיקע אַנטי־פאַשיסטישע פּאָזיציע אויפן נאָענטן מזרח. ניט געקוקט אויף דער ווייס־בוך־פּאָליטיק האָט דער ישוב אַרויס־געגעבן אַ פרייוויליקע, העכער דרייסיק טויזנט קעמפּער, בריגאַדע (וועגן די ענגלישע שטערונגען ביים שאַפן זי איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך). אויף אַלע פראָנט־אָפּשניטן קעגן די פאַשיסטישע אַקס־מלוכות האָט אונדזער פאָלק געגעבן אַ וואָגיקן און בלוטיקן שטייער.

האָבן מיר דעריבער אַ רעכט געהאַט צו דערוואַרטן נאָכן פאַר־ענדיקן די מלחמה, בפרט נאָכן קומען פון דער פּילצוואָגנדיקער לייבאָר־פּאַרטיי צו דער מאַכט, אַז די אַנטי־יידישע געזעצן אין ארץ־ישראל וועלן צוריקגעצויגן ווערן. דערפאַר רעדן די עלעמענ־טאַרסטע געפילן פון יושר.

שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, אַז נאָכן קריג זאָל אין דאָזיקן לאַנד ווייטער גילטן דאָס שוואַרצע ווייס־בוך, די טויערן פון ארץ־

ישראל זאָלן געשלאָסן זיין פאַר די רעשטלעך אַפּגעראַטעוועטע יידן און דערמיט זאָל מען צעשטערן זייער איינציקע טרייסט און האָפענונג.

אַרויסגעוויזן האָט זיך אַנדערש: בעווין איז געוואָרן דער קאָנ־טינואַטאָר פון דער אַלטער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק אין ארץ־ישראל און אַן איבעריק מאָל איז געוואָרן דעמאָנסטרירט, אַז יושר אין אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן זענען קעגנזעצלעכע באַגריפן.

קעגן שענדלעכן ווילקיר, אין שוץ פון אונדזערע עלעמענטאַרע רעכטן, קעמפט איצט דאָס יידישע פאָלק אין דער גאַרער וועלט, און דער אַוואַנגאַרד פון דאָזיקן קאַמף איז דער ישוב אין ארץ־ישראל. ס׳איז אַ דויערנדיקער און קרבנות־פולער געראַנגל. ס׳איז אַ קאַמף פאַר „זיין, אָדער נישט זיין״.

די וויכטיקסטע קאַמפּס־פאָרמען פון יידן אין חוץ־לארץ זענען: מיט אַלע וועגן — קיין ארץ־ישראל, און פּאָליטישער קאַמף קעגן ענגלישן אימפּעריאַליזם.

די קאַמפּס־פאָרמען פון ארץ־ישראל־ישוב זענען: באַשיצן און דערמוטיקן מעפּילים, התישבות (אַרויפגיין אויף נייעם באָדן), פאַר־שטאַרקטע אויפבוי־אַרבעט און פּאָליטישער קאַמף קעגן די אימפּע־ריאַליסטישע מושלים.

באַוווּנדערונג און דרך־ארץ רופן אַרויס ביי יידן און נישט־יידן די העלדישע מעפּילים־קאַמפן ביי די ברעגן פון ארץ־ישראל; עקל און שנאה — די אימפּעריאַליסטישע מאַכט־האָבער, וואָס שיסן צו פרויען און קינדער, שטראָמענדיקע צו זייער היימלאַנד.

שווער איז אין ווערטער אויסצודריקן, וואָס מיר פילן צום ווירדיקן און העלדישן ישוב אין ארץ־ישראל, וואָס קעמפט און בויט, וואָס ברעכט די קינסטלעך אויפגעשטעלטע צוימען צווישן ישוב און די הונדערטער טויזנטער, וואָס רייסן זיך דאָרט אַריין; צו די, וואָס גייען אַרויף אויף וויסטן באָדן און מאַכן אים גרינען, עפּענענדיק דורך דעם אַ וועג פאַר נייע טויזנטער יידישע עולים; צו דעם ישוב, וואָס קעמפט העלדיש פאַר זיין פרייהייט און אומאָפּ־

הענגיקייט, וואָס באַדייט: אומאָפּהענגיקייט און פרייהייט פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק.

פונקט ווי ביי אַלע פעלקער, אַזוי אויך ביי אונדז, האָט אין שפּיץ פון געזונטן נאַציאָנאַל-באַפרייערישן קאַמף זיך געשטעלט די אַרבעטערשאַפט צוזאַמען מיט דער חלוצים-באַוועגונג. זיי פאַר־מאָגן אויסדויער, זיי שרעקט נישט קיין רעפּרעסיעס און זיי זענען גרייט אויף קרבנות. פון זיי רעקרוטירט זיך די וווּנדערבאַרע אַרמיי, וואָס האַלט אין איין האַנט דעם סערפּ אָדער האַמער און אין דער צווייטער — אַ ביקס. אונטערן שוץ פון „הגנה" און „פּלמ"ח" גייט אָן אַן אומאויפהערלעכער שאַפונגס-פּראָצעס, אַנטשטייען נייע צענדליקער ישובים, ווערט געפירט דער קאַמף פאַר אַריינלאָזן די „אומלעגאַלע" עולים. איינעם אַקטיוון גערעגנגל פון ישוב און אין דער קאַמפס-באַוועגונג „הגנה" און „פּלמ"ח", איז דער הויפּט-נערוו אונדזער ברודער-פּאַרטיי „לאחדות-העבודה פּועלי-ציון". די פּאַרטיי, וואָס האָט אַ קאָנסעקווענטן קאַמפּס-פּראָגראַם, און טרעט אַרויס קעגן די בירגערלעך-דעפעטיסטישע שטימונגען און דעם מפּא"יאישן אָפּאָרטוניזם.

די רעוויזיאָניסטיש-פאַשיסטישע גרופּן, באַקאַנט אונטער די נעמען פון „ארגון צבאי לאומי" און „שטערן", האָבן זיך אויסגע־קליבן אַ צווייטן וועג פון קאַמף אין דער פאָרם פון אומזיניקע טעראָר-אַקטן. עטלעכע הונדערט פאַרפירטע און צעהיצטע יונגע־לייט פירן אַדורך אָנפאַלן, וואָס פאַרענדיקן זיך מערסטנס מיט ענגלישע, אַראַבישע און יידישע קרבנות. די פאַשיסטישע טעראָר־אַקציע, דאָס אומברענגען סתם ענגלענדער און אַראַבער איז אַ שווידערלעכער ווילקיר און אומפאַרציילעכער פאַרברעכן לגבי די אינטערעסן פון יידישן פאָלק. אין דער צייט, ווען דער גערעגנגל פון ישוב רופט אַרויס דורך־ארץ און סימפּאַטיע ביי אַלע פרייהייט־ליבנדיקע פעלקער, אייגשליסנדיק דאָס ענגלישע, און אויך אפילו ביי געוויסע טיילן פון סטאַציאָנירנדיקן מיליטער אין ארץ-ישראל, ווירקן די פאַשיסטישע טעראָר-אַקטן, ביי וועלכע עס פאַלן מערסטנס

בעתן באַזוך פון ח׳ מוליע אין לאָדזש.
דער פערטער פון רעכטס אין דער ערשטער ריי — יוסף ראָטנבערג

אומשולדיקע מענטשן, אָפּשטויסנדיק קעגן אונדז. נישט אייגמאָל זענען די הילכיקע באַמבען־אויפרייסן פּאָליטיש אויף דער האַנט פון דער אימפּעריאַליסטישער מאַכט, גיט אים אַ גלענצנדיקע געלעגנהייט אָנצוּוואַרפן דעם ישוב אַ מיליטערישן רעזשים.

די „אירגון“ און „שטערן“־גרופן נעמען נישט אָנטייל אין דירעקטן קאַמף ביים אָנקומען פון אומלעגאַלע עולים, און זיי זענען נישט פאַרטראָטן אין שעפערישן בוי פון לאַנד. די קרוין פון פאַשיסטישן אַוואַנטוריזם איז דער לעצטער איבערפאַל אויף דער תפיסה אין עכו. דאָרט זענען אומגעקומען 16 יידן, 9 זענען שווער און לייכט פאַרוואונדעט געוואָרן. און דאָס וויכטיקסטע: חוץ 33 יידן, זענען זיך צעלאָפן 180 אַראַבישע קרימינעלע פאַרברעכער, דערונטער פאַרמשפטע אויף אייביקער אָדער לאַנג־טערמיניקער תפיסה פאַר באַטייליקן זיך אין די אַנטי־יידן פאָגראָמען אין 1929 און 1936.

דאָס פאַרברעכערישע שטיקל אַרבעט איז אַדורכגעפירט געוואָרן גראָד אין דער צייט, ווען די ארץ־ישראל־פראַגע שטייט אין איר גאַנצער שאַרף פאַרן פאָרום פון „אונאָ“. נאָר הפקר־גרופן, וועלכע

אונטערליגן נישט די קאַמפּס־דיסציפּלין און פּאָליטיק פון ישוב, קאָנען אויף אַזעלכעס זיך דערלויבן.

די שענדלעכע ווייס־בוך געזעצן האָבן אַרויסגערופן באַרעכ־טיקטע פאַרביטערונג און קאַמפּס־ווילן ביי אונדזער פאָלק. דער דאָזיקער קאַמפּס־ווילן טאָר אָבער נישט פאַרווענדט ווערן אויף אומזיניקע פאַשיסטישע אַוואַנטורעס, וועלכע זענען מערסטנס אויף דער האַנט פון אימפּעריאַליזם.

פאַר אַ הייליקער מיסיע באַטראַכטן די פאַשיסטישע גרופּן דאָס ברעכן די העגעמאָניע פון דער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל. ווי ביי אַלע פאַשיסטישע באַוועגונגען אין דער וועלט, דינט זיי די נאַציאָנאַליסטישע פראַזעאָלאָגיע פאַר אַ דעקמאַנטל אונטער וועלכן ס׳באַהאַלט זיך פיינטשאַפט צו פּראָגרעס, צו דער סאָציאַ־ליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

פאַר דער באַוווסטזיניקער יידישער אַרבעטערשאַפט, פאַר דער אַרבעטער־יוגנט, שטייט איצט די קאַרדינאַלע אויפגאַבע פון אויפ־קלערן דעם מהות פון פאַשיזם אין דער יידישער אויפלאַגע. דער קאַמף קעגן רעוויזיאָניסטישן פאַשיזם איז אַ קאַמף קעגן דעמאָראַ־ליזאַציע, קעגן פאַרוואונדן באַרעכטיקטע שנאה צום אימפּעריאַליזם אויף אומזיניקע שעדלעכע אַרויסטרעטונגען. דאָס דערשטיקן דעם רעוויזיאָניסטישן פאַשיזם הייסט פאַרלייכטערן די מעגלעכקייט פון אויפשטעלן די קאַמפּס־איינהייט פון יידישע און אַראַבישע מאַסן קעגן געמיינזאַמען שונא, הייסט הייבן דעם אויטאָריטעט פון ישוב אין די אויגן פון דער פּראָגרעסיווער וועלט.

(„די פרייע יוגנט“, לאָדזש, מאַי־יוני 1947)

זאַמלען פּיאָנערישע כוחות

נישט קיין נביא האָט מען געמוזט זיין, כדי פאָרויסצוזען דעם איצטיקן בלוטיקן שניט אין ארץ־ישראל. צו רייך איז אונדזער דער־פאַרונג אין דאָזיקן לאַנד, אַז דער אויסגעבראָכענער „פאָלקס־צאָרן" פון אַראַבער זאָל אונדז איבעררשאַן. ס׳איז מער ווי קלאָר געווען, אַז יעדער באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער, וועלכער וועט אָנערקע־נען די רעכט פון יידישן פאָלק און עפענען מעגלעכקייטן פאַר ווייִ־טערדיקן בוי, וועט זיין אַ סיגנאַל פאַר אַ פאַרשטאַרקטער העצע מצד דער אַראַבישער רעאַקציע און ענגלישן אימפּעריאַליזם. קלאָר, דער יידן־פריינדלעכער און מענטשלעכער באַשלוס האָט נאָך נישט באַדייט די תיכפדיקע ליקווידאַציע פון יענע כוחות, וואָס שטשירען מיט די ציין זינט מיר האָבן אַנטפּלעקט אונדזער שעפערישע פּאָטענץ אין לאַנד.

באַלד נאָכן אונאָ־באַשלוס האָבן ענגלישע מלוכה־מענער פּאָרזיכערט, אַז זיי וועלן זיך צו דער צייט און אפילו נאָך פריער אַרויסציען פון ארץ־ישראל, נאָר איין „קלייניקייט" האָבן זיי געהאַלטן פאַר נויטיק צוצוגעבן, אַז נאָכן אַרויסציען זיך פון לאַנד, זעען זיי פאַר אַ בלוטיקן כאַאָס. זיי האָבן עס, פאַרשטייט זיך, גע־זאָגט צוליב „טיפער זאָרג" פאַר די בירגער פון ארץ־ישראל. מיר האָבן שטענדיק זיך באַצויגן מיט גרויס רעזערוו צו דער לאָיאַליטעט פון די ענגלישע מיניסטאָרן. קענענדיק זייערע אינטערעסן אין ארץ־ישראל, האָבן מיר תמיד אין די דאָזיקע דעקלאַראַציעס געזען אַ צביעותדיקע פאָרם פון באַהאַלטן זייערע אמתע כוונות. דאַקעגן האָבן מיר שוין גאָר גרויסן פאַרטרויען צו זייערע שוואַרצע נביאותן, און באַזונדערס — אויב ס׳גייט אין דער דורכפירונג פון די „אונאָ"־

באַשלוסן. ווער אויב נישט ענגלאַנד, קאָן אַזוי גוט וויסן, צי ס'וועט זיין רויק אָדער אומרויק אין לאַנד?...

די צוויי־חדשימדיקע פּראַקטיק נאָך דער דעציזיע פון די פאַראייניקטע פעלקער, האָט אונדז געליפערט גענוג זאַכלעכע באַווייזן, וואָס באַקרעפטיקן אונדזער באַציונג צו ענגלישע דערקלערונגען. גענוג אַרויסצוהייבן כאָטש עטלעכע פאַקטן, ווי דאָס נישט צולאָזן די „אונאָ"־קאָמיסיע צו דערפילן אירע אַרבעטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט רעאַליזירן די באַשלוסן פון 29־טן נאָוועמבער, דאָס נישט אָפּרייניקן אַ פּאָרט פאַר יידישער אימיגראַציע א. א. וו. — בכדי צו האָבן אַ בילד, וויפל צביעות האָט געשטעקט אין דער דערקלערונג פון קאָלאָניע־מיניסטער וועגן ענגלישע אינטערעסנלאָזיקייט אין ארץ־ישראל און מכלומרשטן ווילן לאָיאַל אויסצופירן די באַשלוסן פון די פאַראייניקטע פעלקער. דאַקעגן האָבן ענגלישע מיניסטאָרן די פולע רעכט צו טריומפירן, אַז זייער פּראָגנאָז וועגן אומרוען האָט שוין איצט אַ גענוגנדיקע בלוטיקע דעקונג. העכער 2.000 געהרגעטע אין פאַרוואונדעטע פוןביידע זייטן, אויפגערייצטע שטימונגען, באַוואָפנטע צוגרייטונגען אין די אַראַבישע לענדער און אַנד., און דאָס אַלץ — נאָך איידער ענגליש מיליטער האָט פאַרלאָזן דאָס לאַנד. דאָס פאַרגאָסענע בלוט איז ענגלאַנד נויטיק געוועזן איידער ס'קומט דער טערמין פון פאַרלאָזן דאָס לאַנד, כדי צו באַווייזן פאַר דער „אונאָ"־קאָמיסיע און פאַר דעם זיכערהייטס־ראַט, אַז באַשלוס איז טאַקע באַשלוס, אָבער ער וועט זיך נישט לאָזן אַדורכפירן אין לעבן.

וועט ענגלאַנד האָבן דערמיט דערגרייכט איר ציל? ענטפערן מיר מיט דער פולסטער זיכערקייט, אַז ניין. קיינעם פון די לענדער, וועלכע האָבן אויפריכטיק געשטימט פאַר אַזאַ לייזונג פון ארץ־ישראל־פּראָבלעם, וואָס האָט גלייכצייטיק באַדייט אַ שווערער אורטייל אויף דער פאַרברעכערישער פּאָליטיק פון ענגלאַנד אין ארץ־ישראל, וועלן די אומרוען נישט איבערצייגן, אַז די באַשלוסן זענען נישט רעאַליזירבאַר. פאַרקערט, די געשעענישן האָבן נאָך מער פאַרטיפט דאָס באַוווסטזיין ביי די דאָזיקע לענדער, ווי נויטיק ס'איז, אַז

ענגלאַנד זאָל פאַרלאָזן דאָס לאַנד. זיי זענען נאָך רייכער געוואָרן מיט זאַכלעכע באַווייזן וועגן דער ראָל פון ענגלאַנד אין ארץ־ישראל, אַז נישט נאָר וואָס ענגלאַנד האָט זיך נישט באַמיט די געשעענישן אויסצומיידן, נאָר אַלע פעדעם פון די אומרוען ציִען זיך פון דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע אין לאַנד.

פראַנק און פריי האָבן זיי דערלויבט צו פירן דעם מופטי און דער אַראַבישער עקזעקוטיווע אַן אויפהעצנדיקע טעטיקייט קעגן יידן און די באַשלוסן פון „אונאָ". אין דער זעלבער צייט האָט מען געגנישטערט אין יידישע הייזער צונעמענדיק דאָס געווער, אַרעסטירט חברים פון דער „הגנה", וויסנדיק אויסגעצייכנט, אַז דאָס געווער און די „הגנה" איז באַשטימט אויף אויסשליסלעכע פאַרטיידיקונג־צוועקן. צענדליקער פאַקטן זענען פאַראַן, וואָס באַווייזן, אַז בעת אָרגאַניזירטע אַראַבישע אָנפאַלן איז דאָס ענגלישע מיליטער נעלם געוואָרן. עס האָט זיך באַוויזן ערשט דאַן, מיט די „נייטראַלע" אָנפאַלן אויף דער „הגנה", ווען די לעצטע האָט זיך געשטעלט אין פאַרטיידיקונג פון די באַפאַלענע. אַ באַדייטנדיקע צאָל אומגעקומענע יידן זענען דירעקטע קרבנות פון ענגלישע קוילן. פאַראַן פאַלן, אַז די „הגנה", צונעמענדיק געווער ביי אַראַבער, האָט דערקענט, אַז דאָס זעלבע געווער איז געוואָרן צוגענומען דורך ענגליש מיליטער ביי דער „הגנה". די ענגלענדער האָבן אַריינגעפירט דעם אַראַבישן לעגיאָן פון עבר הירדן, וועלכער איז געווען דער ערשטער אָנפאַלער אויף די וועגן תל־אביב — ירושלים.

דער אָרגאַניזירטער ישוב, די „הגנה", האָבן געטאָן אַלץ, כדי אויסצומיידן פּראָוואָקאַציעס. זיי האָבן אינטערווענירט נאָר אין נויטפאַלן, באַגרענעצט זייערע אַקציעס צו אויסשליסלעכער פאַרטיידיקונג. ביי יעדן אָרגאַניזירטן ענטפער אויף אַן אַראַבישן אָנפאַל, האָט די „הגנה" באַוויזן, אַז זי שטייט אויף דער הויך פון אירע אויפגאַבן, וועלכע ס'האָט איר אָנפאַרטרויט דער ישוב און דאָס יידישע פאָלק. די אַראַבישע רעאַקציע באַמיט זיך אויסצובאַהאַלטן

די צאָל פון אירע קרבנות, כדי נישט אַוועקצונעמען דעם חשק ביי אירע פּאַרפּירטע צו קעמפן קעגן דער „הגנה".

פון די ידיעות איז צו זען, אַז לעצטנס איז די „הגנה" איבער־געגאַנגען צו אַ נייער פאַזע פון קאַמף, וואָס דריקט זיך אויס אין אויסגעפינען די אַראַבישע שלאַנג־נעסטן וואָס פאַרשפּרייטן גיפטיקע העצע. בולטע ביישפּילן דערפון זענען: דאָס אויפרייסן אין יפו די הויפּט־קוואַרטיר פון נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, ווו ס'זענען אומגעקומען 20 באַקאַנטע כוליגאַנעס און דאָס אויפרייסן דעם האָטעל „סעמיראַמיס" אין ירושלים, ווו ס'זענען געפאַלן צענדליקער באַנדעס־אָנפירער און צווישן זיי דער שפּאַנישער קאָנסול. די אָנוועזנדיקייט פון דעם פאַרטרעטער פון דער „באַקאַנטער" פאַשיסטישער מלוכה, איז אַ בולטער באַווייז, וואָס פאַראַ געזעלשאַפט ס'האָט זיך דאָרט גע־פונען, און איז אַ סימפּטאָם פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַשיס־טישער איינגערענץ אין די געשעענישן.

די „הגנה" האָט אָבער נישט געענדערט איר קאַמפס־כאַראַקטער. זי קאָנטינוירט ווייטער דעם פון פריער אָנגעצייכנטן וועג פון באַשיצן די דערגרייכונגען אין ארץ־ישראל, באַווייזנדיק גלייכצייטיק ביי יעדער געלעגנהייט פריינדשאַפטלעכע באַציונג צו די אַראַבישע פאָלקס־מאַסן. ביי דער געלעגנהייט דאַרפן געשטעלט ווערן צום שאַנד־סלופּ די פּראָוואָקאַטאָרישע האַנדלונגען פון דער אצ"ל־גרופּע, וואָס האָט געהאַט איר באַזונדערן אויסדרוק אין וואַרפן די באָמבע ביי דער נאַפט־ראַפינעריע אין חיפה — אַן אַרויסטריט וואָס איז געווען, אַ חוץ אַ כשרע מציאה פאַר די אַראַבישע און ענגלישע רעאַק־ציאָנערע העצער, אויך אַ סיבה פון אַ טראַגישן אומקום פון 40 אומשולדיקע יידישע אַרבעטער. דער דאָזיקער פאַל דאַרף אַן איבע־ריק מאָל דינען פאַר אַן ערנסטער וואָרענונג, וואָס ס'דראָט דעם ישוב מיט דער עקזיסטענץ פון דער רעוויזיאָניסטישער־פאַשיס־טישער גרופּע.

די געשעענישן אין ארץ־ישראל נאָכן באַשלוס פון די פאַר־אייניקטע פעלקער, האָבן נאָך מער פאַרטיפט דעם אַנטי־אימפּער־

יאַליסטישן באַוווסטזיין ביים יידישן פאָלק. אַן איבעריק מאָל האָבן מיר זיך איבערצייגט, אז פון דער זייט פון אימפעריאַליזם האָבן מיר אַ חוץ שטערונגען אין אונדזער באַפרייונג־קאַמף גאָרנישט וואָס צו דערוואַרטן. און דאָס נישט בלויז פון ענגלישן אימפעריאַ־ליזם. אויך אַמעריקע, וועלכע האָט געשטימט פאַר אויפשטעלן די יידישע מלוכה, שווייגט, ווען ס׳ווערט געטראָטן מיט די פיס דער דער „אונאָ״־באַשלוס. אויף דער פאָדערונג פון דער יידישער אַגענץ אַריינצושיקן אינטערנאַציאָנאַל מיליטער אין דער איבערגאַנגס־תקופה, איז געקומען פון אָפיציעלע אַמעריקאַנער פאָרשטייער אַן אָפזאָגנדיקער ענטפער, וואָס איז אַ בפירושדיקער באַווייז פאַר דער דאָפּלטער שפּיל, וועלכע ס׳פירט דער אַמעריקאַנער אימפעריאַליזם.

די איינציקע וואָס האָבן זיך נישט קיין וואָקל געטאָן אין דער פראַגע פון אויספירן די התחייבותן, וועלכע דרינגען ארויס פון די „אונאָ״־באַשלוסן — דאָס זענען ראַטן־פאַרבאַנד און אַנדערע פּראָגרעסיווע לענדער. צו זיי מוזן זיין געווענדעט אונדזערע בליקן אין אונדזער שווערן געראַנגל פאַר פרייהייט.

ליידער זענען נאָך פאַראַן פאַלשע טענדענצן אין דער ציוניסטי־שער לייטונג, וואָס פרווט נאָך אַלץ שפּינען האָפענונגען אויף ענגלאַנד און אַמעריקע. אַן אַקט פון פּראָטעסט קעגן דעם איז געווען דער אַרויסטריט פון משה סנה פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. פון זיינע פאַרעפנטלעכטע דער־קלערונגען איז צו זען, אַז ער האָט נישט געקאָנט מסכים זיין מיטן פּאָליטישן וועג פון דער איצטיקער ציוניסטישער אָנפירונג, מיט דעם פירן געשעפטן מיט לאָנדאָן און נאָכקומען די פאָרלאַנגען פון ענגלאַנד און אַמעריקע בנוגע אָפּשטעלן די העפלה און באַזונדערס פון די מזרח־אייראָפּעישע לענדער, פון וואַנען, לויט די דערקלע־רונגען פון ענגלאַנד און אַמעריקע, עס קומען קיין ארץ־ישראל „נישט געוווּנטשענע״ עלעמענטן. די פאָדערונג איז אַ פאָרשפּיל צו וועלן פאַרוואַנדלען די יידישע מלוכה אין אַ פאַרקויפטער צו אַמעריקע.

די חלוצישע טײלן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָבן אָבער געענטפערט מיט אַ נײַער כוואַליע פון מעפּילים־שיפן. בלויז פון בולגאַרישן פּאָרט בורגאַס זענען אָפּגעשווימען 15.000 מעפּילים — דאָס איז געווען אַן ענטפער די יעניקע, וועלכע ווילן אָנוואַרפן אַ „וועג" אין אונדזער באַפרייונגס־קאַמף, און אַ באַווייז, אַז אויך די בלוטיקע געשעענישן אין ארץ־ישראל זענען נישט ביכולת צו ברעכן אונדזער אומגעהויערן ווילן צו באַפרייען אונדזער פאָלק און לאַנד.

אינעם אויסגאַנג פון העראָישן קאַמף, וועלכן ס'פירט איצט דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל, זעען מיר די צוקונפט פון גאַנצן יידישן פאָלק. מיר זענען זיכער, אַז דער אויסגאַנג פון דעם דאָזיקן קאַמף וועט זײַן לטובת אונדזער גערעכטער זאַך, ווײַל אַלס באַשטאַנד־טייל פון אַלגעמיינעם פרייהייטס־קאַמף אין דער וועלט דערוואַרטן מיר די ווייטערדיקע אונטערשטיצונג פון די פּראָגרעסיווע כוחות פון דער וועלט, פון די כוחות, וועמען ס'געהערט אָן שום ספק די צוקונפט.

מיר דאַרפן זיך אָבער צום וויפלסטן מאָל זאָגן, אַז אונדזערע ביז איצטיקע דערגרייכונגען זענען קודם כל אַ רעזולטאַט פון אונדזער אַקטיווער חלוצישער טאַט. די אייגענע טאַט איז ווייטער דער מאָטאָר, וואָס קאָן דערפירן אונדזער פאָלק צו פולשטענדיקער אויסלייזונג. די פרייוויליקע יידישע מאָביליזאַציע, וואָס איז דורכ־געפירט געוואָרן אין ארץ־ישראל, סיי צום געווער און סיי צו אַרבעט, פאַרפליכטעט אויך אונדז אַלעמען, ווײַל דאָס איז אַ קאַמף פון זײַן אָדער נישט זײַן פון אונדזער גאַנץ פאָלק, און נישט בלויז פון א"י־ישוב, ווי אַ טייל ווילן זיך און אַנדערע אײַנרעדן. די מאָבילי־זאַציע דאַרף זיך אויסדריקן אין זאַמלען פינאַנצישע קרעפטן און מאַטעריעלע ווערטן פאַר ווייטערדיקן בוי פון לאַנד, פאַר פאַר־שטאַרקן די שוץ־פעיקייט פון ישוב. מיר זענען פאַרפליכטעט אָנצוהייבן אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע קאַמפּאַניע, אויך אויסער דעם יידישן סעקטאָר, פאַר מאָראַלישער און מאַטעריעלער הילף.

צוגלייך מיט אַלע יידישע ישובים אין דער וועלט, האָט אויך אונדזער ישוב אין פּוילן פּראָקלאַמירט די אַקציע. די קאַמפּאַניע מוז אַרומנעמען יעדן ייד, יעדן יוגנטלעכן אין פּוילן. יעדער אַרויס־ברוך אָדער נישט דערשאַצונג באַדייט פאַרראַט פון אייגענעם פאָלקס־אינטערעס. די גאַנצע יידישע יוגנט מוז דעריבער אין דער גרויסער פאָלקס־אָנשטרענגונג אַרויסווייזן די גרעסטע אַקטיוויטעט און אַריינטראָגן איר וואָגיקן חלק אין אונדזער גרויסן פאָלקס־קאַמף.

(„פלאַמען“ נ. 2, לאָדזש, פעברואַר 1948)

אויפן ראַנד פון דער לאַנד־באַראַטונג פון דער יוגנט

דעם 22־טן און 23 דעצעמבער פ. י. איז פאָרגעקומען אין וואַרשע אַ לאַנד־באַראַטונג פון יוגנט־טוער ביי די יידישע קאָמיטעטן אין פוילן. געקומען זענען העכער 100 דעלעגאַטן, פאָרשטייער פון סטודענטן־קרייזן, עלטערע קלאַסן פון די יידישע שולן, בורסעס, אינטערנאַטן, ספּאָרט־קלובן, אַרבעטנדיקע יוגנט א. אַ. וו.

צו דער קאָנפערענץ זענען אויך איינגעלאַדן געוואָרן פאָר־שטייער פון אַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע ווירקן צווישן דער יידישער יוגנט אין לאַנד.

לאַנד־באַראַטונגען פון דעם כאַראַקטער זענען אין משך פון דער צייט, וואָס די יוגנט־אָפּטיילונגען עקזיסטירן פאָרגעקומען עטלעכע: אַ קאָנפערענץ פון יוגנט־אָפּטיילונגען, לייטער פון בורסעס א. אַ. וו.

די איצטיקע באַראַטונג האָט זיך אונטערשיידט דערמיט, וואָס זי האָט אַרומגענומען אַלע געביטן פון טעטיקייט, וועלכע עס פירן די יוגנט־אָפּטיילונגען אין לאַנד. דער ציל פון דער קאָנ־פערענץ איז געווען אָפּשאַצן די אַרבעט פון דער פאַרגאַנגענהייט און צייכענען די וועגן פאַר דער צוקונפט.

פאַרשטענדלעך, אַז די לאַנד־באַראַטונג פון דער יוגנט האָט אַרויסגערופן אַ גרויס פאַראינטערעסירונג. ווו, אויב נישט אויף אַזאַ צוזאַמענטרעף פון יוגנט, קאָן אַ קולטור־טוער באַרויקן זיין נייגיר, צי ס׳וועט זיין אַ יידישער קולטור־המשך? ווו, אויב נישט ביי אַזאַ געלעגנהייט, קאָן מען דערקענען דעם צוקונפטיקן עקאָנאָמישן, פּאָ־ליטיש־געזעלשאַפטלעכן אויסזען פון יידישן ישוב אין פוילן?

ס׳האָט זיך געפילט אַ סך יוגנטלעכע פרישקייט און דערביי אַ

געזונטע ערנסטקייט צו די פּראָבלעמען, וועלכע זענען פאַר דער קאָנפערענץ אַוועקגעשטעלט געוואָרן. די ערנסטקייט איז קענטיק געווען סיי אין די אַרויסטרעטונגען און סיי לויטן אינטערעס פון די צוהערער. ווען מען פרוווט פאַרגלייכן דעם אויסזען פון דער דאָזיקער יוגנט צום אויסזען פון דער זעלבער יוגנט אין יאָר 1945, האַרט נאָך אונדזער גרויסן פאָלקס־חורבן, האָט מען אַן אמתע סאַטיספאַקציע.

צו דער קאָנפערענץ איז די צענטראַלע יוגנט־אָפּטיילונג געקומען מיט אַ היפשן צעטל פון דערגרייכונגען: העכער אַכט הונדערט יוגנטלעכע אין די בורסעס, וועלכע זענען טעטיק אין צוועלף שטעט פון לאַנד. אָרגאַניזירטע סטודענטן־קרייזן אין אַ צאָל פון 15 הונדערט אין אַלע אוניווערסיטעטס־שטעט, פון וועלכע די נויט־באַדערפטיקע סטודענטן באַקומען הילף אין דער פאָרם פון חודשלעכע סטיפּענדיעס. די יוגנט־אָפּטיילונגען פּראָפּאַגירן און שטיצן פאַך־אויסבילדונג פון דער יידישער יוגנט. אין רעזולטאַט פון פלעגן ביי דער יוגנט דעם ווילן צו זיין מיטבאַטייליקט אין פאַרווירקלעכן די ווירטשאַפטלעכע פּלענער פון דעמאָקראַטישן פּוילן זענען אַרויס־געוואַקסן צענדליקער שלאָגלער פון אַרבעט. אין אַ ריי שטעט פון לאַנד האָבן די יוגנט־אָפּטיילונגען אָרגאַניזירט ספּאָרט־קלובן, ס׳זענען אַדורכגעפירט געוואָרן ברייטע פּאָליטישע אַקציעס.

ס׳זענען אויך געווען שאָטן־זייטן אין דער אַרבעט. זייער בולט זענען זיי אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך די טוער פון דער צענטראַלער יוגנט־אָפּטיילונג, ווי אויך דורך די אָנטיילנעמער אין דער באַראַטונג. אין אַ טייל ערטער זענען די אָפּטיילונגען ביוראָקראַ־טיזירט געוואָרן, זיי פירן נישט אָן מיטן יוגנט־לעבן, און פאַרנעמען זיך בלויז מיט פאַרטיילן שטיצע.

אין דער דיסקוסיע האָבן אויך חברים פאַררעכנט צו די מינוסן דעם פאַקט, וואָס דער יוגנט־אָפּט. איז נישט געלונגען אויפצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט די עקזיסטירנדיקע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, אין דער פאָרם פון פאַרשטענדיקונגס־קאָמיסיעס, נישט געקוקט דערויף, וואָס ביי די פאַרשידענע געלעגנהייטן האָבן זיך די דאָזיקע קאָמיס־

יעס אַרויסגעוויזן פאַר אַ מאָביליזירנדיקן פאַקטאָר (רעפערענדום, סיים־וואַלן, אויפבוי פון וואַרשע, דענקמאָל, „הגנה" א. אַ. וו.). ס'איז אויך באַרירט געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון אַריינפירן די יידישע שפּראַך אין די יוגנט־היימען ווי בכלל צווישן דער יידישער יוגנט. איז דען אַ צופאַל, אַז אויף דער קאָנפערענץ האָט אַ דיסקוטאַנט (אַ סטודענט) דערקלערט, אַז מען דאַרף נישט מאַכן אַזאַ ווען, וואָס די יוגנט רעדט נישט קיין יידיש, דאַקעגן דאַרף מען מער מאַכן אַן ענין דערפון, וואָס אַ טייל יידישע יוגנט באַהערשט נישט די פּוילישע שפּראַך? דאָס פּאַרדריסלעכסטע איז, וואָס נאָר יחידים האָבן דערויף רעאַגירט. עקזיסטירט דען אין פּוילן אַ געפאַר, אַז די יידישע יוגנט וועט נישט קענען קיין פּויליש?

דאָס נישט אַרויסטרעטן ענערגיש קעגן דאַזיקן געדאַנקען־גאַנג גיט אַ געלעגנהייט פאַר פאַלשע אינטערפּרעטאַציעס צווישן דער יידישער יוגנט.

צו די מינוסן פון דער פאַרגאַנגנהייט פאַררעכענען מיר דעם פאַקט, וואָס צום גרויסן שטראָם פון דער יידישער יוגנט, פאַרזענלעך אַנטיילצונעמען אינעם פאָלקס־קאַמף פאַר ארץ־ישראלדיקע שטרעבונגען קעגן אימפּעריאַליזם, זענען די יוגנט־אָפּטיילונגען געווען שטילע עדות. אויף דער קאָנפערענץ האָט מען אָפּט געהערט אָנרופן דעם דאַזיקן שטראָם — אַלס גאַנצן — בהלה. דער דאַזיקער פאָרוואורף אויפן אַדרעס פון דער יוגנט, וואָס האָט געבראָכן ענגלישע צוימען, דערגאַנגען צו ברעגעס פון ארץ־ישראל און זיך איינגעשלאָסן אין די רייען פון „הגנה" און פּלמ"ח, איז ווייט נישט קיין ריכטיקער. ס'איז שווער תופס צו זיין מיטן נאָרמאַלן געדאַנק, אַז פון איין זייט זאָל מען אונטערשטיצן אין עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען און בעת געלט־אַקציעס דעם אַנטי־אימפּעריאַליס־טישן קאַמף פון ישוב, פון דער „הגנה", און פון דער צווייטער זייט, נישט דערשאַצן דעם ווערט פון דער קרבנות־גרייטער יוגנט, וועלכע איז אַוועק פּערזענלעך פאַרווירקלעכן די אידעען פון דער „הגנה".

אַוודאי זענען אויך געווען רעאַקציאָנערע עלעמענטן, וועלכע האָבן געפּרעדיקט פאַרלאָזן פּוילן אַלס רעזולטאַט פון פּיינטשאַפט צו איר נייעם, פּראָגרעסיוון וועג. די אָ עלעמענטן זענען אונדז נישט בלויז פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט פרעמד, ווייל דער ריכטיק פאַרשטאַנענער נאַציאָנאַל־באַפרייערישער קאַמף פון יידישן פאָלק איז ענג פאַרבונדן מיט דעם וועג אויף וועלכן עס שפּאַנען די פאָלקס־דעמאָקראַטישע מלוכות.

דאָס באַרעכטיקט אָבער נישט אונטערצושאַצן דעם אין תוך גענומען געזונטן נאַציאָנאַל־באַפרייערישן קאַמפּס־ווילן, וועלכער האָט זיך באַזונדערס דערוועקט נאָכן לעצטן קריג און וואָס האַלט נאָך ווייטער אָן.

אין דער דיסקוסיע האָט מען אָפט געהערט אַרויסזאָגונגען, ווי ס׳דאַרף זיין אונדזער באַציונג צום קאַמף אין ישראל. מער ווייניקער איז דער אינהאַלט אַזעלכער: „מיר האָבן תמיד און מיר וועלן אויך ווייטער שטיצן די פרייהייטס־קאַמפן אין גריכנלאַנד, שפּאַניע, אינדאָנעזיע, ישראל א. אַ. וו.״ דער ענטפער פון די פאַר־שטייער פון דער באַראָכאָוו־יוגנט איז געווען: אין גריכנלאַנד, שפּאַניע א. אַ. וו. פירן דעם קאַמף קודם כל די פעלקער אַליין און די פּראָגרעסיווע כוחות פון אַלע פעלקער העלפן צו. דאַקעגן אין ישראל זענען דאָך פאַר אַלעם מיר, דאָס יידישע פאָלק, די טרעגער פון קאַמף. אָט מיט דעם באַוווסטזיין דאַרפן לעבן יידישע יוגנטלעכע.

מיר האָבן דעריבער אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז בעתן צוזאַ־מענשטעלן די רעזאָלוציע, וואָס דאַרף דינען ווי אַ באַזע פאַר דער־ציונג, דאַרף דער ישראל־קאַמף באַריקזיכטיקט ווערן אין דער מאָס, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די באַציונג, וואָס יידישע יוגנט דאַרף האָבן צום קאַמף, וואָס עס פירט זיין אייגן פאָלק. לייענענדיק די פאַרעפנטלעכטע רעזאָלוציעס אינעם „נייעם לעבן״ מוזן מיר מיט באַדויערן פעסט־שטעלן, אַז דער דאָזיקער מאָמענט האָט ווייט נישט באַקומען זיין באַרעכטיקטן אָרט.

אויף דער באַראַטונג זענען אָנגענומען געוואָרן ריכטליניעס פאַר דער אַרבעט פון די יוגנט־אָפּטיילונגען אין דער צוקונפט, וואָס אירע הויפּט־שטריכן זענען: פאַרשטאַרקן דעם אָנטייל פון דער יוגנט אינעם בויען דעם יידישן ישוב אין פּוילן. גרויס געוויכט דאַרף געלייגט ווערן אויף דער אַרבעטנדיקער יוגנט. די יוגנט־אָפּ־טיילונגען דאַרפן שיצן די יוגנט קעגן עקספּלאָאַטאַציע, וועלכע האָט נאָך לײדער אַן אָרט אין אונדזערע קאָאָפּעראַטיוון. מען דאַרף דער דאָזיקער יוגנט דערמעגלעכן זיך צו פאַרנעמען מיט קולטור־אַרבעט. די יוגנטלעכע שלאָגלער דאַרפן אַרומגענומען ווערן מיט אַ ספּעציעלער וואַרעמקייט. די יוגנט־אָפּטיילונגען דאַרפן שטיין אין ענגער פאַרבינדונג מיט די קולטור־געזעלשאַפטן און אויס־ברייטערן זייער געזעלשאַפטלעכע באַזע; ס׳דאַרפן אין איר אַרײנ־גיין פאַרשטייער פון דער אַרבעטנדיקער יוגנט, סטודענטן, שילער, סקויטן און יוגנט־היימען א. אַ. וו.

די קאָנפערענץ האָט אויסגעהערט אַ רעפעראַט פונעם ח׳ שקליאַר וועגן דער קולטור־דערציערישער אַרבעט אין די יוגנט־היימען. צוו. אַ. האָט ער געזאָגט, אַז די קולטור־דערציערישע אַרבעט דאַרף זיין אונטערגעאָרדנט דער אויפגאַבע פון דערציען אַ נייעם טיפּ מענטש, אַ ווירדיקן בויער פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט און איינשליסן די יידישע יוגנט אינעם אַלגעמיינעם אויפ־בוי־פּראָצעס. דער רעפערענט האָט אויך גערעדט וועגן פלאַנצן ביי דער יוגנט ליבע צום אייגענעם פאָלק און צו זיין פאַרגעשריטענער קולטור, דערוועקן ביי איר נאַציאָנאַלן שטאָלץ, באַקענען מיט די העראָישע פרייהייטס־קאַמפן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, אָנהייבנדיק פון די מכבייער, בר גיורא, בר כוכבא און ענדיקנדיק מיט די יידישע העלדן פון הינטער סטאַלינגראַד, פון די פּוילישע, אוקראַינישע, ווייסרוסישע וועלדער, פון וואַרשעווער געטאָ, פון „הגנה" און פלמ״ח.

הגם דער רעפעראַט פון ח׳ שקליאַר איז געגאַנגען אונטערן נאָמען „די קולטור־דערציערישע אַרבעט אין די יוגנט־היימען" פּרעטענדירט ער צו דינען אַלס באַזע פאַר דער דערציונג פון דער

יידישער יוגנט בכלל. אויב עס גייט וועגן ערשטן טייל פון רעפע־ראַט האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, קיין שום באַוואָרעניש, ווייל דערציען אינעם מאַרקסיסטישן גייסט, איבערבויען דעם געזעל־שאַפטלעכן סדר פון לעבן, איז דאָך אונדזער לעבנס־אינהאַלט; ווייל דער פּרינציפּ, אַז די דערציונג דאַרף נישט זיין אָפּגעריסן פון קאָנ־קרעטן טאָט, (וואָס אויף דעם פּאָן פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער ווירקלעכקייט הייסט עס זיין מיטבאַטייליקט אין אויספירן די ווירט־שאַפטלעכע פּלענער, אָנטיילנעמען אין סאָציאַליסטישן פאַרמעסט) איז פאַר אונדז מער ווי זעלבסטפאַרשטענדלעך. דאַקעגן פעלט קאָנ־סעקווענטקייט אין דעם טייל פון דעם רעפערענטס דערציערישע אָנווייזונגען, ווו ס׳רעדט זיך וועגן אייגענעם פאָלק.

וואָס הייסט פלאַנצן ליבע צום אייגענעם פאָלק? באַקענען אים מיט די פּריוויליטס־קאַמפּן, אָנהייבנדיק פון מכבייער, בר גיורא, ענדיקנדיק ביי די העלדן פון סטאַלינגראַד, פון די פּוילישע, ווייסרו־סישע, אוקראַאינישע וועלדער, „הגנה", פלמ״ח? אין דער גאַנצער וועלט, ביי אַלע פעלקער איז אָנגענומען, אַז מען הייבט אַרויס געזונטע געשיכטלעכע עטאַפּן פון פאָלק און זיינע העראָישע געשטאַלטן, מען דערציט אויף זיי די יוגנט, כדי זי אָנרעגן צו דעם זעלביקן העראָיזם, ווען דאָס פאָלק נויטיקט זיך אין אים. ווי וועט אַ פּראָגרעסיווער היסטאָריקער אָפּשאַצן, ווען ער וועט לייענען, אַז אין יאָר 1948 רעקאָמענדירט מען יוגנט זיך בלויז צו באַקענען מיט דער מכביישער העלדישקייט פון דער הגנה... מכבייער, בר כוכבא, סטאַלינגראַד א. אַ. וו. זענען געשיכטע, אויף וועלכע מען דאַרף יוגנט דערציען.

אין דער תקופה פון דער „הגנה", וואָס ווערט פון ח׳ שקליאַר פאַררעכנט צו די פּראָגרעסיווע און העראָישע קאַמפּן פון פאָלק, איז מער ווי ווייניק דער אויסדרוק באַקענען...

דערציונג מוז באַקומען אַ פּראַקטישן תיקון. אויב נישט — איז עס אַן אַבסטראַקציע, וואָס יוגנט, ווי באַוווּסט, האָט אַזוי נישט ליב.

(„אַרבעטער־צייטונג", נ. 1 (56) לאָדזש, יאַנואַר 1948)

הקדמה צו י. זרבבלס בוך „בלעטער פון אַ לעבן״

„בלעטער״ פון י. זרבבל — איז פאַר דער פרץ־ביבליאָטעק אין תל־אביב דער אָנהייב פון איר פאַרלעגערישער טעטיקייט.

די, וואָס האָבן בשעתו אויפגעשטעלט אונדזער פרץ־ביבליאָטעק, האָבן פאַר איר לכתחילה אָנגעצייכנט ברייטערע אויפגאַבן ווי בלויז אויסבאַרגן ביכער צום לייענען. איר אויפקום האָט אָנגעזאָגט — אַלזייטיקע קולטור־דינסט פאַר איינגעזעסענע און נייע עולים, אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, דערציִעגנע און דערהויבענע אויף די אוצרות פון יידישן שאַפן אין ביידע שפּראַכן — אין יידיש און עבֿרית.

דורך אַ נעץ פון ביבליאָטעקן, פאַרלעזונגען, קינסטלערישע אָוונטן, וואָס הייבן אַרויס דערגרייכונגען פון יידישן שאַפן, דער־מוטיקן יונגע טאַלאַנטן — פאַרווירקלעכן מיר אונדזער שליחות.

אין משך פון דריי צענדליק יאָר האָבן מיר געפּלאַנצט פּיעטעט פאַר שאַפן פון דורות אין יידיש; אונדזער באַשלוס צוצוטרעטן צו אַ פאַרלעגערישער טעטיקייט פאַרקיילעכיקט די ראַם.

*

אַ כבוד איז פאַר דער פרץ־ביבליאָטעק די הסכמה פון חבר זרבבל, אַז מיר זאָלן עס זיין די אַרויסגעבער פון זיינע צוויי בענדער „בלעטער פון אַ לעבן״.

העכער צוויי דורות באַאיינפלוסט זרבבל יידיש לעבן איבער דער גאַרער וועלט מיט זיין כישופדיקן וואָרט בעל פה און בכתב. ער איז געווען ביים היסטאָרישן בראשית פון פאָלטאַווע, מיטגעהאָלפן אויסהאַמערן די לוחות־הברית פון אַרבעטער־ציוניזם.

די בכורה פון פאַלטאַווער גערדאַנקען־בנין — געהערן באַראַ־כאַוון; אין דעם, וואָס פאַלטאַווער אינהאַלט איז געוואָרן אַ קנין פאַר יידן איבער לענדער און קאָנטינענטן, האָט גאָר אַ גרויסן, אפשר דעם גרעסטן חלק — זרבבל.

די שפּעטער פון פאַלטאַווער פּראָגראַם האָבן זיך נישט געקאָנט אויסטרוימען אַ געטרייערן און פעיקערן פּאָפּולאַריזאַטאָר פון זייערע אידעען ווי זרבבל.

צופוס, אויף אַלטמאָדישע וועגענער, אויטאָס, באַנען, איז ער דערגאַנגען צו הונדערטער שטעט און שטעטלעך; אויף שיפן און עראָפּלאַנען — צו אַלע ווינקלעך פון דער יידישער צעשפּרייטקייט.

אויפטריטן פון זרבבלען, אפילו אין וואָכעדיקע טעג — זענען דערהויבן געוואָרן צו יום־טובים.

לאַנגע טעג פאַר זיין קומען — געשפּאַנטע פרייִדיקע דערוואַר־טונג; איבערגעלאָזט האָט ער — אויפגעוואָכטע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אַקטיוויטעט.

גערדריקטע, פאַריאושטע שטעטלדיקע יידן האָבן אונטער זרבבלס השפּעה דעם קאָפּ העכער געהויבן.

צופרידענע מיט זיך אַליין — האָט ער אָנגעשטעקט מיט יידישן און אַלמענטשלעכן אומרו. נאַציאָנאַלע זעלבסטפאַרלייקענער, שוואַכ־זיינגען, וואָס האָבן געקלערט צו מאַכן אַ לעבן דורך אַסימילאַציע — זענען געוועזן קרבנות פון זרבבלס בייסיקן סאַרקאַזם.

זיין דערשיינען און ווידער דערשיינען פאַר ישובים איבער אַלע וועלט־טיילן האָט געהאָלפן אויפהאַלטן דעם איינהייטלעכן גייס־טיקן פּרצוף פון יידישן פאָלקס־שטאַם; זיין אָנרעגנדיקע קראַפט האָט סטימולירט בשותפותדיקע היסטאָרישע מעשים.

זרבבלס כוח צו באַאיינפלוסן האָט זיך נישט געגייטיקט אין קיין אויפקלערונגען. זיינע צוהערער האָבן אַרויסגעפילט זיין גאַנצ־קייט מיט זיך, די טיפע איבערצייגטקייט אין זיין וועג און גרענעצ־לאָזע אמונה, אַז דער וועג פירט צו פאָלקס־אויסלייזונג.

זיין אָראַטאָרישע קראַפט, וואָס האָט זעלטן איר גלייכן, האָט

אַלע סימנים פון אַ באַזונדערער מתנה פון דער נאַטור פאַר אַ מענטש, וואָס איז באַרופן צו דערפילן אַ געהויבענע פאָלקס־מיסיע. זיכער און באַרויקט פון דרויסן און אויפגעשטורעמט פון אינעווייניק — האָט זי דעם צוהערער אינעווייניק געגעבן די זיכערקייט און רו, און אין דרויסן אויפגעשטורעמט, טעטיק, אומרויִק געמאַכט.

זרבבלס יידיש איז אַ שם־דבר. צווייפלער אין שעפערישן כוח פון יידיש־לשון, האָבן הערנדיק זרבבלען זייער מיינונג געביטן.

זרבבלס וווּנדערבאַרער יידיש האָט געוועקט דרך־ארץ פאַר דער גרויסער פאָלקס־שאַפונג פון יידן אין גלות.

די אַלע אייגנשאַפטן האָבן געשפּאַנט זיינע צוהערער. גרויסע טיילן — איבערצייגט; קעגנער — האָבן אים מיט אַכטונג באַשענקט.

זיין מיינסטע צייט האָט ער געווידמעט פּאָליטישע פראַגן; פון דעסטוועגן איז ער אין דער ליטעראַרישער, טעאַטראַלער וועלט געווען פאַררעכנט ווי איינער פון אירע וואָרטזאָגער. אַ גוטער אָפּרוף געשריבן פון זרבבלען וועגן אַ דערשינענעם בוך, אָדער אַ פאָרגעקומענער טעאַטער־אויפפירונג, איז געווען פאַר די מחב־רים אַ יחוס־בריוו און פאַר די לייענער און טעאַטער־באַזוכער — אַן אָנרעגונג צו באַקענען זיך דערמיט.

זרבבלס פאָרלעזונגען וועגן יידישער ליטעראַטור האָבן באַשיינט די גרויסע שעפער, אַריינגעגעבן אַ רוח חיים אין די העלדן פון זייערע ווערק.

*

די פּרץ־ביבליאָטעק, שרייבן מיר ביים אָנהייב, האָט געפּלאַנצט אין ישראל פּיעטעט פאַר דורות שאַפן; זי האָט עס דערגרייכט אין אַ גרויסער מאָס אַדאַנק זרובבלען. זיינע אויפטריטן אין קיבוצים, אַרבעטס־ישובים, אין גרעסערע און קלענערע שטעט, האָבן ווירק־זאַם געבראָכן דעם חרם, וואָס געוויסע קרייזן אין ישוב האָבן אַרויפגעלייגט אויף יידיש לשון.

דער אינטערעס צו הערן זרבבלען אומעטום איז געווען און

איז אַ נאַטירלעכער המשך פון דעם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די אַמאָליקע היימען: פּוילן, רוסלאַנד, ליטע, רומעניע, און ווו נישט?

באַלד נאָך דער מלחמה האָט זרבבל געאײַלט צום אָרט פונעם חורבן. אין אָנבליק פון דער ליידיקער שוואַרצער פּאַנאָראַמע פון געטאָ־וואַרשע האָט ער דורכגעלעבט אַ פיזישן צוזאַמענברוך. אָבער גיך איז ער צו זיך געקומען.

עס האָט אים געשטאַרקט דאָס באַרעכטיקטע געפיל, אַז ער געהערט צו די, וואָס האָבן דערצויגן יידישע אַרבעטער און יוגנט צו דער ווירדיקער יידישער האַלטונג, וואָס האָט אויפגעבליט אין בלוט און פייער אין די געטאָ־אויפשטאַנדן און פּאַרטיזאַנער־קאַמפן. ער האָט געזאַמלט די שארית־הפליטה, דערהויבן זי צו די געבאָטן פון דער צייט. אונטער דעם איינפלוס פון זרבבלען און זיינס גלייכן, האָבן טויזנטער אויף אומלעגאַלע שיפן זיך געלאָזט און ישראל דערגרייכט.

*

מיר זענען איבערצייגט, אַז דורך אַרויסגעבן די ערשטע צוויי בענדער פון זרבבלען, וואָס נעמען אַרום: מעמואַרן, אַן אָפּקלייב פון זיינע וויכטיקסטע אַרטיקלען, רעצענזיעס, רייזע־באַשרייבונגען א. א. — שטילן מיר דעם באַגער פון אַ סך טויזנטער חברים, פריינד און לייענער אין ישראל און אין אַלע תפוצות, פאַר וועמען זרבבלס זכרונות זענען אין אַ גרויסן טייל אויך זייערע אייגענע זכרונות, מיילנשטיינער פון זייער אייגענעם דורכגעמאַכטן וועג. פון דעם בעסטן אין זייער אייגן לעבן.

פאַר דער פּרץ־ביבליאָטעק אין תל־אביב איז אַ שטאָלץ צו מאַכן איר פאַרלעגערישן אָנהייב מיט „בלעטער פון אַ לעבן" פון י. זרבבל.

1956

בריוו פון יוסף ראָטנבערג

פון אַ בריוו צו י. זרבבל

ניו־יאָרק, ד־טער אַפּריל

11.30 באַנאַכט. איצט דערהאַלטן אייער בריוו און ענטפער אייך גלייך. איך בעט אייך, ליבער זרבבל, מעסט נישט מיין אינער־לעכע באַציונג צו אייך לויט דער צאָל בריוו וואָס איך שרייב אייך. איר קענט מיין פעלער און זייט מיר דערפאַר מוחל. איך האָב זיך אין ת״א די לעצטע צוויי וואָכן אַרומגעדרייט אַ צעטומלטער. אויפן סמך פון אַ קאַמפּיין אין אַמעריקע האָב איך אַנגעבאָרגט און אַנגעבאָרגט, און אַז כ׳האָב געהאַט אַלע סימנים, אַז פון מיין רייזע וועט גאָרנישט ווערן, קאָנט איר זיך פאָרשטעלן מיין פאַרצווייפלונג. די רעשט פאַרענטפערונג וועל איך מאַכן ווען מירן זיך טרעפן. און איצט וועגן מיינע ערשטע טעג אין אַמעריקע.

מיין משפחה, גאָלדמאַן און קלמן האָבן מיך אָפּגעוואַרט. דעם זעלבן אויפדערנאַכט בין איך אַרויסגעטראָטן אויפן פייערלעכן שלוס פון דער קאָנפערענץ. איך ווייס נישט, צי איר האָט שוין געהאַט אַ באַריכט. אויב דאָס וואָס איך האָב געהערט פון גאָלדמאַנען, פאָטן, כאַנינען, בעז, סטאַלאַרסקין, מיעטעק, טיבערג און צענדליקער אַנדערע איז אמת — האָב איך געהאַלטן אַ גלענצנדיקע רעדע. טייל דעלעגאַטן פון אַרגענטינע, מעקסיקע און אַנדערע לענדער האָבן מיר געדריקט די האַנט און מיר געזאָגט, אַז פון ציוניסטישן שטאַנדפּונקט האָב איך געראַטעוועט די סיטואַציע.

דעם צווייטן טאָג בין איך אויפגעטראָטן אויף אַן אויפנאַמע פאַר די דעלעגאַטן פון אַרבעטער־קאָמיטעט. כאַנין האָט נאָך מיין

רעדע זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: איך האָב פון ראָטנבערגן געהערט זאַכן, וואָס זענען פאַר מיר אַליין געווען אינטערעסאַנט. קומט צו אונדז, האַלט זיך ביי אונדז. מיר וועלן אייך העלפן.

שבת איז געווען אַ פאַרטיי־באַנקעט. אַ גרויסע צאָל אַנוועזנדיקע. נאָך מיין רעדע האָבן זיך חברים רעגיסטרירט אויף 1000 דאָלאַר ביכער. איך האָב זיך געזען מיט ל. ער איז גרייט אינוועסטירן אין אַ שותפותדיקער דרוקעריי אַ 15—20 טויזנט דאָל. איך האָב גערעדט נאָך פריער מיט פּ. ער האָט פאַר דעם פאַרשטענדעניש. מאָרגן טרעט איך אַרויס פאַרן „אַרב. קאָמיטעט" אין פאַרווערטס־הויז. די טעלעפאָנען רוען נישט. איך האָב זיך גאָרנישט פאַרגע־שטעלט דעם געוואַלדיקן רושם פון אונדזער פאַרלאַג. דעם 5־טן מאַי טרעט איך אַרויס אין ראַדיאָ. די נאָענטסטע טעג וועל איך האָבן אינטערוויוען אין „פאַרווערטס" און „מאָרגן־זשורנאַל". די פריינדלעכקייט פון די חברים איז אויסערגעוויינלעך. ג. טוט אַלץ פאַרן דערפאָלג פון דער אַקציע. איך בין פול מיט בטחון, אַז די רייזע וועט ברענגען רעזולטאַטן. די אַקציע וואָלט אָבער געווען פּילפאַכיק געלונגענער ווען אין שפּיץ וואָלט איר געשטאַנען. אויף דער זיצונג פון צ. ק. איז ווידער געשטאַנען די פראַגע וועגן אייער קומען און ג. האָט צוגעזאָגט צו מונטערן. ס. וויל דאָס פון טיפן האַרצן. מ. הערט נישט אויף צו רעדן וועגן אייער קומען. לאָמיר האָפן! איך בין טיף איבערצייגט, אַז זיי וועלן דאָס פריער אָדער שפּעטער אַדורכברעכן.

... פאַר מיר זענען די דאָזיקע איבערלעבונגען אַ גרויסע סאַטיספאַקציע. איך וועל וויסן אָפּצושאַצן די אינסטיטוציע, די מענטשן, וואָס האָבן מיר דאָס צוגעטראָגן. דאָס וואָס איך זע דאָ און פיל דאָ, מאַכט מיר אינטערעסאַנט און פריידיק דאָס לעבן. אָבער צוגלייך באַנעם איך, אַז אַ שווערע לאַסט פון אַחריות פאַלט אויף אונדז און ממילא אויך אויף מיר.

איך בענק שוין אַהיים און איך האַלט ערשט ביים אָנהייב.

איך האָב די חברים איבערגעלאָזן אין אַ נישט לייכטן מצב. איך וועל טאָן אַלץ וואָס מעגלעך, צו פאַרלייכטערן וואָס שנעלער.

מיין משפחה נעמט מיך אויף אויסערגעוויינלעך. ליידער האָב איך צו איר קיין צייט נישט. וואָנדאַן האָב איך איבערגעלאָזן מיט אַ קראַנק קינד. גראָד דעם טאָג, ווען איך בין אַוועקגעפאָרן האָט ער געהאַט שטאַרקע היץ. אויך דאָס באַשווערט מיר מיין געמיט.

זייט געזונט און גאָר האַרציק געגריסט. ווען, וועמען — לגבי איך וועל איך זיך באַמיען צו זיין אַן אַנדערער ראָטנבערג מיט שרייבן.

אייער יוסף

פון אַ בריוו צו משה גערשאָנאָוויטש

ניו־יאָרק, 2־טער אַפּריל 1959, 1.30 ביינאַכט.

...די רייזע איז אַדורך פאַרהעלטנישמעסיק גוט. 1 שעה בין איך געווען אין אַמסטערדאַם (און נישט באַוויזן צו פאַרקויפן קיין ביכער), 2 שעה בין איך געווען אין לאָנדאָן און דעסגלייכן נישט באַוויזן צו פאַרקויפן קיין קאָמפּלעטן ביכער. פון לאָנדאָן ביז ניו־יאָרק בין איך געפלויגן גאַנצע 13 שעה, אָן איבעררייס. נאָכן אָפּפליען העכער 4 שעה פון לאָנדאָן האָב איך באַמערקט, אַז אויף מיין זייט האָט אויפגעהערט אַרבעטן איין מאָטאָר. איך האָב געטראַכט, אַז דאָס האָט דער מאַשיניסט אָפּגעשטעלט. אַרויסגעשטעלט האָט זיך, אַז דער מאָטאָר איז קאַליע געוואָרן.

ווען איך בין געקומען קיין ניו־יאָרק האָט מיר מיין קוזין געזאָגט, אַז אים האָט די סטאַציע אויסגעזאָגט דעם סוד און אַז אַעראָפּלאַנען זענען אונדז אַנטקעגנגעפלויגן. איר וועט האָבן אַ טעמע צו וויצלען זיך, אַז דאָס האָט דער מאָטאָר אויף מיין זייט נישט געקאָנט אויסהאַלטן מיין שווערע וואָג. און איצט זע איך,

ווי דו, משה, זאָגסט: האָק נישט קיין טשייניק און דערצייל בעסער, וואָס דו האָסט שוין אויפגעטאָן.

אַלזאָ, דעם זעלבן טאָג בין איך אויפגעטראָטן מיט אַ באַגריסונג פאַרן קאָנגרעס. געווען אַ גרויסער עולם (די שלוס־זיצונג), און ווי מענטשן זאָגן, איז עס אויסגעפאַלן פאַר זיי ווי אַן איבערראַשונג...

דעם צווייטן טאָג אויף אַ מיטאָג ביים אָרב. קאָמיטעט האָבן זיך צו מיר געווענדעט כאַנין און טאַבאַטשינסקי, איך זאָל רעדן דער ערשטער. איך האָב געבעטן מען זאָל מיך איבעררוקן, און ווידעראַמאָל האָט מען מיך אויסגעהערט מיט גרויס שפּאַנונג. היינט געהאַט דעם ערשטן געשפּרעך וועגן פּראַקטישע ענינים. ביי פאַטן איז פאַראַן פולע פאַרשטענדעניש. ער האָט גלייך געמאָלדן וועגן אָפּנעמען אַ צאָל קאָמפּלעטן. איך גלייב אויך צו קאָנען פאַר־גרעסערן די סובסידיע. ער האָט ביי מיר באַשטעלט אָנשרייבן אַ פּאָר זייטלעך פאַר דער „צוקונפט" און אויך רעפערירן פאַר אַ פּלענאַרער זיצונג. שבת קומט פאַר אַ קבלת־פּנים פאַר מיר אין דער פּאַרטיי. דער הסתדרות־קאַמפּיין האָט פונאַנדערגעשיקט געדרוקטע איינלאַדונגען, אין וועלכע עס איז דערמאָנט, אַז אויף דער קאָנפע־רענץ וועט באַגריסט ווערן דער פאָרשטייער פון פאַרלאַג. די יידישע ענציקלאָפּעדיע האָט מיך איינגעלאַדן אויף אַ מיטאָג. דער אָרב. קאָמ. רופט אַ ברייטערע קאָנפערענץ, אויף וועלכער איך וועל רעפערירן. איך האָב דאָס געפיל, אַז די חברים... וועלן זיך שטאַרק אַנגאַזשירן. דער טעלעפאָן ביי מיין ברודער רוט נישט. איר ווייסט אַליין נישט, ווי פּאָפּולער מיר זענען דאָ מיט אונדזער אויפטו. איך בין איבערראַשט און ממש צעטומלט. איך גלייב, אַז עס וועלן זיין רעזולטאַטן.

איך געדענק, משה, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט אויף דער שענ־קין־גאַס וועגן מיינע התחייבותן. איך געדענק אויך די פּערזענלעכע סאַטיספאַקציע וואָס כ'האָב דאָ אַדאַנק דעם, וואָס די אינסטיטוציע האָט מיך געשיקט.

...עס פאַרדריסט מיך, וואָס וואַנדאַ קאָן דאָס אַלץ נישט זען.

זי וואָלט געהאַט אַ סאַטיספאַקציע פאַר מיין ווייניק זיין אין דער היים, זענענדיק אין תל־אביב. איר קאָנט זיך נישט פאַרשטעלן, ווי מיין פאַמיליע צערטלט מיך דאָ. אויך זיי קרענקען איבער, וואָס וואַנדאַ מיטן קינד זענען דאָ נישטאָ.

פון אונטער דער ערד וואַקסן דאָ אויס באַקאַנטע. כ׳האָב זיך געזען מיט... און מיט... מיט אַלעמען איז אָנגענעם זיך צו טרעפן נאָך יאָרן צעשיידונג...

זייטביידע געזונט און האַרציק, האַרציק געגריסט. געשריבן צו אַלע חברים.

דיין יוסף

פון אַ בריוו צו אַבוש ווערבער

לאָס־אַנדזשעלעס, 24־טער מאַי 59.

...ווייסט זיכער נישט גלייבן דיינע אויגן, אַז דאָס איז אַ בריוו פון יוסף ראָטנבערגן. דאָס איז שוין אָבער נישט דער זעלבער ראָטנבערג... פון אַמאָל. ער שרייבט בריוו, פּינקטלעך, צו דער צייט קומט ער און א. וו.

מיין טייערער, מען האָט מיך דאָ אויפגענומען זייער גוט. איך בין אויפגעטראָטן אויף ראַדיאָ, אויף אַ סך פאַרזאַמלונגען, און ווי מענטשן זאָגן, איז עס אויסגעקומען גוט. פאַראַן אויך ערנסטע מאַטעריעלע דערפאָלגן. מען דאַרף אָבער קומען פריער און זיין לענגער — קאָנען די רעזולטאַטן זיין גאָר גרויסע.

נישט געקוקט אויף דער שוואַכער רעקלאַמע איז אונדזער אַרבעט זייער פּאָפּולער.

איך געפין זיך שוין 10 טעג אין לאָס־אַנדזשעלעס, און ווידער־אַמאָל, ווען די אַקציע הייבט זיך אָן דערוואַרעמען, מוז איך שוין אַוועקפאָרן, ווייל איך מוז נאָך זיין אין אַנדערע ערטער.

די באַציונג פון חברים און פריינד איז אַזאַ, אַז עס „גרוילט״

מיך ממש פון אַחריות צו קאָנען אָפּדינען די אַלע מענטשן וועז זיי וועלן באַזוכן ישראל. די אַלע מענטשן, וואָס העלפן מיר אין דער אַרבעט, די אַלע ביי וועמען איך האָב דערוועקט אינטערעס פאַר אונדז, דאַרף מען קאָנען שפּעטער דינען מיט אינפאָרמאַציע, האַלטן וואַרעם דורך בריוו — אויב מיר זאָלן דאָס אַלץ באַווייזן, קאָן דאָס זיין אַ וויכטיקער אָנשפּאַר ביים אַנטוויקלען אונדזער אינסטיטוציע.

... מאָרגן פאָר איך קיין ניו־יאָרק, וועל פאַרזעצן די פאַר־בינדונגען. דעם ערשטן יוני וועל איך זיין אין שיקאַגאָ דריי טעג, צוריק פאָרן קיין ניו־יאָרק, און פון דאָרט קיין קאַנאַדע — ווו כ׳וועל זיין בערך אַ צוויי וואָכן. ענדע יוני אָדער אָנהייב יולי וועל איך צוריק באַגליקן ישראל מיט מיין זיין דאָרט...

פון אַ בריוו צו חיים בראַנד (ניו־יאָרק)

מיין ליבער מיטעק!

באַקומען דיין בריוו דעם 17־טן, און היינט, דעם 21־טן שרייב איך דיר ענטפער.

איך האָב דאָס יאָר אַ שלעכטן ווינטער. דריי מאָל געווען פאַרקילט. די אָפטע פאַרקילונגען נעמען זיך וואָרשיינלעך דערפון, וואָס איך בין קיין איינע פון זיי נישט אויסגעלעגן. איך מיין, אַז עס איז נישט נייטיק דיר אויפצוקלערן פאַרוואָס איך בין נישט אויסגעלעגן.

די אינסטיטוציע איז אין כסדרדיקן וווקס, און צוזאַמען דערמיט זענען פאַראַן אומגעהויערע זאָרגן. גענוג דיר צו זאָגן אַז ביז יוני—יולי וועלן אין אונדזער פאַרלאַג דערשיינען 10 ביכער. מיר האָבן צו טאָן מיט מענטשן וועלכע פאַרשאַפן זייער אָפּט עגמת־נפשן אָן אַ גרענעץ. די גרעסטע צאָל טענות צו אונדז זענען בייזוויליקע, וואָס שטאַמען פון קנאה, אָבער נישט אַלע

טענות זענען פון דעם כאַראַקטער; פאַראַן אויך באַרעכטיקטע פּרעטענסיעס. אויף דעם האָב איך נאָר איין ענטפער: באַדינ־גונגען, דערביי זאָלסטו וויסן, אַז זעלטן ווער עס לעבט אַזוי שטאַרק איבער באַרעכטיקטע פּאַרוואורפן. ווער עס קען דעם אופן ווי מיר זענען אויפגעקומען, אונדזערע פאַרהעלטענישן ביי דער אַרבעט, דער מוז עס פאַרשטיין. אויב מען לעבט זיך איין אין דער לאַגע און מען זעט די ענדערונגען, וואָס זענען פאַרגעקומען פון אָנהייב ביז איצט, נישט נאָר אין פאַרנעם, נאָר טאַקע אין סדר — מוז דאָך זען דעם פאַרשריט.

איך מאַך די פאָררעדע נישט לשם דיפּלאָמאַטיע, אין וועלכער דו ביסט מיך בפירוש אומזיסט חושד, נאָר פּשוט זיך אַ ביסל אַראָפּרעדן פון האַרץ און מאַכן דיר מער פאַרשטיין מיין לאַגע...

אויף מיין בריוו צום צ. ק. נאָך מיין פאַרלאָזן אַמעריקע, האָב איך באַקומען זייער גוטע אָפּרופן. דער בריוו איז געווען אַן אויסדרוק פון מיין אינערלעכן טראַכטן וועגן די אַלע מענטשן. איך האָב געפילט אַ באַדערפעניש אָפּצודאַנקען אַלע די, וואָס האָבן מיר געגעבן פערזענלעכע און געזעלשאַפטלעכע הילף און פריינדשאַפט, גרעסערע אָדער קלענערע.

אַוודאי האָב איך געטראַכט ביים שרייבן קיינעם נישט פוגע כבוד צו זיין. מיין טיפסטע איבערצייגונג איז אָבער, אַז די כאַראַק־טעריסטיקעס בנוגע אַלע זענען געווען פּינקטלעכע. נאַטירלעך, נישט קיין פולע, ווייל עס האָבן געפעלט די שאָטן־זייטן. בין איך דען פאַר זיי אַ גענוגנדיקער אויטאָריטעט, כדי זיך דערלויבן אויך דאָס אַרויסצוברענגען?

אַ חוץ דעם האַלט איך מער פון דער שיטה ביי געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט אַרויסצוהייבן מער דאָס גוטע ביים מענטשן ווי דאָס שלעכטע, ווייל נאָר דורך דעם באַווירקט מען מענטשן צו בעסערע מעשים און אַקטיוויטעט...

זיי מיר האַרציק געגריסט און געזונט.

דיין יוסף

פון בריוו צו וואַנדאַ

יקירי,

אני נמצא כעת באוירון מעל אדמת איטליה. מזג האויר יפה. הרגשתי טוב מאד. חושב אני רק על בריאותכם ועל הסיכויים של שליחותי באמריקה...

ניו־יאָרק, 31.3.59

מיינע טייערע,

געקומען דינסטיק אין דער פרי. דער וועג איז אַדורך זייער גוט. אין אַעראָפּלאַן איז מיר געווען מעגלעך צו לייענען, שרייבן און אויך שלאָפן. אָבער די זאָרג וועגן אייך האָט מיך נישט גע־לאָזט רוען...

...אויפן פלי־פּלאַץ האָבן מיך אָפּגעוואַרט, אַ חוץ אונדזער משפּחה, אויך די חברים גאָלדמאַן און אַראָנאָוויטש. מיט גרויס פרייד האָבן זיי מיך אויפגענומען. בײַנאַכט בין איך שוין אַרויס־געטראָטן אויפן קאָנגרעס, און ווי די חברים האָבן מיר שפּעטער געזאָגט, איז די רעדע געווען אַ געלונגענע...

נחי׳לה היקר שלי,

אני נמצא, כידוע לך, באמריקה אצל דודים משה ופייוול, דודות חנה׳לה ומינה וילדה שלהם רבקה׳לה. הם אוהבים אותך ואת אמא׳לה ונדה אהובתנו. אני כבר מתגעגע אליכם מאד מאד. תהיה ילד חמוד האוהב את אמא׳לה, תשמע בקולה. אני שולח לאמא׳לה ולך נשיקות רבות ולהתראות...

שלכם יוסף



יוסף ראָטנבערג אין קרייז פון זיין משפחה אין אַמעריקע

ניו־יאָרק, 9.4.59

...מקבלים אותי מעל לחלומותי. עד עכשיו הופעתי בקונגרס, בקבלת פנים של המפלגה, „אַרבעטער קאָמיטעט", „הסתדרות־קאַמפּיין", „י. ל. פּרץ שרייבער פאַריין". יש לי רושם שהתוצאות תהיינה חיוביות...

...בקרוב אבקר בצ׳יקגו, פילדלפיה, לוס אנגלס, קנדה, יכול להיות שגם במכסיקו...

...ב־5 למאי אדבר ברדיו. מחר אתן אינטרביו לעתון „פאָר־ווערטס" ו„טאָג־מאָרגן זשורנאַל". כמעט בכל יום מזמינים אותי לחבר אחר...

...במוצאי שבת סדרו בנקט לכבודי אצל מיטעטק בראנד. השתתפו: גולדמן ואשתו, טיברג, קליין, גידנסקי ועוד חברים שאינך מקירה. ביליתי אתם עד שלוש וחצי בלילה. השבוע מוזמן אני ל„ביבקה" (מסיבה) של חברי מלודז׳...

...יש לי סיכויים לקבל כסף לרכוש מכונת הדפסה להוצאתנו בתל־אביב...

אני חי בבטחון שאשיג תוצאות טובות למפעלנו...

*

...אַלע מיינע דערפאַלגן האָבן מיר שוין דערעסן, ווייל עס בענקט זיך מיר שוין נאָך דער היים, צו אייך. עס ענדיקן זיך גאָרנישט די אויפנאַמעס, באַזוכן, שמועסן און אַרויסטרעטונגען. די פריינדלעכקייט מצד די חברים און אַפילו פון נישט חברים איז אויסערגעוויינלעך...

...איך בין נעכטן אַרויסגעטרעטן פאַרן ראַדיאָ. איך האָב נאָך נישט באַוויזן אָוועקצוגיין פון דער ראַדיאָ־סטאַציע, האָט מיך שוין אַ באַאַמטער געמאָלדן, אַז מען רופט מיך צום טעלעפאָן. — דאָס האָט איציק מאַנגער גלייך אָנגעקלונגען און מיר צוויסן געגעבן, אַז ער האָט געהערט די רעדע און ער איז זייער צופרידן פון איר...

...אין פאַרבינדונג מיט דער אַקציע רופט דער „אַרבעטער־קאָמיטעט" אין האָטעל אַ צוזאַמענטרעף, וווּ איך וועל דאַרפן זיין דער ראש המדברים...

*

...איך בין שוין ווידער אויף זיצונגען, פּערזענלעכע טרעפונגען א. אַז. וו. די אַקציע פאַרברייטערט זיך...

...דעם 18־טן בין איך געקומען אין לאָס־אַנדזשעלעס. עס איז געווען אָפּגעדרוקט אַ לענגערער שמועס מיט מיר אין „טאָג־מאָרגן זשורנאַל". איך בין נישט איבעריק פון אים צופרידן, ווייל ער האָט אַ סך אַדורכגעלאָזט און פונקט דאָס, אין וואָס איך בין גראַד געווען פאַראינטערעסירט. ער האָט אויך אַדורכגעלאָזט דעם נאָמען זרבבל, וואָס איך האָב בפירוש דערמאָנט...

*

...מאָרגן פאָר איך אָפּ פון לאָס־אַנדזשעלעס. מיין באַזוך דאָ איז

אַדורך מיט הצלחה. עס וואָלט אָבער געווען בעסער, ווען איך קאָן דאָ פאַרבלייבן נאָך אַ צוויי וואָכן. דאָס האָבן טאַקע די חברים געפאָדערט. איך האָב אָבער לענגער קיין צייט נישט געהאַט...

*

קאַליפאָרניע

..עס איז דאָ אַ וווּנדערבאַר אָרט. הויכע בערג, איך וווין נאָענט צום פּאַציפיק־ים...

...כסדרדיקע פאַרזאַמלונגען, צוזאַמענטרעפן...

מיינע טייערע, אַ שאָד, וואָס איר זעט דאָס אַלץ נישט...

*

...איך באַזוך די שטאָט, די בערג, די בילדונגס־אינסטיטוציעס, רעפאָרם־שולן...

איך האָב דערגרייכונגען פאַר דער פּרץ־ביבליאָטעק א. א...

...אין עטלעכע טעג אַרום פלי איך קיין טשיקאַגאָ. זיי גרייטן פאַר מיר צוזאַמענצוטרעפן מיט מענטשן...

*

לאָס־אַנדזשעלעס

...אין צוויי טעג אַרום פאַרלאָז איך לאָס־אַנדזשעלעס...

די חברים האָבן מיך דאָ וווּנדערבאַר אויפגענומען...

*

...מיינע טייערע,

דיינע בריוו זענען שיינע און דערמוטיקנדיקע. שרייב אָן אויפהער, און קוק נישט אויף דעם, וואָס איך פאַרשפּעטיק אַמאָל מיט שרייבן...

...פאַרן קינד קויף זייער אַפּט קאַרטלעך מיט בילדלעך און זאָג אים, אַז איך האָב דאָס געשיקט...

...ווען איך בין געגאַנגען באַלייגן דעם בריוו, האָב איך אָפּגע־



יוסף ראָטנבערג מיט זיין פרוי וואַנדאַ און זון נחי

גומען דיינע צוויי בריוו, אין וועלכע דו שרייבסט וועגן דער גייער קראַנקייט, וואָס דאָס קינד מאַכט אַדורך. דאָס האָט מיך איבגאַנצן צעדרייט, און גישט געקוקט אויף דעם, וואָס דו האָסט מיר אַזויפיל פאַרזיכערט, אַז עס איז שוין בעסער — שרייב איך און עס דאַכט זיך מיר כסדר, אַז ער רופט מיך צו זיך...

*

...זאָג אַלעמען, אַז איך קריג אַ סך בריוו אויך פון אַמעריקע און מוז קודם כל דערליידיקן מיינע פאַרפליכטונגען לגבי דער פרץ־ביבליאָטעק...

...היינט האָב איך געמוזט דערליידיקן, אַז אַלע אונדזערע ביכער זאָלן זיין אויסגעשטעלט אין דעם פאַוויליאָן פון קבוץ המאוחד, אויף אַן אויסשטעלונג, וואָס קומט דאָ פאָר אין „קאָלאָסעאום״. פאַרשטייסטו דאָך, אַז מיט מיין ענגליש, וויפל דאָס קאָסט צייט און אָנשטרענגונג...

...שבת האָט פּאָול גאָלדמאַן איינגעאָרדנט אַן אויפנאַמע פאַר מיר אין זיין הויז... מיר זענען געזעסן ביז צוויי ביינאַכט...

...עס האָבן דאָרט געדעדט און באַגריסט מיך: איציק מאַנגער (אגב זייער שיין), דער דיכטער רובינשטיין (זיין פרוי איז געווע־זענע חברטע פון פּאָליען), טיבערג, ישראל לאַנדאַן, ווייץ און קליין...

...איך האָב זיי געענטפערט אויף די באַגריסונגען.

...עס איז געווען אַ זייער האַרציקע אויפנאַמע...

גאָלדמאַן האָט דאָ אַ גרויסן אָנזען און ער איז אַ גוטער חבר...

...אין אַ שעה אַרום קומט פאַר אין אַ האָטעל אַן אויפנאַמע פאַר מיר אָרגאַניזירט פונעם „אַרבעטער־קאָמיטעט". דאָרט דאַרף געשאַפן ווערן אַ גרעסערע סומע פאַר אונדז...

...דערווייל גיסט אַ רעגן ווי מיט צעברעס, האָב איך מורא, אַז עס וועלן קומען ווייניק מענטשן...

*

...נאָכאַמאָל, וועגן מיר קלערט נישט. איך האָב דאָ אויסער אונדזער טייערער משפּחה, אַזויפיל גוטע פריינד, אַז דו דאַרפסט גאָרנישט קלערן... די צייט וועט שנעל אַדורך און איך וועל זיין אין דער היים...

*

...עס דאַכט זיך מיר כסדר, אַז אונדזער טייער יינגעלע רופט מיך ביינאַכט, אַז איך זאָל אים נעמען...

*

ניו־יאָרק, 4.6.59

...דעם שבת בין איך געווען מיט חנה'קען און משה'ן אויף אַ ישראל־קאָנצערט, ווו עס איז אַרויסגעטרעטן שושנה דמארי. זי האָט גוואַלדיק אויסגענומען...

...ביים דאָקטאָר וועל איך זיין. נישט דערפאַר, ווייל איך דאַרף אים — נאָר דערפאַר, ווייל דו פאַרלאַנגסט...

...די אַקציע אַנטוויקלט זיך און וועט במשך צוויי וואָכן פאַרענדיקט ווערן אין ניו־יאָרק. די צווייטע העלפט פון יוני וועל איך זיין אין קאַנאַדע. מאָנטרעאַל און טאָראָנטאָ... אָנהייב יולי וועל איך שוין זיין אין ישראל...

...דעם שבת רעד איך פאַר אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון רינגעלבלום־ברענטש...

*

טאָראָנטאָ, 26.6.59

...דאָס קאַרטל שרייב איך אין אַעראָפּלאַן, וואָס פירט מיך קיין קאַנאַדע. דער ספּיקער האָט איצט געמאָלדן, אַז מיר פליען שוין איבער דער קאַנאַדער ערד.

איך שטייג אָפּ אין טאָראָנטאָ. אין עטלעכע טעג אַרום פלי איך קיין מאָנטרעאָל און פון דאָרט צוריק קיין ניו־יאָרק.

נאָך עטלעכע טעג פאַרברענגען אין ניו־יאָרק, וועל איך מיטן „שנעלסטן״ אַעראָפּלאַן פליען אַ ה י י ם...

*

טאָראָנטאָ, 26.6.59

...נעכטן בין איך אָנגעקומען קיין טאָראָנטאָ. עס האָט אויפן פליפלאַץ געוואַרט דער ח׳ יחיאל גרין.

דעם זעלבן אָוונט איז פאַרגעקומען אַ גרויסע פאַרטיי־פאַרזאַמלונג אויף וועלכער איך און פינקעלשטיין האָבן גערעדט.

צו דער פאַרזאַמלונג זענען געקומען אַ גרויסע צאָל לאָדזשער חברים.

היינט אויף דער נאַכט קומט פאַר אַ זיצונג פונעם קאָמיטעט, וואָס וועט אָנפירן די אַקציע פאַר דער ביבליאָטעק...

נאָך דער זיצונג טרעט איך אַרויס אויף אַ ברעגטש. און אַזוי וועט עס וואָרשיינלעך גיין די גאַנצע צייט ביז מיין אָפּפליען קיין מאָנטרעאַל...

*

...אין טאָראָנטאָ האָבן מיר אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע, לויטן מוסטער פון אונדזערע אָרגאַניזאַציעס אין פוילן, אַן אייגענע שול און אַן אייגן גרויס הויז... נעכטן זענען העכער 100 קינדער געפאָרן אויף אַ קאָלאָניע...

*

...איך האָב דערהאַלטן די פאָטאָגראַפיעס (דיינע און דעם קינדס). זיי זענען זייער שיין. נאָר עס דאַכט זיך מיר, אַז דאָס קינד איז אַרויסגעקומען, ווי שטענדיק, אַ ביסל אומעטיק...

*

...איך האָב רעזערווירט אַ פּלאַץ אויפן אַעראָפּלאַן אויפן 14טן יולי, אַזוי אַז דעם 15טן וועל איך זיין אין דער היים...

די משפחה רעדט מיך אָבער צו, אַז איך זאָל טאָן אַזוי, ווי דו האָסט מיך געהייסן — איך זאָל פאָרן מיט דער שיף. דאַן וואָלט איך ערשט געקומען דעם 25טן יולי.

איך וויים נאָך נישט גענוי ווי אַזוי איך וועל האַנדלען. די נאָענטסטע טעג וועל איך דעצידירן...

גריס הארציק אַלע חברים און באַקאַנטע.

*

ניו־יאָרק, דעם 15.7.59

מיין טייערע,

ווען דו וועסט דערהאַלטן דעם דאָזיקן בריוו, וועט עס זיין אַ טאָג אָדער צוויי פאַר מיין אַרויפגיין אויף דער שיף. איך פאָר מיט דער שיף „אָלימפּיאַ"...

...איך ווייס, ווען דו וועסט לייענען די דאָזיקע שורות, וועסטו זיכער זיין אויף מיר אין כעס — וועסט זאָגן — „ווידער אָפּגעלייגט פון 16טן אויף דעם 24טן"...

...איין זאַך זאָלסטו וויסן, אַז זינט לאַנגע וואָכן האָב איך שלאָפלאָזע נעכט פון בענקשאַפט אַהיים. איך שעם זיך פשוט מיט מיין שוואַכן כאַראַקטער — אָבער דאָס געפיל פון אחריות האָט מיך נישט געלאָזט האַנדלען ווי אַ קינד, איבעררייסן אינדערמיט און פאָרן. האָב איך זיך כסדר געשטאַרקט און פאַרלענגערט מיין דאָ־זיין מיט 24 טעג...

*

24.7.60

...ווי דו זעסט, מיין טייערע, שרייב איך שוין דעם בריוו פון דער שיף „אָלימפּיאַ"...

...די לעצטע טעג פון מיין זיין אין אַמעריקע זענען געווען פאַר מיר זייער שווערע. איך האָב זיך זייער געיאָגט, כדי צו פאַר־ענדיקן אַלץ ווי אַמבעסטן...

...צו דער שיף זענען געקומען, אַ חוץ אונדזער גאַנצער משפחה, אויך די חברים: גאָלדמאַן, רחל פריילעך, רעגינע און לייב מייזלער מיטן קינד, קליין, אַראָנאָוויטש, ביידע ברעזערס און ביידע ווייסבראָדס...

...איך ווייס נישט, ווי מען נעמט כוח אויסצוהאַלטן צוויי וואָכן אויף דער שיף...

...נחי׳לע, חמוד — אני רץ אליכם!

דאָס לעצטע בריוול פון יוסף ראָטנבערג אין שפּיטאָל

שיקן אַ װאַרעמען בריװ צו װאַרזאַגערס ברודער אין אורוגוויי וועגן אָפּנעמען אַ 100 ביכער „ברויט".

וואָס איז מיטן בוך „ליטע"? צי איז פאָרגעקומען דער צוזאַמענטרעף מיט ראובן רובינשטיין?

איך האָב . . .

קאנדאלענץ־טעלעגראמעס

און בריוו

דער ארון מיט יוסף ראָטנבערג ווערט אַרויסגעטראָגן פון פּאַרטיי־הויז
אחדות העבודה — פּועלי־ציון

בצער וביגון אנו מודיעים על מותו של

יוסף רוטנברג

מראשי התנועה בפולין ובארץ, מנהל הוצאת ספרים ע"ש י. ל. פרץ בישראל

הלויה תצא ביום שני, (ערב פסח) (11.4.1960)
בשעה 10 לפנה"צ, מבית בורוכוב, ת"א, רח' ברנר 14

מרכז אחדות העבודה - פועלי־ציון
משרד הברית העולמית אחדות העבודה-פועלי־ציון
הנהלת הספריה והוצאת ספרים ע"ש י. ל. פרץ

וואַנדאַ יקרה !

בצער עמוק ובכאב לב קבלתי את הידיעה המעציבה על מותו של בעלך היקר.

זכורות לי השנים של עבודתנו המשותפת בפולין. בתקופה זו התחבב עלי יוסף מאוד ורחשתי לו ידידות נאמנה.

קבלי את רגשי השתתפותי באבלך הגדול בשם משפחתי ובשמי.

בידידות ראובן ארזי

צו דער פּרץ־ביבליאָטעק

מיר דריקן אויס אונדזער טיפן צער און טרויער צוליבן טויט פון יוסף ראָטנבערג.

קולטור־קאָנגרעס :

פּאַט, בעז, סיגאַל, כאַנין, פּופּקאָ, מאַנדעלמאַן, שפּיזמאַן

ניו־יאָרק.

צו דער פרץ־ביבליאָטעק

דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט דריקט אויס גרויסן צער צוליבן טויט פון יוסף ראָטנבערג. מיר פילן פיינלעך דעם פאַרלוסט.

מיטגעפיל צו זיין משפחה און חברים.

אַדאָלף העלד, יעקב פאַט, נחום כאַנין, טאַבאַטשינסקי

ניו־יאָרק.

צו דער פרץ־ביבליאָטעק

יוסף ראָטנבערגס פריצייטיקער טויט איז אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר דער משפחה, פריינד און פאַרן יידישן בוכוועזן.

מיין האַרציקסטן מיטגעפיל.

ציקאָ פאַרלאַג — איסער גאָלדבערג

אגודת העתונאים בישראל

לכבוד הספריה ע"ש י. ל. פרץ רחוב אלנבי 31, תל־אביב.

א. נ.,

בצער רב שמענו על פטירתו של מייסד ההוצאה ומנהל הספריה מר יוסף ראָטנבערג ז"ל.

קבלו נא את תנחומינו והשתתפותנו בצערכם ובאבלכם הכבד. הואילו נא למסור את תנחומינו גם למשפחת המנוח.

משה רון מזכיר כללי

געזעלשאַפט פריינד פון ייוואָ אין ישראל

צו דער פאַרוואַלטונג פון דער י. ל. פרץ־ביבליאָטעק

תל־אביב

ליבע פריינד,

מיר זענען טיף דערשלאָגן פון דעם טויט פון טייערן יוסף ראָטנבערג ז"ל. — נעמט צו אונדזער טרייסט און לאָמיר אויפהאַלטן זיין אָנדענק אין פאַרשטאַרקטער שעפערישער קולטור־אַרבעט פאַר וועלכער יוסף ראָטנבערג האָט אָפּגעגעבן זיינע בעסטע יאָרן.

פאַר דער פאַרוואַלטונג א. ליס

טאָראָנטער חברים דריקן אויס זייער טיפסטן טרויער אויפן טויט פון חבר יוסף ראָטנבערג.

אונדזער טרייסט דער משפחה.

אחדות העבודה־פועלי ציון, **טאָראָנטאָ**

לאָס־אַנדזשעלעס

מיר דריקן אויס אונדזער טיפסטן צער איבער דעם פּלוצעמדיקן טויט פון אונדזער באַליבטן, געטרייען, איבערגעגעבענעם חבר יוסף ראָטנבערג.

אונדזער מיטגעפיל דער פאַראבלטער משפּחה

עמנואל רינגעלבלום לייען־קרייז

רחל סלאבאָדקין, **סעקרעטאַר**

מיר זענען טיף דערשיטערט צוליב דער טרויעריקער ידיעה, אַז דער טויט האָט פון אונדז אַוועקגעריסן איינעם פון די איבערגעגעבנסטע חברים, מיט וועמען מיר האָבן דאָ אַזוי חבריש פאַרבראַכט — חבר יוסף ראָטנבערג.

לינע און משה מאָשקאָוויטש	מרים און משה אַדערבערג
יעטאַ און שמחה גרעי	רחל און עזריאל סלאבאָדקין
בעסי און פאול האַרעקער	לינע און הערי גרינבערג
לילי און חיים באַלינסקי	לאטי מלאך און קרעמער
שרה ווייס	

אונדזער מיטגעפיל דער ח׳טע וואנדא ראָטנבערג **אין ישראל, אויפן פריי־צייטיקן טויט פון אונדזער יוגנטלעכן חבר פון לאָדזש, יוסף ראָטנבערג,** וועמען מיר האָבן ווידעראַמאָל באַגעגנט אין לאָס־אַנדזשעלעס און האַרציק **פאַרבראַכט צוזאַמען. זייט געטרייסט!**

אסתר און לייב רויזנבלאַט

פייגל און מאיר ווייס

דער 6־טער מאַי, 1960

ליבער פריינד ש. ראָזנבערג,

דער „קולטור־ווינקל" פון לאָס־אַנדזשעלעס שליסט זיך אָן אין דעם טרויער צוליבן פריצייטיקן פאַרלוסט פון דעם פאַרוואַלטער פון י. ל. פרץ־פאַרלאַג

און ביבליאָטעק, חבר י ו ס ף ר אָ ט נ ב ע ר ג. פאַר אונדז דאָ, אין דער ווייטער אַמעריקע, איז די שלעכטע בשורה וועגן חבר ר אָ ט נ ב ע ר ג געווען אַ גאָר שווערער קלאַפּ. בעת ער איז געווען דאָ, מיט אַ יאָר צוריק, האָט דער נפטר זיך דערוואָרבן אַ סך פריינד. ער איז געווען אַ ליבער און האַרציקער מענטש און געטרייער חבר. זאָל געערט זיין זיין אָנדענק.

יעקב זינגער — סעקרעטאַר פון „קולטור־ווינקל"

ירושלים, 10.4.1960

טייערע פריינד,

איך בין טיף דערשיטערט פון דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן דער פרץ־ביבליאָטעק, ו ו אַ נ ד אַ ן, דעם פאַרלאַג, די פערזענלעכע און אידעישע חברים פון י ו ס ף ר אָ ט נ ב ע ר ג — און מיט זיי צוזאַמען — אונדז אַלע, יידישע שרייבער אין ישראל.

זיין ערלעכע מי און פלייס, זיין באַשיידן, געטריי ווירקן — האָט אונדז אַלעמען געגעבן אַ נייע האָפענונג אויף אַ נייעם תיקון. ער איז פאַרברענט געוואָרן אין זיין שטילן פייער. אַ גרויס האַרץ און אַ גרויסע אמונה ווערט הייגט געבראַכט צו קבורה.

כבוד זיין אָנדענק.

מיט אייך אין אייער גרויסן טרויער —

רחל אויערבאַך

תל־אביב, 15.4.60

צו דער פאַרוואַלטונג פון י. ל. פרץ־פאַרלאַג,

תל־אביב

חשובע פריינד,

אויך מיך האָט איבערראַשט און דערדריקט דער פּלוצעמדיקער טויט פון מר י ו ס ף ר אָ ט נ ב ע ר ג ז"ל. צו פרי פון דער וועלט אַוועק. גרויס זענען זיינע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור אין ישראל, און מ'האָט נאָך געקאָנט דערוואַרטן פון אים בלי ספק פיל דערגרייכונגען אויפן געביט פון יידישער פאַרלעגעריי — כהנה וכהנה.

נעמט צו דעם אויסדרוק פון מיין אויפריכטיקן מיטגעפיל אין אייער טרויער.

בכבוד רב ראובן רובינשטיין

מאָנטרעאל, 12.4.1960

טייערע פריינד,

איך בין טיף דערשיטערט פון דעם אַזוי פריצייטיקן טויט פון חבר יוסף ראָטנבערג — און איך בעט אייך איבערגעבן דעם טיפסטן אויס־דרוק פון מיטגעפיל דער שווער־געטראָפענער פאַראבלטער משפחה.

אייער מלך ראַוויטש

ניו־יאָרק, ערב פסח, ה׳תש״ך

טייערע חברים פון פאַרוואַלטונג און ראַט פון דעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, דערשיטערט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב זיך נאָך־וואָס דערוווסט וועגן טויט פון חבר יוסף ראָטנבערג ז״ל.

אַ טייערן ייד פאַרלאָרן, אַן אויפריכטיקן, וואַרעמען, שעפערישן. אַ טייערן פריינד האָב איך פאַרלאָרן...

מה נאמר ומה נדבר? חבל על דאבדין ולא משתכחין!

לאָמיר אַלע ווייטער אָנגיין מיט אונדזער אַרבעט, מיר, דער אומגליקלעך־גליקלעכער דור פון אומקום און אויפקום.

לאָמיר זיך האַלטן נענטער צוזאַמען!

אייער חיים שאַשקעס

גיט איבער מיין מיטגעפיל דער טרויערנדיקער משפחה.

תל־אביב, 15.4.1960

טייערער פריינד ראָזנבערג!

כ׳פיל פשוט אַן אינערלעכע באַדערפעניש אויף אַ וועלכן ס׳איז אופן אַרויסברענגען מיין צער־געפיל צוליבן טראַגיש־פריצייטיקן טויט פון יוסף ראָטנבערג ז״ל.

ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז דווקא יענעם פרייטיק, ווען ס׳איז געמאָלדן געוואָרן וועגן זיין לוויה, האָב איך געזען די צייטונג אין די מיטאָג־שעהן און געהאַט פאַרדרוס, וואָס כ׳בין נישט געקומען אים אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד.

און ווי באַלד פון זיינע חברים קען איך, בעיקר, אייך — שרייב איך צו אייך די ווייטיקלעכע ווערטער.

יהושע גלבוע

חברים, שרייבער און קולטור־טוער באַטייליקן זיך אין דער לוויה

ערב פסח — אַפּריל 11, 1960, נ. י.

צום י. ל. פרץ פֿאַרלאַג, תל־אביב, ישראל

ליבער ש. ראָזנבערג,

איך בין ממש דערשיטערט פון דער שרעקלעכער ידיעה וועגן דעם אומגליק, וואָס האָט אונדז געטראָפן מיטן טויט פון דעם ליבן און זייער יונגן אַקטיוון טוער יוסף ראַטנבערג ע״ה. איך בין טיף גערירט פון דעם ווייטיקדיקן פאַרלוסט פון אַזאַ ליכטיקן מענטשן.

איך דריק אויס דעם טיפסטן מיטגעפיל צו דער משפחה און צו די חברים פון דעם י. ל. פרץ־פאַרלאַג.

בעריש ווײַנשטיין

ניו־יאָרק, דעם 11־טן אַפּריל (ערב פסח), 1960

טייערער חבר ש. ראָזנבערג,

אייערנעכטן האָב איך אייך געשריבן אַ בריוו און נאָך געוווּנטשן מיין טייערן פריינד און חבר יוסף ראַטנבערגן אַ „רפואה שלימה״, און אַט איצט, מיט אַן ערך צען מינוט צוריק האָב איך געהערט אויף דער יידישער ראַדיאָ־שטונדע די טרויעריקע בשורה, אַז ראַטנבערג איז שוין מער נישטאָ.

אַ צעבראָכענער און טיף־דערשיטערטער שטיי איך געבויגן פאַר זיין קבר. איך קאָן גאָרנישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ער איז שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. אָט ערשט מיט אַ קנאַפּ יאָר צוריק זענען מיר געזעסן ביי מיר אין שטוב און געמאַכט פּלענער וועגן מיין קומען קיין ישראל. ער האָט מיך שטאַרק צוגערעדט, איך זאָל זיך קומען באַזעצן און איך האָב אים ממש צוגעזאָגט הייליק, אַז איך וועל דאָס טאָן, ווייל דאָס איז דאָך מיין אייביקער ציל. אָט זע איך אים אַ לעבעדיקן ביי מיין טיש! איך האָב דעמאָלט געהאַט מיט אים אַן אינטערוויו פאַר דער „פרייע אַרבעטער שטימע״, וועמענס רע־דאַקטאָר איך בין דעמאָלט געווען.

עס כאַפּט אָן אַ שרעק, דערמאָנענדיק זיך דאָס אַלץ. און שוין איז ער נישטאָ. ער איז געווען אַ טייערער מענטש, וועמען מ׳האָט געקאָנט ליב האָבן.

איך דריק אויס מיין טיפסטן מיטגעפיל צו דער פאַמיליע זיינער און צו זיין פאַרטיי, דער אחדות העבודה, און צו דעם פאַרלאַג י. ל. פרץ — אויף זיין פלוצעמדיקן טויט.

כבוד זיין אָנדענק.

שלמה ראָזנבערג

8.5.1960, המעפיל

ליבע פריינד פון דער פרץ־ביבליאָטעק,

טיף דערשיטערט פון דעם פלוצעמדיקן און פריצייטיקן טויט פון פריינד און חבר י ו ס ף ר אָ ט נ ב ע ר ג עליו השלום, טרויערן מיר צוזאַמען מיט אייך און מיט אַלע פריינד פון דער פרץ־ביבליאָטעק אויפן גרויסן פאַרלוסט, וואָס דער גורל האָט אונדז אַלעמען גורם געווען. פאַר דער קורצער צייט פון אונדזער קאָנטאַקט מיטן חבר ר אָ ט נ ב ע ר ג האָט ער זיך אונדז איינגעקריצט אין זכרון ווי אַ ליבער, באַשיידענער און טרייער פריינד.

גיט איבער דער פאַריתומטער משפחה אונדזער מיטגעפיל און אנטייל אין זייער גרויסן טרויער.

רבקה און מוליע באַסמאַן־בן־חיים

19.4.60 ניו־יאָרק,

טייערער פריינד ראָזנבערג,

ערשט היינט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז חבר ר אָ ט נ ב ע ר ג איז פלוצעם אַוועק פון אונדז. בעט איך אייך אָננעמען און איבערגעבן זיין משפחה

מײַן אויפֿריכטיקן מיטגעפֿיל. כ׳וואָלט זאָגן מער, אָבער ווי נעמט מען די ווערטער? איך טייל אײַער טרויער.

מיט דרך־ארץ

אויפֿריכטיק אײַער פּ. גאָרעליק

ירושלים, 13.4.60

ח״ח ש. ראָזנבערג,

כ׳געפֿין פֿאַר מײַן חוב, אויסצודריקן מײַן טיפֿן באַדויער צוליבן פֿרי־צײַטיקן אַוועקגעריסן ווערן פֿון יוסף ראָטנבערג.

...ס׳איז נאָך שווער איצט אָפּצושאַצן, וואָס עס באַדײַט דער פֿרץ־פֿאַרלאָג פֿאַר דער זיך־ראַנגלענדיקער ייִדיש־ליטעראַטור, אָבער עס איז קלאָר, אַז דער המשך פֿונעם דאָזיקן ווערק וועט ערשט באַווײַזן, ווי ווײַט וויכטיק עס איז געווען דער אויפֿטו.

אײַך, חבר ראָזנבערג, און די איבעריקע חברים, וואָס זענען אַרײַנגעטאָן אין מ״ט שערי מעשה פֿון פּרץ־פֿאַרלאַג, וויל איך זאָגן:

עס וועט זײַן צו כבוד פֿון טײַערן אָנדענק פֿון ראָטנבערג און דעם כבוד פֿון דער ייִדיש־קולטור, אַז איר אַלע זאָלט שטיין אומדערמידלעך אויף דער וואַך — כּדי דאָס וויכטיקע ווערק זאָל ממשיך זײַן.

אַזוי איז שוין דער גורל פֿון אַקטיווע קולטור־מענטשן, אַז אָנצינדנדיק דעם פֿאַקל לאָזן זיי אים ברענען און לײַכטן — אַפֿילו נאָך דעם ווי זיי אַליין ווערן לײַדער אויסגעלאָשן.

מיט חברשן מיטגעפֿיל־אויסדרוק

שחרית

ניו־יאָרק

טײַערע וואַנדאַ!

מיר האָבן אַדורכגעלעבט אַזאַ קלאַפּ, אַזאַ צעטרייסלונג, אַז מיר האָבן נישט געוווּסט ווי צו האַנדלען: מיר האָבן פֿאַרלאָרן יוספֿן...

עס איז שווער צו געפֿינען פֿאַר דיר אַ טרייסט. דאָס לעבן איז דאָך אומ־ברחמנותדיק. אָבער דײַן גרויסע פֿליכט צו דיר אַליין און צו דײַן קינד מוז דיר געבן דעם כּוח צו זײַן שטאַרק. דו האָסט אַ וווּנדערבאַרן זון און דו ווייסט איצט מוזן אויספֿילן די ראָל פֿון ביידע עלטערן.



ביים ארון פון יוסף ראָטנבערג

דאָס זענען נישט קיין עצות. דאָס זענען ווערטער פון האַרץ און ניכטערע געדאַנקען. דער גורל האָט געוואָלט, אַז אונדזער דור איז אויסגעקומען אַדורכ־צוגיין דעם גרעסטן גיהנום און קאטאקליזם. פון דער אַנדערער זייט האָט עס אונדז געגעבן גבורה אויסצוהאַלטן שרעקלעכע נסיונות.

זײ שטאַרק, ווי דו ביסט געווען אין די שרעקלעכע צייטן. געפין כוח אין דיין גרויסער פליכט.

רעגינא און לייב ווייץ

אויפן לעצטן וועג

תל־אביב, 14 באפריל 1960

לכבוד הוצאת ספרים וספרית י. ל. פרץ,
רח׳ אלנבי 31, תל־אביב.

א. נ.,

קבלו נא את השתתפותנו הכנה בצערכם לפטירת מנהלכם י ו ס ף ר ו ט נ ב ר ג ז״ל.

המנוח ישאר בזכרוננו כדוגמא לאיש התרבות היהודית, לפי מיטב המסורת של יהדות פולניה.

בהמשכת מפעלו תמצאו תנחומים.

בכל הכבוד חברת תורן בע״מ

12.4.1960

א. נ.

הואיל נא לקבל את רגשי השתתפותי הכנה בצערכם, על מותו ללא־עת של מר רוטנברג.

בכבוד רב הלנה שרשבסקי

ספרית פרץ אלנבי 31, תל־אביב

מזועזעים ממותו הפתאומי של יוסף רוטנברג.

הלה וחנן פוזניאק

14.4.60 קבוצת דברת,

לכבוד הנהלת ספרית והוצאת ספרים י. ל. פרץ.

בזה הנני רוצה להביע את צערי העמוק על מותו ללא עת של חבר ההנהלה י. רוטנברג ז״ל. שנלקח מאתנו בעצם עבודתו הפוריה בשטח ספרות יידיש ועברית.

הכרתיו זמן קצר, אך נוכחתי לדעת ולהכיר את יחסו הלבבי אל הבריות ומסירותו למפעל לו הקדיש את מיטב זמנו ויכולתו.

יהיה זכרו ברוך!

אתכם באבלכם ב. אפשטיין

12.4.60

טייערע וואנדאַ!

סאָניע און איך זענען שרעקלעך דערשיטערט פון דער טרויעריקער נייעס. אַלץ וואָס איך וועל זאָגן קאָן נישט אויסדריקן אונדזער צער און וועט נישט העלפן פאַרלייכטערן אייער טרויער.

איך וויל בלויז האָפן, אַז איר וועט זיין די קלוגע, מוטיקע וואַנדאַ, ווי אַלע מאָל און וועט זיך נישט לאָזן צוזאַמענברעכן פון טרויעריקן גורל.

מיר ליבן אייך און טראַכטן פון אייך

אייערע סאָניע און זלמן דינין

חולון, ערב פסח תש״ך

איך בין דערשיטערט צו הערן אַז אונדזער יוסף ראָטנבערג הלך לעולמו אין זיינע בעסטע יאָרן פון שאַפן אויפן געביט פון נאַציאָנאַלער קולטור און ציונות.

עס זענען נישטאָ קיין ווערטער צו טרייסטן. מיר מוזן אָננעמען אונדזער טראַדיציאָנעלן גורל: „ד׳ נתן וד׳ לקח״ און זיך צופרידנשטעלן מיטן גרויסן בנין „י. ל. פרץ־פּאַרלאַג״, וואָס ראָטנבערג האָט געשאַפן אויף געזונטע יסודות. תנצב״ה.

נחמן דרוזדוב

חברים,

פונקט 1 דעם זייגער, מאָנטיק פרימאָרגן, האָב איך באַקומען די „לעצטע נייעס״ און ס׳איז מיר געוואָרן פינצטער פאַר מיינע אויגן דערזעענדיק די אומגלויבלעכע מעלדונג, אַז אונדזער חבר און פריינד יוסף ראָטנבערג איז פון אונדז אַוועק אויף אייביק.

איך קאָן מער גאָרנישט זאָגן. מיין שוואַך האַרץ ליידט דערפון, און צו דער לוויה איז שווין שפּעט פאַר מיר צו גיין.

מיין טרויער איז פאַראייניקט מיט אייערן.

חבל על דאבדין ולא משתכחין.

משה וויסמאַן און פרוי הינדע

די שלעכטע בשורה וועגן דעם פּלוצעמדיקן און פריצייטיקן טויט פון דעם נאָך גאָר יונגען און ענערגישן פאַרוואַלטער פון דער י. ל. פרץ־ביבליאָטעק און פאַרלאַג, יוסף ראָטנבערג, האָט אונדז איינגעהילט אין טרויער אַ היפּשע צייט. איך האָב עטלעכע טעג נישט געוואָלט גלויבן די נייעס פון דער ״יטאַ, ביז זי איז אויף אַן אמת באַשטעטיקט געוואָרן.

ווען יוסף ראָטנבערג איז געקומען אין לאָס־אַנדזשעלעס, אין שליחות פון דעם י. ל. פרץ־פּאַרלאַג, האָב איך זיך נענטער באַקאַנט מיט אים. די עטלעכע וואָכן וואָס ער האָט פאַרבראַכט מיט אונדז, האָב איך זיך מיט אים געזען יעדן טאָג. איך האָב אים פּרובירט העלפן אין יעדער הינזיכט, אַז זיין שליחות זאָל געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג.

זייענדיק מיט אים אין פּערזענלעכן קאָנטאַקט, איז נאָכאַמאָל באַשטעטיקט

געוואָרן מיין מיינונג וועגן ראָטנבערגן; ער האָט געאַרבעט אומדערמידלעך און איבערגעבן. ער האָט כמעט נישט גערוט, ווי דער פאַרלאַג און די ביב־ליאָטעק וואָלטן געווען זיין פּערזענלעכער אינטערעס, זיין אייגן קינד. ער האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגן ישראל, וועגן די דאָרטיקע יידישע שרייבער און אויך וועגן די גרויסע פּלענער, וואָס דער י. ל. פּרץ־פאַרלאַג האָט פאַר זיך, פאַר ישראל. מענטשן האָבן באַוואונדערט זיין אומדערמידלעכקייט, גלויבן און איבערגעגעבנקייט. דאָס האָט זיי דערנענטערט צו אים.

איך וויל דאָ אויסדריקן טרייסט צו דער פרוי און קינד וועמען חבר ראָטנבערג האָט איבערגעלאָזט, אַז זיי זאָלן מער קיין צער נישט האָבן אין זייער משפחה. דאָס זעלבע וויל איך זאָגן צו די חברים וואָס זענען געשטאַנען מיט אים ביי דער אַרבעט, טאָג איין, טאָג אויס. אויף זיי וועט איצט פאַלן אַ גרעסערע אחריות פאַרצוזעצן די אַרבעט פון דער ביבליאָטעק און פון דעם פאַרלאַג.

יעקב זינגער — לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע

פאַריז, 9־טער אַפּריל, 1960

מיר זענען אַלע פשוט אויפגעציטערט געוואָרן.

שלמה שווייצער

תל־אביב, 13.4.60

צו דער לייטונג פון דער י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק,

מיר בעטן צונעמען אונדזער טיפסטע מיטבאַטייליקונג פון צער און טרויער צוליבן פריצייטיקן טויט פון אייער לייטער יוסף ראָטנבערג ז״ל. —

אונדזער באַקאַנטשאַפט מיט ראָטנבערגן איז וואָס אַן אמת געווען אַ קורצע, אָבער פול מיט פריינדשאַפט און קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש, האַרציקייט און ליבשאַפט — איבערגעגעבנקייט אַן גרענעץ צום ווערק וואָס הייסט „פּרץ־פאַרלאַג״.

מיר באַוויינען צוזאַמען מיט אייך זיין פריצייטיקן טויט.

מיר בעטן איבערגעבן דער אלמנה וואַנדאַ ראָטנבערג אונדזערע טרייסט־ווערטער.

לענאַ קיכלער

מרדכי זילבערמאַן

פאַריז, דעם 20 אַפּריל 1960

מיינע טייערע...

היינט איז צו מיר דערגאַנגען די ידיעה, אַז יוסף ראַטנבערג איז מער נישטאָ.

איך שרייב צו אייך מיט אַן איבערפולט האַרץ.

ווער האָט זיך געקאַנט ריכטן ?

נעמט צו מיין מיטגעפיל צו זיין משפחה און צו אַלע חברים. האַלט־אויף מיט אַלע מיטלען דעם פאַרלאַג, וואָס ער האָט געשאַפן.

כ׳באַדויער, וואָס אַפּטמאָל האָבן מיר זיך נישט פאַרשטאַנען — — — אָבער די אחריות האָט שטענדיק דאָמינירט אין אַלע אונדזערע האַנדלונגען.

זייט אַלע געטרייסט, באַזונדערס — וואַנדאַ מיטן קינד.

זייט געשטאַרקט !

מענדל מאַן

מאָנטרעאַל, דעם 15־טן אַפּריל 1960

טייערע חברים,

ערשט היינט האָב איך זיך דערוווּסט די שרעקלעכע בשורה, אַז אונדזער יוסף ראַטנבערג איז שוין נישטאָ מער צווישן די לעבעדיקע.

מלך ראַוויטש האָט שוין געוווּסט וועגן דעם מיט עטלעכע טעג פריער, ער האָט עס מיר אָבער נישט דערציילט ; קיינער האָט מיר אויך נישט געשריבן, אַז ראַטנבערג איז שוין אייניקע וואָכן געווען שווער קראַנק. די ידיעה איז צו מיר דערגאַנגען אַזוי פּלוצעם, אַז איך קאָן נאָך נישט קומען צו זיך פון דעם שאָק.

עס איז אַ ריס אין האַרצן און גאָרנישט אויסצודענקען, אַז איך וועל אים מער נישט זען, ווען איך באַווייַן דעם טויט פון דעם טייערן פריינד און ליב־האַרציקן מענטשן יוסף ראַטנבערג.

איך בעט אייך איבערגעבן פרוי ראַטנבערג און די קרובים אין מיין און מיין פרויס נאָמען אונדזער טיפסטן מיטגעפיל און אָנטייל אין דער שווערער אבידה.

אייער הערץ גראָסבאָרד



די מצבה אויפן קבר פון יוסף ראָטנבערג

אינהאַלט

פון פאַרלאַג 7

וועגן יוסף ראָטנבערג

י. זרבבל / יוסף ראָטנבערג און זיין לעבנס־ווערק . . . 11
נחום ניר / יוסף ראָטנבערג 18
מ. ערעם / צו זיין געשטאַלט 21
חיים פינקלשטיין / די אויגן האָבן גערעדט 24
ישראל סטאָלאַרסקי / יוסף ראָטנבערג איז שוין אויך נישטאָ . 29
שמעון ראָזענבערג / יוסף ראָטנבערג 32
אַבוש ווערבער / דער רעאַלער אָפּטימיסט 39
משה גערשאָנאָוויטש / מיט האָרץ און נשמה 43
יחיאל האָפּער / יוסף ראָטנבערג 48
שפרה ווערבער / אין דיין לעצטער טרער (ליד) 55
מלך ראַוויטש / יוסף ראָטנבערג 57
רחל קאָרן / * 59
שלמה ביקל / * 60
אפרים שרייער / אַ וואָרט וועגן לעבן פון אַ חבר . . . 61
בינם העלער / * 64
יצחק טורקאָוו / אַ פשוטער יידישער פאָלקס־מענטש . . . 65
אברהם קאַגאַן / צו דער ערשטער יאָרצייט 70
עזרא אַנטיגנוס / אונדזער שול־חבר 76
יעקב בעקער / יוסף ראָטנבערג 79
נ. ווערטהיים / דער חן פון אַ יידישן פאָלקס־מענטש . . 84
יאַמאַ / מיין חבר 87
חיים בראַנד / נישטאָ מער מיין חבר יוסף ראָטנבערג . . 91
יעקב פאַט / דריי באַגעגענישן מיט יוסף ראָטנבערג . . . 97
שלמה ראָזענבערג / פון אַ שמועס מיט יוסף ראָטנבערג . . 104
מ. ל. גאָלדמאַן / י. ראָטנבערגס שליחות אין אַמעריקע . . 109
י. זרבבל / פאַרזונקען אין הילפסלאָזן צער 113
י. מענדעלסאָן / נאָך דער לוויה פון יוסף ראָטנבערג . . 115

אַרטיקלען פון יוסף ראָטנבערג

יידישע קאָמיטעטן אין פוילן 131
צווייִ יאָר יידישע קאָמיטעטן אין פוילן 135
צו נייע אויפגאַבן 140
טעראָר אָדער קאַמף פאַר אויפבוי 144
זאַמלען פּיאָנערישע כוחות 150
אויפן ראַנד פון דער דער לאַנד־באַראַטונג פון דער יוגנט . . . 157
הקדמה צו י. זרבבלס „בלעטער פון אַ לעבן" 163
בריוו פון יוסף ראָטנבערג 167
קאָנדעלענץ־טעלעגראַמעס און בריוו 185

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ זענען ביז איצט דערשינען:

אין יידיש:

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 1) — אויספאַרקויפט
י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 2)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קיבוץ־לעבן)
מלך נוי (ניישטאַט)	דאָס ערשטע און צענטע יאָר מדינת ישראל
מאַטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש (לידער)
יצחק לעוו	אין געראַנגל (געקליבענע שריפטן)
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פּאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 1)
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 2)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דרוזדוב	אחד־העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם (לידער)
י. צ. שאַרגעל	פון ווייַ און גלויבן (לידער)
דוד זאַקאַליק	געראַנגל
א. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פּאַרשטויסענע ברידער
מרדכי אורן	דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 1)
מרדכי אורן	דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 2)
יחיאל האָפער	ר' זלמן
א. שטיינבאַרג	משלים
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער
נ. ניר־ראַפּאַלקעס	ערשטע יאָרן
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
ש. וואַרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
בעריש וויינשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער גייער היים

אברהם ליס	חיים און דויער (עסייען)
ד״ר ח. שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
משה ווייסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פ. גאָרעליק	פון די מלינער וועלטן
י. בראָנשטיין	אינאיינעם און באַזונדער
פ. בערמאַן	אָפּענע פענצטער (לידער)
א. וואָלף יאַסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדוש אין די יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג
אריה שמרי	די פונקען פון תיקון (פּאָעמע)
א. סוצקעווער	אָאַזיס (לידער)
א. מנור	40 יאָר הסתדרות
א. לעוו	ביימער אין ווינט (לידער)
ל. אליצקי	מיין האַרץ־רייזע (לידער)
יעקב כהן	דער גורל פונעם ייד
נ. דרוזדוב	יידן אין מיטלאַלטערלעכן איטאַליע
ספר זרבבל	צו זיין 75טן געבוירנטאָג
י. פּאַפּיערניקאָוו	די זון הינטער מיר (לידער)
ד״ר צבי כהן	די העלדן אין דער וועלט־געשיכטע
מ. יפה	ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור
ד״ר מ. דוואָרזשעצקי	אייראָפּע אָן קינדער
ק. צעטניק	דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ
מלכה לי	אין ליכט פון דורות (לידער)
דבורה דיין	אין גליק און אין טרויער
ש. פּאָליאַקעוויטש	אין אַ פרעמדער הויט
ב. עפּשטיין	זאַנגען אויפן ווינט
יוסף גאַר	ווידערקלאַנגען

אין עברית:

יוסף רוזן	כתבים נבחרים
אפרים שרייער	אמנות ותיאטרון
י. לשצינסקי	הדמות הלאומית של יהדות הגולה
יעקב פאַט	שיחות עם סופרים יהודיים
מ. ברלנד	300 שעות בגיטו הדועך
יהושע גלבוע	על חרבות התרבות היהודית בברית־המועצות
נ. חנין	ברלה
י. זרבבל	עלי חיים
אפרים אויערבאַך	קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)
א. אלמי	בין סיני לאולימפוס
מ. בורשטין	פת ומלח
ר. קביאטקובסקי־פנחסיק	נשים מאחורי הגדר